מ. אלגין

# צעבראַכענע גראַטעם

# צעבראָכענע גראַטעם

פון

## ם. אַלגין

פארלאַג אידביוראָ



ם. אלגין

# צעבראָכענע גראַטעס

ארויסגעגעבן פון דער אידישער ביוראָ
באַם צענטראַל קאָמיטעט, קאָמוניסטישע פּאַרטיי
פון די פאַראייניקטע שטאַטן

ניו יאָרק, אַפּריל, 1937.

•

# BROKEN BARS

## By M. J. OLGIN

Published by the Jewish Bureau of the Central Committee
of the Communist Party, U. S. A.
New York, April, 1937

Printed in the U.S.A.

ערשטער קאַפּיטל

# מען אַרעסטירט מיך

די טיר האָט זיך געעפֿנט און מיין צימער איז פֿול געוואָרן מיט פּאָליציי־סקע. אַ זשאַנדאַרמסקער אָפֿיציר האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— דאָס וואוינט איר דאָ?

איך האָב געענטפֿערט. דער אָפֿיציר האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט אינעם קליינעם צימער.

— און ווער איז אָט דער מאַן?

איך האָב אָנגערופֿן אפֿרים׳ס נאָמען.

— און ווער איז די פֿריילין?

איך האָב געענטפֿערט.

— וואָס טוט איר דאָ?

— איר זעט דאָך: מיר טרינקען טיי.

אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ זידנדיקער סאַמאָוואַר, און דריי גלעזער זיינען געווען אָנגעפֿילט מיט הייסער טיי.

דער אָפֿיציר האָט אַ כראָפּע געטאָן מיט פֿאַראַכטונג:

— באָ, מיר וועלן שוין, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ טיי.

און ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו די צוויי פּריוואַט־געקליידעטע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן זיין זייט:

— אַרומזוכן!

די צוויי זיינען געווען שפּיאָנען. זיי האָבן זיך גענומען איבערנישטערן מיין ביסל באַלעבאַטישקייט מיט פֿלינקע קוואַליפֿיצירטע פֿינגער.

קיין סך וואו אַרומצוזוכן איז ניט געווען. דער צימער — זיבן טריט אין דער לענג, פֿינף אין דער ברייט — האָט פֿאַרמאָגט אַ טיש, אַ בעטל, צוויי שטולן, אַ הענגער אויף איינער פֿון די ווענט און אַ „סאָרווינע". דאָס איז געווען אַ מין טראָנק, געפֿלאָכטן פֿון שטעקעלעך. אין רוסלאַנד האָט מען זיך שטאַרק באַנוצט מיט אַזוינע קערב פֿאַר באַגאַזש.

עס האָט די שפּיאָנען לאַנג ניט געדויערט — און זיי האָבן אַרויסגע־שלעפּט פֿון דעם קאָרב די עטלעכע אומלעגאַלע בראָשורן, וואָס זיינען דאָרט

חבר לואי הארקאווי'ן

געלעגן אַף דער דעס. איך געדענק ווי איצט: דאָס איז געווען דער „קאָמוני־
סטישער מאַניפעסט״, אויסלענדישע אויסגאַבע אַף זייער דין פּאַפּיר; צוויי
בראָשורן קעגן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; אַן אַלטער נומער
„איסקרא״ און אַ נומער „אַרבעטער־שטימע״.

איך האָב אייגנטלעך ניט געטאָרט האַלטן אָט די ליטעראַטור בא זיך אין צימער. עס איז געווען קעגן די געזעצן פון קאָנספּיראַציע. אָבער איך האָב נאָכאַנאַנד געטראַכט, אַז מען דאַרף אײַנזינען האָבן יעדע לאַגע באַזונדער. איך בין געווען זיכער, אַז אַף מיר איז ניטאָ קיין פּאָליציייאישער פאַרדאַכט. איך בין געווען זיכער, אַז מיין קוואַרטיר איז „ריין״. איך בין געווען ערשט פינף וואָכן אין ווילנע. איך האָב דאָך דעמאָלט ניט געקענט וויסן, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אַ פּראָוואָקאַטאָר מיטן נאָמען קאַפּלינסקי און אַז דער פּראָוואָקאַטאָר גיט אַרויס דער פּאָליציי פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערן, כדי צו באַרעכטיקן די „שכירות״, וואָס ער קריגט פונעם צאַר, און כדי צו באַווייזן, אַז ער שלאָפט ניט און דרעמלט ניט אינעם דינסט פון די אונטער־דריקער.

ווען איך האָב געדונגען דעם צימער, בין איך געווען איבערצייגט, אַז איך האָב דאָ אָפּגעטאָן אַ קונציק שטיקל אַרבעט. דער צימער האָט זיך געפונען אין דער דאַטשע־געגנט, וואָס רופט זיך זווערינעץ, הינטער ווילנע, אַף יענער זייט פונעם טייך ווילי'ע. אין אַ דאַטשע־געגנט איז לייכטער צו דערקענען אַ שפּיאָן. אָבער ניט דערין איז באַשטאַנען דער איינפאַל, וואָס איז מיר אַליין שטאַרק געפעלן. גראָד האָט זיך אין זווערינעץ דעמאָלט געפונען אַ שול פון פּאָליציייסקע (בא אונז אין אַמעריקע וואָלט מען דאָס גערופן: פּאָליס אָפיסערס טרעינינג סקול). אין דעם איינציקן הויז, וואָס האָט פאַרדונגען מעבלירטע צימערן אין זווערינעץ (רומינג הויז), זיינען עטלעכע צימערן געווען פאַרנומען מיט פּאָליציי־סטודענטן. נו, האָב איך דווקא געדונגען אַ צימער אין אָט דעם הויז. איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָרט, וואו עס איז דאָ אַזויפיל היטער פון געזעץ, וועט קיינעם ניט איינפאַלן צו פאַרדעכטיקן אַ רעוואָלוציאָנער.

דאָס איז געווען דעם 16טן אַפּריל, 1904.

די בוימער אין זווערינעץ זיינען שוין געווען באַהויכט מיט דער ערשטער גרינקייט פון פרילינג. די לופט איז געווען וואַרעם. גאַנץ זווערינעץ האָט אויסגעזען ווי אַ גאָרטן, וואָרים די הייזער זיינען געלעגן צווישן בוימער און אַ סך הייזער האָבן געהאַט גערטנדלעך פון פאָרנט. די ערשטע בלומען האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן פון דער ערד. ניט ווייט, אונטערן באַרג, איז

געפלאָסן די חנ׳עוודיקע פאַר׳חלום׳טע ווילע. איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָ וועל איך קענען אי לעבן נעענטער צו דער נאַטור, אי האָבן פריִע צייט צו שטודירן, — אַ חוץ דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע. טאַקע צוליב דעם האָב איך זיך באַוואָרנט מיט די בראָשורן.

— געגאַנגען!

מען פירט אונדז אַרויס פונעם צימער. צוויי פּאָליציייליום בא מיר, צוויי בא מיין חבר אפרים׳ען, צוויי בא דער חבר׳טע. די מענטשן אין קאָרידאָר שטעלן זיך אָפּ, גאַפן. די פּאָליציי־סטודענטן סאַלוטירן דעם זשאַנדאַרמסקע אָפיציר. אױף זייערע ליפּן איז אַ דינער שמייכל, ווי איינער רעדט: „געפּאַקט די העכט."

מיך פאַרדריסט דער אַרעסט, אָבער נאָך מער פאַרדריסט מיך, וואָס מען האָט אונדז געפּאַקט ווי די העכט. גראָד האָבן מיר דאָך יענעם נאָכמיטאָג זיך באַנעגנט ניט צוליב די נויטן פון דער אָרגאַניזאַציע, נאָר גלאַט צו פאַר־ברענגען. מיר האָבן געוואָלט „טרינקען אַ גלאָז מַאי" אין אַ דאַטשע־געגנט און איבערכאַפּן דעם אָטעם נאָך דער אַרבעט פון צוגרייטן דעם ערשטן מאַי. גאַ דיר אַן איבערגעכאַפּטער אָטעם!

ווען איך בין שוין געפאָרן אין דער דראָזשקע מיט אַן אויפגעשטעלטן וועדך, איז אַ שפּיאָן אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם פוס־ברעטל און אַריינגע־שטעקט זיין קאָפּ צו מיר אינעווייניק. אויף זיין פּנים איז געווען אַ שמייכל, וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַ גרימאַסע. „געפּאַקט די העכט."

מסתמא איז דאָס געווען דער שפּיאָן, וואָס האָט געדאַרפט אויף מיר „אַכטונג געבן" פון דרויסן.

זיין פּנים מיט דער פּאַסקודנער גרימאַסע וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

## צווייטער קאַפּיטל

# אין פּאָליצייאישן אוטשאַסטאָק

געפאָרן זיינען מיר יעדער איינער אויף אַ באַזונדערן איזוואָזטשיק. מיט יעדן פון אונז איז געזעסן איין פּאָליציימאַן אויבנאָן און איינער לעבן אָנטרייבער. ניט ווייט פון דעם פּאָליצייאישן אוטשאַסטאָק (פּאָלים־סטעישאָן) האָט מען אָפּגעשטעלט די איזוואָזטשיקעס, אונז געהייסן אַרויסגיין, און פון דאָרטן זיינען מיר שוין געגאַנגען צופוס ביז דעם אוטשאַסטאָק.

קיין סך ריידן איינער מיטן אַנדערן איז ניטאָ וואָס. אַלצדינג איז קלאָר. אויב מען זאָגט אַ וואָרט, איז נאָר וועגן זייטיקע זאַכן.

אָבער דאָ רוקט זיך צו צו מיר אפרים און רוימט מיר איין עפּעס, וואָס מאַכט מיך קאַלט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז יענעם פרימאָרגן האָט ער, אפרים, באַקומען אַ קוויטאַנציע פון דער באַן אויף אַ פּעקל פּראַכט. די וואָג פון דעם פּעקל איז באַצייכנט געוואָרן אין דער קוויטאַנציע: 4 פּוד מיט 30 פונט (190 פונט). מיר האָבן געוואוסט וואָס דאָס איז: דאָס זיינען געווען מאַי־פּראָקלאַמאַציעס אויף רוסיש, וועלכע האָבן זיך געווענדעט דירעקט צו דער רוסישער באַפעלקערונג און האָבן באַהאַנדלט די פראַגע פון פּראָגראַמען. מיר האָבן אויף דעם טראַנספּאָרט אַרויסגעקוקט שוין לאַנג. נו, האָט אפרים מיטגענומען מיט זיך אָט די קוויטאַנציע און האָט זי געבראַכט צו מיר אין צימער. דאָס אַליין איז שוין געווען אויך אַ גרויסער פאַרברעך קעגן געזעצן פון קאָנספּיראַציע. אָבער דאָס איז ניט גענוג. אַנשטאָט צו זען ביסלעכווייז פאַרניכטן די קוויטאַנציע, אויב נייטיק זי צעקייען און אַראָפּשלינגען, ווי עס דאַרפן טאָן רעוואָלוציאָנערן, האָט ער זי אַרונטערגעוואָרפן אונטערן בעט פון מיין צימער שוין נאָכדעם, ווי דער צימער איז באַזוכט געוואָרן. וואָס האָט ער גערעכנט? ער האָט זיך געטראַכט: אפשר ווען דאָס דינסט־מיידל וועט קומען אויסקערן דעם צימער, וואו עס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אַלערליי פּאַפּירן, וועט זי די קוויטאַנציע אַרויסקערן מיטן מיסט. אויב דאָס זאָל אַזוי זיין, וואָלט געווען זייער גוט. אָבער וואָס וועט זיין, אויב זי דערקענט, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער פּאַפּיר, און גיט דאָס איבער אין די הענט פון דער פּאָליציי?

איך האָב נעוואָלט אין כעס ווערן אַף אפרים'ען, אָבער איך אַליין האָב דאָך אויך ניט געהאַנדלט לויט די בעסטע כללים פון אונטערערדישער ארבעט. אויפרעגן זיך אין אַזאַ פאַל איז איבעריק. וואָס וועט עס העלפן? ביסטו שוין איינמאָל אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, דאַרפסטו, פאַרשטייט זיך, טאָן וואָס דו קענסט, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן אויסגעפינען אַלצדינג. אָבער וואָס ניט מעגלעך איז ניט מעגלעך.

איך האָב נאָך בארואיקט אפרים'ען:

— מילא, פאַרפאַלן. וואָס קען מען דאָ טאָן?

מען האָט אונדז געבראַכט אין אוטשאַסטאָק. די חבר'טע האָט מען אַריינגעזעצט אין אַ קאַמער אינעם קעלער־שטאָק. אונדז האָט מען אַריינגעפירט אין אַ קאַמער אַפן צווייטן שטאָק, און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָט שוין דער שלאָס אַ קלונג געטאָן הינטער אונדז.

ווען איר ווערט אַרעסטירט, וואונדערט איר זיך איבער דער פּראָסטקייט פון דעם גאַנצן ענין. אַט: עטלעכע באַוואָפנטע מענטשן שטופּן אַריין צוויי אומבאַוואָפנטע מענטשן אין אַ צימער, מען פאַרהאַקט די טיר, דער שליסל טוט זיך אַ דריי אין שלאָס, דער שלאָס טוט אַ קלונג — און פאַרטיק. ביסט אַן אַרעסטאַנט. אפשר אַף יאָרן. משמעות, דאָס פאַרשפּאַרן אַ מענטשן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין נאַצי־דייטשלאַנד איז אויך אַ פּראָסטע זאַך. אָט האָט געלעבט אַ מענטש, געאַרבעט, געטרוימט, געליבט, געהאָפט, אַרומגענומען די גאַנצע מענטשהייט מיט זיינע געדאַנקען, פאַרלאָפן מיט זיין פאַנטאַזיע אין קומענדיקע דורות, געווען אַ גרויסע גאַנצע וועלט פאַר זיך, געזוכט און געפונען פאַרבינדונגען מיט זיינע מיטמענטשן אין דער שטרעבונג איבערצומאַכן די וועלט, איינפירן אַן אָרדענונג פון גערעכטיקייט, מענטש־לעכקייט, שיינקייט — און אָט האָט מען הינטער דיר פאַרהאַקט דעם טויער, דיר געגעבן אַ לאָפּאַטע און געזאָגט: ניי גראָב טאָרף אין זומפּ. איינפאַך, צו איינפאַך.

דער צימער, וואו מיר האָבן זיך געפונען, איז געווען אַ לאַנגער און אַ שמאָלער, דערפאַר אַ הויכער. זיין גאַנצע מעבל איז באַשטאַנען פון איין טאַפּטשאַן — אַ ברייטע הילצערנע באַנק מיט אַ קאָסטע קאָפּ־ברעטל. דאָס פענצטער איז געווען אַזוי הויך, אַז אפילו ווען מיר זיינען געשטאַנען אַפן טאַפּטשאַן, האָבן מיר אין דעם ניט געקענט אַריינקוקן. וואָס־זשע האָבן מיר געטאָן? האָט איינער פון אונדז געדינט ווי אַ פוס־באַנק פאַר דעם צווייטן. פשוט: איינער האָט זיך געשטעלט אַף אַלע פיר אַפן טאַפּטשאַן און דער צווייטער איז אַרויפגעקראָכן אַף זיין איינגעבויגענעם רוקן און

ארויסגעקוקט דורך די גראַטעס פון דעם קליינעם פענצטער. שפּעטער האָט מען זיך געביטן מיט די ראָלן. אַזוי האָבן מיר ביידע געהאַט אַ געלעגנהייט ארויסצוקוקן, וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט.

מען האָט אונז אַרעסטירט אַרום דריי אַזייגער. אָבער ערשט נאָך צוועלף האָט מען אונז אַריינגערופן אין קאַנטאָר (אָפּיס).

דאָרט איז געזעסן, ערשטנס, דער זשאַנדאַרמסקע אָפיציר, וואָס האָט אונז אַרעסטירט ; צווייטנס, אַן אָפיציר, אויך אַ זשאַנדאַרמסקע, פון אַ העכערן ראַנג (איך האָב דאָס דערקענט אויף די עפּאָלעטן) ; דריטנס, דער פּריסטאַוו (פּאָליציי־אָפיציר) פון דעם אוטשאַסטאָק און, פאַרשטייט זיך, אַ פּאָר שפּיאָנען.

אויפן טיש אויסגעשפּרייט פאַר „אונזער" זשאַנדאַרמסקע אָפיציר איז געלעגן די באַן־קוויטאַנציע.

רופט זיך אָפּ צו מיר דער זשאַנדאַרמסקע, ווייזנדיק אויף דער קוויטאַנציע :

— אָט דאָס איז דאָס.

שווייג איך. ווערטער זיינען איבעריק.

נאָכדעם נעמט דער זשאַנדאַרמסקע מיין פּאַס, וואו עס איז געשטאַנען, אַז איך הייס איסר גרינבערג און בין אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, און זאָגט מיר:

— איר זעט ניט אויס ווי אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. מיר האָבן אַ גענים אויג. איר זעט אויס ווי אַ מענטש מיט אַקאַדעמישער בילדונג. האַנדלס־אָנגעשטעלטע באַ אונז אין ווילנע ריידן ניט אויף אַזאַ שפּראַך. פאַר אונז איז אויך קלאָר, אַז אייער פּאַספּאָרט איז אַ געפעלשטער. מיר וועלן סיי־ווי אָנפרעגן און אויסגעפינען. כדי די זאַך זאָל ניט פאַרצויגן ווערן, איז בעסער, אַז איר זאָלט אונז באַלד זאָגן, ווער איר זייט.

לייקענען איז געווען נוצלאָז. כדי די אונטערזוכונג זאָל זיך ניט פאַר־ציען אויף איבעריקע חדשים, האָב איך אָנגעגעבן מיין ריכטיקן נאָמען : געוועזענער סטודענט אין קיעווער אוניווערזיטעט אַזוינער און אַזוינער.

דריטער קאַפּיטל

# מיינע ערשטע טריט ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער

דאָס זיינען געווען מיינע ערשטע טריט ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. ביז דעמאָלט האָב איך זיך מערסטנס אָפּגעגעבן מיט דער סטודענטן־באַוועגונג. פאַר אנטיילנעמען אין אַ סטודענטן־דעמאָנסטראַציע האָט מיך צאַר ניקאָלאַי פאַרשיקט אין סאָלדאַטן אויף אַ יאָר, צוזאַמען מיט 280 אַנדערע סטודענטן פונעם קיעווער אוניווערזיטעט. אָפּגעדינט האָב איך נאָר קנאַפּע זיבן חדשים. די רעגירונג האָט זיך אונטערגעאײַלט אונז צו אַמנעסטירן, וואָרים דער איינפלוס פון דיר 281 רעוואָלוציאָנערן האָט זיך אָנגעהויבן פילן אין דער אַרמיי. נאָכדעם ווי איך האָב זיך אומגעקערט פון סאָלדאַטן, איז די סטודענטן־באַוועגונג נאָך מער געוואַקסן. אָבער מיך האָט געצויגן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. ענדלעך האָב איך זיך איר אָפּגעגעבן אינגאַנצן.

איך האָב פאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט און בין געשיקט געוואָרן אינעם ווילנער קאָמיטעט פונעם „בונד". עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו דערקלערן, פאַרוואָס איך בין דעמאָלט נישט געוואָרן קיין באָלשעוויק. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס צווישן די סטודענטן פון קיעווער אוניווערזיטעט איז נישט געווען קיין שטאַרקע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מיך צוציען און דערציען פּאָליטיש. אפשר האָט דאָ צו טאָן דער פאַקט, וואָס איך בין אויסגעוואַקסן צווישן אָנגעשטעלטע, קליינע באַלמעלאָכעס און הענדלער און האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין דירעקטע באַרירונג מיטן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. די ערשטע רעוואָלוציאָנערע באַקאַנטשאַפטן אין אוניווערזיטעט, די ערשטע איינפלוסן שפּילן דאָ אויך אַ גרויסע ראָלע. קוים איז אַ מענטש אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען שוין האָבן געגוג קריטישן חוש און פעסטן ווילן, כדי צו באַפרייען זיך פון איר איינפלוס און איינזען, אַז די אַנדערע אָרגאַניזאַציע איז גערעכט.

דער „בונד" איז געווען אַ קליינבירגערלעכע אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּראָלעטאַרישן נאָמען. ער האָט אָרגאַניזירט די אידישע אַרבעטער פון די קליינע אונטערנעמונגען און אַ טייל פון דער קליין־בורזשואַזיע קעגן דעם צאַריזם.

אבער ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליזם. למשל, ער האָט געהאַלטן, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, צו וועלכער דער „בונד" האָט געהערט, קען ניט פאַרשטיין די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער און קען ניט אָנפירן מיט זייערע קאַמפן. ער האָט דעריבער געפאָדערט, אַז אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זאָל דער „בונד" זיין „דער איינציקער פאַרטרעטער פון די אידישע אַרבעטער". שפּעטער איז ער אינגאַנצן אַרויסגעטראָטן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער „בונד" האָט אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון „נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע", וועגן וועלכער לענין האָט געשריבן, אַז „דאָס נאַרט אָפּ די אַרבעטער מיט דער פאַנטאַזיע פון דער קולטורעלער איינהייט פון דער נאַציע, בשעת אין אמת'ן הערשט איצט אין יעדער נאַציע אַ פּריצישע, בורזשואַזע אָדער קליינבירגערלעכע „קולטור".

דער „בונד" האָט ניט אָנערקענט קיין קלאַסן-צעטיילונג אָפּן געביט פון קולטור. ער האָט ניט געקעמפט פאַר אַ פּראָלעטאַרישער קולטור, פאַר די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער אידישער קולטור קעגן די בורזשואַזע עלעמענטן פון דער קולטור. ער האָט דערמיט באַשאַפן פאַלשע פאָרשטעלונגען צווישן די מאַסן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער האָט זיך גערופן מאַרקסיסטיש, אָבער דאָס איז געווען אַ פאַרקריפּלונג פון מאַרקסיזם.

אין זיין קאַמף קעגן צאַריזם איז דער „בונד" אין יענער צייט געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהאַט אַ גוטן אונטערערדישן אַפּאַראַט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ סך אומלעגאַלע ליטעראַטור. ער האָט אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס. ער האָט אָנגעפירט מיט סטרייקס. ער האָט איימפּאָרטירט אַ מאַסע ליטעראַטור פון אויסלאַנד. ער האָט אפילו געהאָלפן די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס איינשטעלן אומלעגאַלע דרוקעריען.

אָף דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט לענין אָפּט אָנגעוויזן ווי אָף אַ מוסטער, כאָטש ער האָט שאַרף געקריטיקירט די בונדישע פּראָגראַם. אין אַ בריוו פונעם 11טן פעברואַר, 1905, צו באָגדאַנאָוו'ן און גוסעוו'ן שרייבט לענין:

„אָט שמועסן מיר וועגן אָרגאַניזאַציע, וועגן צענטראַליזם. אין אמת'ן איז צווישן די נאָענטסטע חברים פון דעם צענטער אַזאַ כאָאָס, אַזאַ אַמאַטאָרישקייט. . . . די בונדיסטן — זיי פּלאַפּלען ניט וועגן צענטראַליזם, באַ זיי

שרייבט יעדער איינער אינעם צענטער אַלע וואָך, און די פאַרבינדונג ווערט פּאַקטיש איינגעשטעלט."

אפן לאַנדאַנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּארטיי (אַפּריל 1905) האָט לענין געזאָגט:

"אַף אַ קליינער אינטעליגענטישער פעריפעריע קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, אָבער אַף הונדערטער אָרגאַניזירטע ארבעטער דאַרף מען און מען קען זיך פאַרלאָזן. . . . מיר דאַרפן אין דעם פּרט נעמען אַביישפּיל פון „בונד", וועלכער וויסט שטענדיק נעמען די ציפער פון אָרגאַניזירטע ארבעטער."

:: :: ::

דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אַלס ארעסטירטער רעוואָלוציאָנער, האָבן איבערגעלעבט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ארעסטירטע רעוואָלוציאָנערן. איך האַלט, אַז עס איז נויטיק וועגן דעם צו דערציילן, כדי דער היינטיקער דור רעוואָלוציאָנערן אין אַמעריקע זאָל וויסן, ווי אַזוי עס האָבן געלעבט די רעוואָלוציאָנערן אין צאַרישן רוסלאַנד, וואו די באָלשעוויקעס האָבן שפּעטער פאַרכאַפּט די מאַכט און איינגעפירט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. עס איז נויטיק וועגן דעם צו דערציילן, ווייל די אַלע ארעסטירטע פון פאַר 1905 האָבן דערלעבט אַ צייט, ווען די רעוואָלוציע פון 1905 האָט אויפגעעפנט אַלע טורמעס און באַפרייט אַלע ארעסטירטע.

איך אַליין האָב איבערגעלעבט דעם טעם פון אָט דער באַפרייאונג. און ווער עס האָט דאָס איינמאָל פאַרזוכט, וועט שוין אייביק וויסן, אַז וואָס עס איז איינמאָל געשען אין איין לאַנד, קען זיך איבער'חזר'ן אין אַ צווייטן...

:: :: ::

אָבער אין יענעם שיינעם אַפּריל־טאָג פון 1904, ווען מען האָט אונז אריינגעזעצט אין ווילנער „אוטשאַסטאָק", האָבן מיר ניט געטראַכט, אַז די רעוואָלוציע איז אַזוי נאָענט.

ארעסטירט האָט מען אונז דעם 16טן אַפּרל, און דעם 18טן אַפּריל האָט מען געפייערט דעם ערשטן מאַי. פאַרוואָס דעם 18טן אַפּריל? ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער מאַי לויטן קאַלענדאַר אין אויסלאַנד. עס איז געווען אָנגענומען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט זאָל פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמפּס־טאָג אין איין און דעם זעלביקן טאָג.

אפרים און איך האָב דעם יום־טוב געפייערט אַף אונזער אייגענעם אופן.

## פערטער קאַפּיטל

# דער ערשטער מאַי אין פּאָליציייִשע לאַפּעס

דער ערשטער מאַי! דער גרויסער יום־טוב פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. דער יום־טוב פון פרילינג און פרייהייט! חדשים־לאַנג האָבן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער זיך געגרייט צו אָט־דעם טאָג. חדשים־לאַנג האָבן זיי נעזאַמלט קרעפטן.

אינעם טאָג פונעם ערשטן מאַי פלעגן די אַרבעטער פון רוסלאַנד אַרויסגיין אין גאַס, אויפהויבן די רויטע פאָן, וואַרפן אין פּנים אַריין פון דעם צאַר מיט זיינע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן זייער צאָרן און האַס, דערקלערן פאַר דער גאַנצער וועלט: מיר זיינען דאָ, מיר גייען אָף אייך, מיר וועלן ברעכן אייער הערשאַפט.

ווער עס וויל דערפילן דעם נייסט פונעם ערשטן מאַי אין אַלטן רוסלאַנד, דער זאָל לייענען גאָרקי׳ס ראָמאַן „מוטער".

:: :: ::

איך בין אָנגעקומען פון קיעוו קיין ווילנע דעם 11טן מערץ. אַרעסטירט האָט מען מיך דעם 16טן אַפּריל. די פינף וואָכן, וואָס איך בין געווען פריי אין ווילנע, האָב איך זיך פאַרנומען מיט צוגרייטונגען צום ערשטן מאַי.

איינע פון די הויפּט־אַרבעטן איז געווען — שרייבן מאַי־אויפרופן. אין ווילנע איז געווען אַ צענטראַלע אומלעגאַלע דרוקעריי. פון שטעט און שטעטלעך — דווינסק און וויטעבסק, מאָהילעוו און מאָזיר, באָברויסק און קאָוונע — פלעגן קומען מענטשן באַשטעלן פּראָקלאַמאַציעס. דערביי פלעגן זיי שוין אין איין וועגס בעטן, אַז מען זאָל פאַר זיי אָנשרייבן דעם אויפרוף. יעדער אויפרוף האָט געדאַרפט האָבן, אַ חוץ אַלגעמיינע לאָזונגען, אויך אַזוינע פאָדערונגען און לאָזונגען, וואָס באַציען זיך אָף דער געגעבענער שטאָט. נו, האָב איך געהאַט נענוג וואָס צו שרייבן.

אַ חוץ דעם האָט ווילנע אַליין אַרויסגעגעבן עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס, צווישן זיי איינע אָף רוסיש צו די גימנאַזיסטן, וואָס האָבן יענעם פרילינג געהאַלטן אין פאַרענדיקן זייער גימנאַזיע־קורס. די פּראָקלאַמאַציע האָט זיי

געוויזן, ווי אזוי דער צאַריזם פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דער אינטעליגענציע, און האָט זיי אויפגעפאָדערט זיך אָנשליסן אָן די רעוואָלוציאָנערע רייען. עס איז אָנגעשריבן געוואָרן אויך אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער אַרבעטער־באַפעלקע־רונג פון ווילנע — אַף רוסיש. אַזוי ווי אין ווילנע איז נים געווען קיין רוסישע אומלעגאַלע דרוקעריי, איז די פּראָקלאַמאַציע אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט און צוגעשיקט געוואָרן צו אונז דורך דער באַן. דאָס האָט מען באַ מיר אין צימער געפונען די קוויטאַנציע אַף אָט־דעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור.

אַ חוץ דער אַרבעט פון שרייבן איז געווען די אַרבעט פון אָרגאַניזאַציע: זיצונגען מיט די פאַרשיידענע גרופּן פונעם אַקטיוו. אַ חוץ דעם זיינען געווען מאַסן־פאַרזאַמלונגען אַלס צוגרייט צו דער דעמאָנסטראַציע פונעם ערשטן מאַי. פאַרזאַמלט האָט מען זיך, פאַרשטייט זיך, אַף פּריוואַטע וואוינונגען. איך האָב גערעדט אַף צוויי אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. אַף יעדערער פון זיי איז געווען צווישן 150 און 200 אַרבעטער: פאַר ווילנע פון יענער צייט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל.

ענדלעך האָבן מיר זיך געקענט זאָגן, אַז די צוגרייטונגען צום ערשטן מאַי זיינען פאַרענדיקט. עס וועט זיין אַ דעמאָנסטראַציע. עס זיינען באַ־שטימט די פאָנען־טרעגער. עס איז צוגעגרייט די שוץ־גרופּע, וואָס וועט פאַרטיידיקן די פאָנען־טרעגער, כדי זיי זאָלן זיך האַלטן וואָס לענגער קעגן דעם אָנפאַל פון פּאָליציי און קאָזאַקן. עס איז באַשטימט דאָס אָרט פון דער דעמאָנסטראַציע. עס איז אָנגעוויזן, וועלכע גרופּעס וועלן שפּאַצירן אַף אַיין זייט גאַס, אַפן טראָטואַר, און וועלכע — אַף דער צווייטער. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ חבר, וועלכער וועט געבן דעם סיגנאַל. ווי באַלד די שפּאַצירער וועלן דערזען דעם סיגנאַל, וועלן זיי פאַרלאָזן דעם טראָטואַר און זיך אויסשטעלן אינמיטן גאַס, מען וועט אויפהייבן די רויטע פאָן. מען וועט מאַרשירן. זאָל זיין נאָר איין קוואַרטאַל. זאָל זיין נאָר פינף מינוט. אָבער די דעמאָנסטראַציע איז פאַרווירקלעכט. דער אַרבעטער־קלאַס וועט זען און הערן. דער אַרבעטער־קלאַס וועט דערפילן זיין מאַכט.

דעם 16טן אַפּריל אינדערפרי, צוויי טעג פאַרן ערשטן מאַי, זיינען גע־מאַכט געוואָרן די לעצטע צוגרייטונגען. מיר האָבן זיך געפילט גוט. דער ערשטע מאַי איז ערנסט „איינגעפעדימט". נו, האָט אפרים פאַרגעשלאָגן: אַזוי ווי באַ אים איז דאָ אַ גאַסט, אַ קישינעווער חבר'טע, מיט וועלכער ער האָט זיך צוריק מיט אַ יאָר באַקענט אין דער שווייץ, זאָלן זיי ביידע קומען צו מיר אַף דאַטשע טרינקען טיי דעם נאָכמיטאָג. (די חבר'טע איז

געווען אַף איר ווענ קיין אויסלאַנד. זי האָט געשטודירט מעדיצין אין בערנער אוניווערזיטעט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ווילנע נאָר אַף אַ פּאָר טעג.)

וואָס פון דער טיי איז געוואָרן, האָב איך שוין דערציילט. די זשאַנדאַר־מען האָבן אונז ניט געלאָזט אויסטרינקען די אָנגעגאָסענע גלעזער טיי.

:: :: ::

אין אונזער קאַמער אין פּאָליציי־אוטשאַסטאָק זיינען מיר צוויי, אפרים און איך, אויפגעשטאַנען דעם 18טן אַפּריל אין אַ יום־טוב'דיקער שטימונג. מיר האָבן געהאַט געשיקט דורכן שליסער אַ צעטעלע צו דער חבר'טע אונטן אין קעלער־שטאָק און האָבן באַקומען אַן ענטפער, אַז זי איז געזונט און „פילט זיך גוט". זי האָט ניט פאַרגעסן צוצושרייבן, אַז זי שיקט אונז אַ מאַי־גרוס. (פּאָר אַ רובל האָבן מיר געקענט זיך איבערשרייבן מיט דער חבר'טע, אָבער אַרויסטראָגן בריוו פון דעם אוטשאַסטאָק האָט דער שליסער ניט געוואָלט.)

מיר האָבן אָפּגעריסן צוויי שטיקלעך פון די רויטע שקאַרפּעטקעס, וואָס אפרים האָט געטראָגן, און האָבן פון זיי געמאַכט שלייפלעך, וועלכע מיר האָבן אַריינגעשטעקט אין די לאַצן פון אונזערע רעקלעך. אַף דער וואַנט אויבן האָבן מיר מיט גרויסע בוכשטאַבן אָנגעשריבן: „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי, דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב פון אַרבעטער־אייניקייט און אַרבעטער־קאַמף." נאָכדעם האָבן מיר גאַנץ ערנסט דורכ־געזונגען עטלעכע רעוואָלוציאָנערע לידער. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן וואַרעם געדריקט די האַנט. מיר האָבן ניט גערעדט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. אָבער מיר האָבן געוואוסט: אַן אונז ווי מיט אונז — די דעמאָנסטראַציע פון די ווילנער אַרבעטער וועט פאָרקומען אַף באָלשאַיאַ גאַס.

דער פּאָליציי־אויפזעער האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ דורכן פענצטערל אין דער טיר פון דער קאַמער:

— וואָס האָט איר זיך צעזונגען? אַ זינגעניש אַף זייער קאָפּ!

מיר האָבן אים זייער ערנסט געענטפערט:

— היינט איז דער ערשטער מאַי, דער יום־טוב פון אַלע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן.

אָבער גיי רעד צו אַ פּאָליציישקער מאָרדע!

## פינפטער קאפיטל

# די באפעלקערונג סימפאטיזירט מיט די ארעסטירטע

איך בין געווען א נייער אין דער ליטע. איך בין אויסגעוואקסן און דערצויגן געווארן אין די וועלדער און שטעטלעך פון אוקראינע. אפרים איז געווען א בלעכער פון ־ויטעבסק, א יונג פון א יאר 25, א זון פון ארבעטער. ער האט פון קינדווייז־אויף געלעבט אין די ארבעטער־קווארטאלן פון ליט־ווישע שטעט און האט גוט געקענט די ארטיסע באפעלקערונג. איך האב זיך געפילט אין ווילנע אביסל ווי א פרעמדער. ער האט זיך געפילט ווי א פיש אין וואסער.

שוין אפן צווייטן טאג נאך אונזער ארעסט האט ער איינגעשטעלט פארבינדונגען מיט דער פרייער וועלט.

דאס פענצטערל פון אונזער קאמער איז ארויסגעגאנגען אף א גרויסן הויף. דאס איז געווען איינער פון די הויפן, וואס מען געפינט נאר אין די גרויסע ליטווישע און טיילווייז אין די פוילישע שטעט. א ברייטער פלאץ ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט קלענערע און גרעסערע הייזער, פאבריקלעך, קראמען. ווען איך האב ארויסגעקוקט דורך אונזער פענצטערל — מיר האבן זיך באלד אויסגעלערנט אויפצושטעלן די באנק אין דער הויך און זיצן אף איר אויבערשטן קאנט אנשטאט צו שטיין איינער אפן אנדערנ׳ס רוקן — האב איך געזען א וועלט מיט ארבעט. געווען עטלעכע קוזניעס, וואו עס האט געהודזשעט דער בלאז־זאק און די האמערס האבן געקלונגען איבער די קאוואדלעס. געווען א מאסטערסקאיא פון א שטעלמאך, מיט א הויפן אנגעווארפענע רעדער פאר דער טיר. געווען א פאר שטריקל־דרייער, וועמעס שטעקלדיקע געשטעלן האבן זיך געהויבן אין פארשיידענע פונקטן פונעם הויף און ארבעטער האבן געצויגן שטריקלעך — דאכט זיך א מיל די לענג. געווען א חדר אין א האלב־קעלערדיקן שטיבל, פון וואנען עס האבן זיך געהערט נאכאנאנד די באר־דעקלאמאציעס, ווי מיר װאלטן דאס היינט גערופן. די חדר־אינגלעך האבן געהאלטן אין איין שרייען אף א קול: קמץ אלף—א! קמץ בית—בא״ — און איבער זייערע קינדערשע ציטערדיקע קול׳עכלעך האט דאמינירט די הייזעריקע הייסע שטימע פונעם מלמד. אמאל, דער עיקר באטאג, ווען מיר האבן געוואוסט, אז דער מלמד כאפט א דרעמל, האט זיך

נעהערט די באס־שטימע פונעם באהעלפער, — א טיפע נידעריקע מעלאדישע שטימע, וואס האט כמעט אינגאנצן פארטרונקען דעם קינדערשן כאר.

געווען אינעם הויף עטלעכע הייזער, וואו עס האט געוואוינט די ארעמר שאפט. געווען אין א ווינקל א לאנגע שטאל, קענטיק א ליידיקע. דער וועג אין הויף אריין איז געווען דורך א גרויסן הילצערנעם טויער, וואס האט זיך געעפנט צווישן צוויי קראמען, וועלכע זיינען געשטאנען מיט זייערע רוקנס צום הויף און מיט זייערע פנים׳ער צו ערגעץ א גאס. די גאס האבן מיר ניט געקענט זען, אבער פון דעם פאקט, וואס די קראמען שטייען צו אונז מיטן רוקן, האבן מיר פארשטאנען, אז דארט איז די גאס, דאס הייסט — דער וועג צו דער פרייער ברייטער וועלט.

די באפעלקערונג פון דעם הויף איז געווען א הארעפאשנע. אפרים האט מיר געזאגט — און איך האב איינגעזען, אז ער איז גערעכט — אז מיר, פאליטישע ארעסטירטע, קענען זיך ווענדן צום ערשטן־בעסטן פארבייגייער אין הויף, און אויב ער וועט אונז אפילו ניט העלפן, וועט ער אונז ניט פאר־ראטן. דער האס צום צאריזם איז געווען צו גרויס. די סימפאטיע צו די רעוואלוציאנערן — ווייט פארשפרייט.

פונדעסטוועגן איז נויטיק געווען צו מאכן אן אויסוואל.

ארום אונזער פענצטער אונטן האבן ארומגעפאדיעט אינגלעך. דער־וואקסענע מענטשן זיינען געווען פארנומען. די אינגלעך האבן געהאט צייט, זיינען זיי געשטאנען און געגאפט, דער עיקר ווען אין פענצטער פלעגט זיך באוויזן אונזערער א קאפ. באלד זיינען מיר געווארן באפריינדעט מיט די אינגלעך. ווילנער קינדער פון די ארעמע גאסן, האבן זיי גוט געוואוסט, וואס דאס הייסט אן ארעסטירטער „סטאטשקעניק". זיי האבן אונז צום ערשט געבראכט א ביסל עסן: עטלעכע עפל מיט א שטיק ווארשט, וואס זיי האבן אונז דערלאנגט אף א שטריקל. (דאס שטריקל האבן מיר אף א קונציקן אופן צונויפגעפלאכטן מאקע אלץ פון אפרים׳ס רויטע שקארפעטקעס. די שקארפעטקעס זיינען געווען „היימישע", אויסגעשטריקטע פון שטארקע וואלענע פאדים. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ווי נאר מיר האבן אפ־געשניטן פון א שקארפעטקע א שטיקל אף א שלייפל, האט דאס איבעריקע זיך שוין געטרענט „פון זיך". עס איז ניט שווער געווען צו שאפן א שנירל, וואס האט זיך געלאזט צוזאמענוויקלען און באהאלטן ערגעץ וואו אין א לאך אין די קליידער, אזוי אז קיין פאליציייסקע האנט האט דאס ניט געקענט געפינען.)

ווען מיר האבן איינגעשטעלט פריינטלעכע באציאונגען מיט די קינדער,

האָבן מיר געלאָזט וויסן דעם עלטערן פון זיי, אַ אינגל פון אַ יאָר 13, אַז מיר דאַרפן איבערשיקן אַ בריוו, — אָבער דאָס דאַרף זיין בסוד. צי קען ער אפשר עמיצן, וואָס וואָלט דאָס אַף זיך גענומען?

דאָס אינגל האָט געענטפערט, אַז יאָ, ס'איז דאָ אַזאַ מענטש. ס'טייטש, בערל דער שטריקל־דרייער איז אליין אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן אין דער ציים פון אַ סטאַטשקע.

מער האָבן מיר ניט געדאַרפט. בערל דער שטריקל־דרייער איז באַלד געווען לעבן אונזער פענצטער. ער האָט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק. אונטן אין הויף איז קיין וואַך ניט געווען. אָבער פון די פענצטער האָבן אַמאָל אַרויסגעקוקט פאָליציי־לייט. אויב זיי דערזעען, אַז מען דערלאַנגט אונז עפּל און וואורשט, איז גאַרניט. אָבער מיט בריוו איז אַנדערש.

קורץ: מיר האָבן אָנגעשריבן דעם בריוו מיט אַ בלייער, מיר האָבן אים אַרונטערגעוואָרפן אין הויף אַריין. בערל האָט אים אונטערגעכאַפּט — און נאָך יענעם טאָג האָט די אָרגאַניזאַציע געוואוסט, אַז מיר זיינען אַרעסטירט. עס זיינען אויך אָנגעגעבן געוואָרן די אומשטאַנדן פונעם אַרעסט, כדי די חברים אַף דער פריי זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַ פאָרזיכטס־מיטלען זיי דאַרפן נעמען.

ווען מיר האָבן נאָכדעם באַקומען אַן ענטפער, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז דער בריוו איז דערגאַנגען אַפן אַדרעס, איז אונז ווי אַ שטיין אַראָפּ פונעם האַרצן. מיר האָבן דערפילט אונזער פליכט. מער האָבן מיר ניט וואָס צו טאָן.

מיר האָבן זיך דערפילט פריי. דאָס קען קלינגען מאָדנע. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ווען אַ רעוואָלוציאָנער ווייסט, אַז ער האָט געטאָן זיין פליכט, כאַפּט אים אַרום אין געפענגעניש אַ געפיל פון פרייהייט. ער איז אַרויס פון די רייען — אַף אַ צייט. נו, איז וואָס? ער האָט געאַרבעט וויפיל ער האָט געקענט. ער האָט אַריינגעלייגט זיין חלק אין דער אַלגעמיינער אַרבעט. ער איז אַ טייל פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. די חברים אַף דער פריי וועלן פאָרטזעצן די אַרבעט. די חברים וועלן אים ניט פאַרגעסן. דאָס איבעריקע וועט מען זען מיט דער צייט.

דערוויל פילט זיך דער רעוואָלוציאָנער ווי איינער, וואָס האָט גענומען וואַקאַציע. ער איז אויסגעטאָן פון זאָרג. ער דאַרף ניט טראַכטן וועגן די טאָג־טעגלעכע נויטן פון דער אָרגאַניזאַציע. ער קען זיך אָפּרוען. ער קען לייענען, שטודירן, כדי אַרויסצוגיין מער צוגעגרייט פאַר די ווייטערדיקע קאַמפן.

## זעקסטער קאפּיטל

# הונגער-סטרייק אין אַנטאַקאַליער טורמע

אינמיטן ווילנע שטייט די גרויסע קאַטעדראַלע. דאָס, קען מען זאָגן, איז דער צענטער פון דער שטאָט. פאַראַן אַן אַנדער צענטער — דער „באַרג". אינמיטן ווילנע הויבט זיך אַ שפּיציק בערגל, אויף וועלכן עס שטייען די רואינעס פון אַ פּאַרצייטיקער פעסטונג. דעם שפּיץ פונעם בערגל קען מען דערגרייכן אין אַכט־צען מינוט שפּאַצירן. פון דאָרט עפנט זיך אַ שיינע פּאַנאָראַמע אויף דער גאַנצער שטאָט, אויפן טייך ווילִיע, וואָס שלענגלט זיך צווישן בערגלעך, און אויף די סאָסנע־וועלדער, וואָס באַדעקן די ברעגן און די בערגלעך מיט אַ בלוילעכער דעק. דער „באַרג" איז, אַזוי צו זאָגן, דער געאָגראַפישער צענטער פון ווילנע. די קאַטעדראַלע איז דער צענטער פון די גאַסן. פון דאַנען ציען זיך די וויכטיקסטע גאַסן — איינע אַרונטער, צום זווערינעץ צו: אין יענער צייט האָט זי געהייסן געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט; די צווייטע, די גרויסע גאַס, אַרויף־צו. דאָ האָבן זיך געפונען די גרעסטע קראָמען פון דער שטאָט. דאָ האָט זיך אויך געפונען זאַלקינד'ס אוניווערסאַל־מאַגאַזין — דער ערשטער דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען.

ניט ווייט פון דעם קאַטדראַל־פּלאַץ געפינט זיך דער בערנאַרדינער גאָרטן. ווען איר גייט דורך דעם גאָרטן, קומט איר צו אַ בריק. אויף יענער זייט בריק, אויף אַ שטרעקע פון אַ פּאָר מינוט גיין, געפינט זיך לינקס די אַנטאַקאַליער טורמע.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין אַנטאַקאַל, זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ הונגער־סטרייק פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

קיין איינצל־קאַמערן איז אין אַנטאַקאַל ניט געווען. אין דער קלענסטער קאַמער זיינען געזעסן זיבן ביז אַכט אַרעסטירטע. אין די גרעסערע — צוואַנציק. אונז האָט מען פון אָנהויב אַן אַריינגעפירט אין איינער פון די גרעסטע קאַמערן. עס האָט אונז אַרומגערינגלט אַן עולם אַרבעטער, אינגערע

און עלטערע, אַ סך פון זיי אָפּגעריסענע, אייניקע מיט פאַרוואַקסענע פּנים׳ער, אַלע — בלאַסע, אויסגעמאַגערטע, מיט ברענענדיקע אויגן.

די ערשטע זאַך דאַרף מען וויסן, ווער מיר זיינען. נייע אַרעסטאַנטן זיינען אַלעמאָל אַ פּראָבלעם. מען זיצט צווישן רעוואָלוציאָנערן. מען קען זיך ניט באַהאַלטן איינער פונעם צווייטן. יעדער איינער הערט וואָס די אַנדערע ריידן. מען וואָלט אפילו אפשר ניט געוואָלט הערן, אָבער מען האָט ניט קיין ברירה. איז ווער ווייסט, וואָס די פרעמדע זיינען? אפשר זיינען זיי גאָר שפּיאָנען! אפשר האָט מען זיי מיט אַ כּיוון אַריינגעזעצט כּדי אויס־צופאָרשן די אָדער יענע אַרעסטירטע? פון דער אַנדערער זייט, אויב די אָנגעקומענע זיינען חברים, דאַרף מען זיי דאָך געבן אַ גוטן קבלת פּנים, דאַרף מען זיי לייכטער מאַכן די ערשטע טעג אין טורמע.

נו, האָט מען אונז גענומען אויספרעגן, וואו און ווי אַזוי און ווען מיר זיינען אַרעסטירט געוואָרן און אין וואָס מיר ווערן באַשולדיקט. איידער מיר האָבן נאָך צייט צו ענטפערן, רוקט זיך אַרויס פון אַ ווינקל קאַמער אַ נידעריקער ברייט־ביינערדיקער בחור מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס האָט נאָרניט געפּאַסט צו זיין יונג פּנים, און ער וואַרפט אַרום אַ פּאָר לאַנגע הענט אַרום אפרים׳ס האַלז און צעקושט זיך מיט אים און קען זיך אָפּ אים גאָר זאַט ניט אָנקוקן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן ערגעץ געאַרבעט צו־זאַמען און זיי זיינען אפילו איינמאָל געווען צוזאַמען אַרעסטירט.

רופט זיך אָפּ דער באַבאָרדעטער בחור צו די איבעריקע אַרעסטאַנטן אין קאַמער:

— דאָס זיינען איינענע מענטשן. איך קאַוויר.

פון דעם מאָמענט אָן זיינען מיר אַריינגענומען געוואָרן אין דעם טורמע־קאָלעקטיוו ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער.

די ערשטע זאַך, וואָס מ׳האָט אונז געפרעגט, איז: צי ווילן מיר זיך אָנשליסן אינעם הונגער־סטרייק?

די טורמע הונגערט שוין דעם דריטן טאָג, האָט מען אונז געזאָגט. דער סאַמע איז — פּאָר אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען, וואָס דער נייער טורמע־נאַטשאַלניק האָט אַרויפגעלייגט אויף די פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר, נײ־אָנגעקומענע, האָבן אייגנטלעך ניט געהאַט קיין צוזאַמענשטויס מיטן טורמע־נאַטשאַלניק. מיר זיינען פרישע מענטשן. לויט דעם באַשלוס פון די אַרעס־טאַנטן, זיינען מיר פריי צו טאָן, ווי מיר ווילן. מיר האָבן אַ רעכט אויסצו־קלייבן פונעם הונגער־סטרייק. דאָס וועט ניט זיין קיין פאַרברעכן קעגן חבר׳שער עטיק. אָבער עס ווענדט זיך אָן אונז.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט, אפרים און איך, און מיר דערקלערן, אַז מיר שליסן זיך אָן אין סטרייק. קאַמף, זאָגן מיר, איז קאַמף. אַ פֿאָדערונג איז אַ פֿאָדערונג, צי די ערעסטירטע זיינען אָנגעקומען היינט, צי פֿריער.

אונזער באַשלוס האָט אַרויסגערופן אַ פֿרייד צווישן די איבעריקע אַרעס־טירטע. באַלד איז די נייעס פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער טורמע. די פֿאַרשפּרייטונג איז אייגנטלעך געווען זייער לייכט: מען האָט געשריען פֿון קאַמער צו קאַמער. די טויערן פֿון די קאַמערן זיינען באַשטאַנען פֿון אייזערנע גראַטעס. אַלע קאַמערן האָבן זיך געעפֿנט אין איין גרויסן קאָרידאָר, ווי אַ מין זאַל. נענוג געווען איינעם פֿון די חברים זיך אָוועקצושטעלן און עפּעס אויסרופֿן, האָט מען עס געהערט אומעטום. אמת, די שליסלער האָבן געהאַלטן אין איין שרייען: „שטילער, שטילער!״ — אָבער ווער האָט זיך וועגן דעם געקימערט.

אונזער צושטיין צום הונגער־סטרייק האָבן מיר באַוויזן יענעם אָוונט אויף אַ גאַנץ פּראַקטישן אופֿן. ווען די שליסלער האָבן אונז געבראַכט דאָס „אָוונט־ברויט״ — אַ שטיק ליימענע ברויט מיט אַ שיסל קאַלטע בעזים־זופּ פֿאַר יעדן — האָבן מיר דורך די גראַטעס פֿון דער טיר אַרויסגעוואָרפֿן דאָס ברויט, און דעם זופּ האָבן מיר אַרויסגעפּליוכעט אַזוי, אַז ער האָט באַ־שפּריצט אַ העלפֿט קאָרידאָר.

מיר זיינען געוואָרן פּולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿון דעם הונגער־קאָלעקטיוו.

## זיבעטער קאַפּיטל

# מיר פאַרציִען דעם גאַרטל

דער הונגער־סטרייק אין אַנטאַקאַליער טורמע איז שוין געווען דער צווייטער, וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכן. צוריק מיט אַ יאָר, אין אַפּריל פון 1903, האָב איך דורכגעמאַכט אַ הונגער־סטרייק פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין לוקיאַנאָווקער טורמע אין קיעוו. דאָרטן האָט דער הונגער־סטרייק געדויערט נאָר צוויי טעג. אין אַנטאַקאַליער טורמע האָט ער געדויערט זעקס טעג, אַזוי אַז אַפּרים און איך האָבן נאָך „פאַרכאַפּט" פיר טעג.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען, איז אונדז געווען ערגער ווי די איינגעפּונ־דעוועטע אַרעסטירטע. וואָרים די ערשטע צוויי טעג פון אַ הונגער־סטרייק זיינען די שווערסטע. איך ווייס ניט, צי דאָס איז מיט אַלעמען אַזוי, אָבער פון מיין אייגענער דערפאַרונג און פון געשפּרעכן מיט חברים ווייס איך אַט־וואָס:

דעם ערשטן טאָג איז מען איינגנטלעך ניט הונגעריק. ערשטנס, ווירקט דאָ די אויפרעגונג. יעדער איינער איז פאַרכאַפּט פון דער פּראָטעסט־באַוועגונג. עס איז דאָ אַזוי פיל איבערצורייד[ן] מיט די חברים. אויב מען זיצט אין איינצעל־קאַמערן, איז די פראַגע פון קאָמוניקאַציע אַ גענוג ערנסטע. היינט וויל מען דאָך זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דער סטרייק מאַכט אויף די שליסער, אויף דער טורמע־נאַטשאַלסטוואָ. מען דאַרף לאָזן וויסן דער אויסן־וועלט. מען דאַרף איבערגעבן אין דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע די פאָדערונגען פון די הונגער־סטרייקער. מען איז אַזוי פאַרפלאַמט, אַז מען האָט קיין צייט ניט צו טראַכטן וועגן דעם אייגענעם מאָגן. דער מאָגן נאָגט, אָבער מען קוקט זיך ניט שטאַרק אום.

דעם אמת'ן הונגער דערפילט מען ערשט אויפן צווייטן טאָג, ווען מען שטייט אויף נאָך אַן אומרואיקער נאַכט.

אַזוי איז דאָס לכל הפחות געווען מיט מיר.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך דערפילט, אַז איך בין אַזוי הונגעריק, ווי איך בין קיינמאָל ניט געווען אין מיין לעבן. פּאַסטן איין טאָג איז פאַר מיר

איינגטלעך ניט געווען קיין נייעס. אינגלווייז, לעבנדיק אין אַ רעליגיעזער פאַמיליע, האָב איך עטלעכע מאָל געפאַסט תשעה־באב און יום־כיפור. די עמפינדונגען פון איין טאָג הונגער זיינען מיר געווען באַקאַנט. אָפן צווייטן טאָג אָבער האָב איך דערפילט אַזאַ מין הונגער, וואָס האָט צו זיך, דאַכט זיך, קיין גלייכן ניט.

איך זייט הונגעריק. פּראָסט־פּשוט: איך ווילט עסן. איך קענט ניט טראַכטן וועגן קיין זאַך, נאָר וועגן עסן. אַלצדינג, וואָס איך זעט, דערמאָנט אייך אָן עסן. אַלצדינג, וואָס איך הערט, דערמאָנט אייך אָן עסן. איך לייענט אַ בוך. עס רעדט זיך וועגן אַ גאָרטן — באַלד שטייען אויף פאַר איירע אויגן עפּל, באַרן, פלוימען — גרויסע, ריזיקע, זאַפטיקע, בערג מיט עפּל, זעט מיט פלוימען, גאַנצע וואָגנס מיט באַרן. עמיצער זאָגט: ברויט. איך מאָלט זיך אויס אַ קאַרעגעם ברויט, אַ גרויסן, אַ לענגעכיקן, אַ צוואַנציק־פונטיקן, אַ וואַרעמען, אַ פאַרברוינטן, אָקאָרשט פונעם אויוון. אוי, וואָלט איך אַריינגעגראָבן איירע ציין אין דעם שמעקעדיקן וואַרעמען ברויט און געקיים, געקיים.

איך בין הונגעריק. איך קען שוין גאָר ניט זאָגן, אַז דער מאָגן נאָגט מיך. איך ווייס ניט, וואו עס ענדיקט זיך דער מאָגן און וואו עס הייבן זיך אָן די געדערים. איך ווייס נאָר, אַז אינעווייניק אין מיר, אין דעם טייל קערפּער, וואָס רופט זיך בויך, בייסט עס מיך און רייסט מיך ווי מיט אַ סך צוואַנגען. עס לאָזט ניט אָפּ אַף קיין איינציקער סעקונדע. איך בין אַמאָל געווען קראַנק אַף אַנדערע קרענק. ווייס איך, אַז בײַ דעם גרעסטן ווייטיק זיינען דאָ מאָמענטן, ווען איר פילט עפּעס ווי אַ דערלייכטערונג. ס'איז אַ מין פויזע צווישן איין ספּאַזמע און דער צווייטער. דאָ, אין דעם הונגער־פּיין, איז ניטאָ קיין פויזעס. עס רייסט, עס צופּט, עס בייסט, עס ציט. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי מען וואָלט געוויקלט איירע קישקעס אַף שפּיציקע וואַלן און זיי אויסגעצויגן ביז צום פּלאַצן.

איך בין הונגעריק. איך וויל עסן. עסן, עסן, עסן. איך בין ווילד פון וועלן עסן. איך קוק אַף מיינע שיך און פּלוצלונג דערמאָן איך זיך, אַז די שיך זיינען געמאַכט פון לעדער. ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך גענומען קייען דעם לעדער. אָבער דאָס טאָר מען דאָך ניט: מיר זיינען אין אַ הונגער־סטרייק. איך לייען אַ בוך. די טאָוולען זיינען געקלעפּט מיט פּאַפּ. פּאַפּ ווערט געמאַכט פון מעל. איך וואָלט איצט אויפגעגעסן אַ גאַנצן טאָפּ מיט פּאַפּ און וואָלט זיך נאָך באַלעקט. אפשר זאָל איך קייען דעם טאָוול פונעם בוך?

פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ ריח. איך ווייס ניט וואָס דאָס איז. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער ריח פון געפּרעגלטן פלייש. איך אָטעם אין זיך אַריין דעם ריח, און וואָס טיפער איך אָטעם, אַלץ שאַרפער שניידט עס אין די קישקעס, אַלץ מער ציט עס און גריזשעט. יאָ, עס גריזשעט עפּעס אינעווייניק, אַקוראַט ווי אַ טשאַטע הינט וואָלטן זיך אַנגעוואָרפן אויף די ווענטלעך פונעם בויך און אים געביסטן און געצופּט און געקייט.

איך וויל עסן. דער הונגער פאַרשטאַרקט מיינע כחות. איך וואָלט געקענט שפּרינגען אַ קלאַפּטער אין דער הויך צו כאַפּן אַ שטיקל ברויט. מיין האַנט וואָלט געווען ווי אייזן, ווען מיר קומט אויס אַרויסרייסן פון ערגעץ אַ שטיקל ברויט. מיינע ציין זיינען געמאַכט פון דעם בעסטן שטאָל. איך וואָלט געקענט מיט זיי אַנגעמען אַ לעבעדיקע קאַץ אָדער הונט און זיי קייען מיט דער וואָל און מיט דער הויט און מיט אַלעם מיטאַנאַנדער. איך בין ווי אַ ווילדע חיה... און דאָ דערלאַנגט מען דיר דאָס מיטאָג־עסן. קיינמאָל פאַרפעלן זיי דיר ניט דערלאַנגען דאָס מיטאָג־עסן. ווי אויף צו־להכעיס האָבן זיי אָפּגעקאָכט אַ שמעקענדיקן באָרשטש און דערלאַנגען דיר אַ פולע שיסל מיט אַ שטיקל פלייש מיט אַ גוטן שטיק ברויט.

נעמסטו דאָס אַלץ אין די הענט אַריין און דו טוסט עס אַ שליידער דורך די גראַטעס דעם וועכטער אין פּנים אַריין און לאָזסט צו אים אויס דיין האַרץ. זייט זיכער, אַז איך בין ניט איבערקלייבעריש אין מיינע אויסדרוקן.

אַזוי דויערט דאָס דעם גאַנצן טאָג.

אָפּן דריטן טאָג שטיי איך אויף און דערפיל מיט פרייד, אַז איך בין שוין ניט הונגעריק. איך בין שוואַך. עס דרייט זיך מיר אַ ביסל דער קאָפּ. אָבער דאָס איז אַ זיסע שוואַכקייט און אַן אַנגענעמער קאָפּ־שווינדל. ווי נאָך עטלעכע גלעזלעך בראַנפן. איך פּרוואו, צי קען איך זיך באַוועגן. יאָ, מיר איז גאָר לייכטער צו גיין, ווי געוויינלעך. די פיס הויבן זיך אַליין. מיר איז גוט. איך פאַרצי נאָר ענגער דעם פּאַסיק אויף די הויזן, כדי, ווי עס זאָגן די חברים, „עס זאָלן זיך ניט באַמבלען אינעווייניק די קישקעס". איך בין פריי פון הונגער־פּיין.

## אכטער קאפּיטל

# אין די נעגל פֿון הונגער

הונגער איז אַ קראַנקהייט. דאָס האָב איך געזען אין דעם הונגער־סטרייק פֿון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַנטאַקאַליעס טורמע, אין יענע טעג פֿון אָנהײב מאַי, 1904.

ווי יעדע קראַנקהייט, ווירקט דער הונגער ניט גלייך אויף די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזמען. פֿאַראַן מענטשן, וואָס קענען איבערטראָגן 4 און 5 און 6 טעג הונגער. זיי ווערן שוואַכער. זיי ווערן בלאַסער. זייערע הענט ציטערן. זיי האָבן ניט קיין כּח אויפֿצוהייבן אַ שווערע זאַך. אָבער זיי האַלטן זיך נאָך אויף די פֿיס. זיי קענען אַרומגיין. זיי קענען אַפֿילו לייענען אַ בוך. אַזוינע זיינען דער רוקנביין פֿון יעדן הונגער־סטרייק. זיי דערמונטערן די חברים. זיי שטייען צוריק די פֿאַרשיידענע אַטאַקעס פֿון דער נאַטשאַלסטווע. זיי זאָגן: אויב עס וועט נויטיק זיין, וועלן מיר הונגערן אַ גאַנץ חודש, אָבער אונזערס וועלן מיר זיך דערשלאָגן.

פֿאַראַן אָבער שוואַכערע אָרגאַניזמען, וואָס אויפֿן דריטן אָדער פֿערטן טאָג ליגן זיי שוין אין בעט. זיי קענען ניט רירן מיט קיין האַנט. אייניקע ברעכן מיט דער גרינער גאַל. אייניקע אַנטוויקלען פֿיבער, הונגער־פֿיבער. אייניקע הויבן אַפֿילו אָן ריידן פֿון היץ. פֿאַראַן צווישן אָט די שוואַכע אַזוינע מענטשן, וואָס טיילן זיך אָפּ אינגאַנצן פֿונעם קאָלעקטיוו. זיי רוקן זיך אַריין אין בעט, דעקן זיך איין ביז איבער די אויגן, ליגן און שלאָפֿן אָדער דרעמלען און ווילן גאָרניט וויסן, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. זיי נעפּינען זיך ווי אין הינערפֿלעט.

די זיינען אָבער נאָך ניט די ערגסטע. פֿאַראַן אַזוינע, וואָס דערשרעקן זיך. זייער פֿאַנטאַזיע מאָלט זיי די ערגסטע זאַכן. אָט־אָט, דאַכט זיך זיי, וועלן זיי שטאַרבן. בײַ אונז אין טורמע איז געווען אַ צוויי־דריי אַזוינע פֿאַרשוינען. זיי האָבן שוין אויפֿן דריטן טאָג זיך אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל זיי נעמען אין שפּיטאָל. נו, איר ווייסט דאָך: אויב אַ הונגער־סטרייקער ווערט אַריבערגעפֿירט אין שפּיטאָל, באַהאַנדלען אים די דאָקטוירים דאָס

ערשטע דערמיט, וואָס זיי גיבן אים עסן. מיר אַרעסטירטע האָבן געקוקט קרום אַף די, וואָס לאָזן זיך אַריבערפירן אין שפּיטאָל. אָבער מיר האָבן ניט געקענט אָפּהאַלטן די צוויי־דריי שוואַכע פאַרשוינען. די איבעריקע, העכער 250 אין צאָל, האָבן זיך גוט געהאַלטן. קיין איינציקער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. קיין איינציקער, ווי קראַנק ער איז ניט געווען, האָט זיך ניט געלאָזט אַרויספירן פון דער קאַמער.

די קאַמערן זיינען געווען פאַרשלאָסן — און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם סטרייק.

מיט אַ פּאָר וואָכן איידער מיר זיינען אָנגעקומען אין אַנטאָסאָליער טורמע, איז דאָרט געווען אַ „פּאָביעג". אַ גרופּע אַרעסטאַנטן האָט געפּרואווט אַנטלויפן. אייניקע האָבן זיך טאַקע אַרויסגעראַטעוועט. די אַנדערע האָט מען געכאַפּט און פאַרשמידט אין קייטן. דעם אַלטן נאַטשאַלניק האָט מען דערפאַר אָראָפּגענזעצט און באַשטימט אַ נייעם — דעם געוועזענעם פּריסטאַוו דונקעל. יענער האָט פון ערשטן טאָג אָן צוגענומען בא די פּאָליטישע אַרעסטירטע דאָס ביסל פרייהייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין געפענגעניש, און האָט איינגעפירט אַ רעזשים פון טעראָר. קעגן אָט־דעם רעזשים האָבן דאָס די אַרעסטאַנטן געמאַכט דעם הונגער־סטרייק.

די פאָדערונגען זיינען געווען:

1. אַז פון אינדערפרי ביז צו דער אָוונטיקער „פּאָווערקע" (קאָנטראָל און ציילונג פון די פאַרשפּאַרטע), ד. ה., פון זיבן אינדערפרי ביז ניין אין אָוונט, זאָלן די קאַמערן זיין אָפן, אַזוי אַז די אַרעסטירטע זאָלן מעגן באַזוכן איינע די אַנדערע;

2. אַז די שפּאַציר־צייט אין הויף זאָל זיין צוויי שטונדן יעדן טאָג פאַר די געזונטערע אַרעסטירטע און פיר שטונדן פאַר די שוואַכערע — לויט דער רעקאָמענדאַציע פון די אַרעסטירטע גופא. (דונקעל האָט געהאַט איינגעפירט אַ שפּאַציר־צייט פון 15 מינוט);

3. אַז אין דער צייט פון דעם שפּאַציר זאָלן די אַרעסטירטע מעגן פריי רעדן צווישן זיך און פריי זיך פאַרזאַמלען אין גרופּעס לויט זייער איינענעם ווילן. (דונקעל האָט געהאַט איינגעפירט אַזוי, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן שפּאַצירן אין „קרייז" איינער הינטערן אַנדערן, און זאָלן ניט טאָרן צווישן זיך ריידן);

4. אַז די נאַטשאַלסטווע זאָל אָנערקענען אַן אַרעסטאַנטן־ראַט און אַ סטאַראָסטע (פאַרשטייער, עלטסטער) אויסגעקליבן פון די אַרעסטירטע

נופא. די נאַטשאַלסטוואָ זאָל פאַרהאַנדלען מיט אַט די פּאַרטרעטער ווען אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די אַרעסטירטע.

אַפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקומען אין טורמע האָב איך, לויט דעם פאָרשלאָג פון די חברים, אָנגעשריבן אַ רוף אינעם נאָמען פון די הונגער־סטרייקער צו די אַרבעטער און צו אַלע פרייהייט־ליבנדיקע בירגער פון ווילנע. אין דער שריפט האָבן מיר דערציילט וועגן אונזערע פאָדערונגען און האָבן געבעטן פּראָטעסטירן און קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פונעם טעראָר־רעזשים אין טורמע. דעם טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע האָבן מיר אַרויסגעשמוגלט. צו דער ערע פון די חברים אויף דער פריי מוז איך זאָגן, אַז די האָבן דאָס אָפּגעדרוקט נאָך דעם זעלביקן טאָג. אויף מאָרגן איז שוין דונקעל געקומען מיט איינער אַזאַ פּראָקלאַמאַציע און אונז געפרעגט צי האָבן מיר זי אָנגעשריבן. דערביי האָט ער זייער באַריידעוודיק געקוקט אויף מיר. איך האָב אים געבעטן מיר ווייזן דאָס פּאַפּירל. איך האָב עס דורכגעלייענט און געזען, אַז די חברים האָבן קיין זאַך ניט געענדערט.

פאַרוואָס דונקעל׳ס פאַרדאַכט איז געפאַלן דווקא אויף מיר, ווייס איך ניט. סיידן דערפאַר, וואָס מיין רוסישע שפּראַך איז געווען בעסער, ווי די שפּראַך פון דעם גרעסטן טייל אַרעסטאַנטן. אָבער איך מוז זאָגן, אַז איך בין צוליב דעם ניט אַראָפּגעפאַלן אין זיינע אויגן. פאַרקערט, ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט גרעסערן דרך ארץ. משמעות, ער האָט אָנערקענט די מאַכט פון דער פּרעסע, — און זאָל דאָס זיין אפילו די אומלעגאַלע פּרעסע.

די פּראָקלאַמאַציע איז באַלד געוואָרן באַקאַנט איבער דער גאַנצער טורמע. זי האָט שטאַרק אויפגעהויבן דעם מוט פון די חברים. מיר האָבן אויך באַקומען אַ בריוו, וואו מ׳האָט אונז געמעלדעט, אַז דער געזעלשאַפט־לעכער דרוק אויף דעם גובערנאַטאָר ווערט אַלץ שטאַרקער און אַז אויב מיר וועלן זיך האַלטן, איז דאָ יעדע מעגלעכקייט צו געווינען דעם סטרייק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר אים טאַקע געוואונען.

## ניינטער קאפיטל

# מיר געווינען דעם הונגער-סטרייק

ווען איך בין געווען אינגער אין דער רעוואָלוציע, פלעג איך זיך וואונדערן, פאַרוואָס א הונגער־סטרייק מאַכט אזא גרויסן איינדרוק אף דער נאַטשאַלסטווא. אָט זיצן א פּאָר צענדליק אָדער א פּאָר הונדערט אַרעסטירטע. נו, זיי זאָגן זיך אָפּ פון עסן. די נאַטשאַלסטווא איז דאָך קיינמאָל נים פאַר־אינטערעסירט אין זייער באַקוועמלעכקייט. טאָ פאַרוואָס ווערט זי באַאומ־רואיקט, ווען זיי גייען ארויס אין סטרייק? פאַרוואָס זאָגט זי נים: זאָלן זיי קראַפּירן, אויב זיי ווילן?

דער ענטפער איז, אז די אַרעסטירטע זיינען ענג פאַרבונדן מים דער אויסן־וועלט. טאַקע דאָס, וואָס די אַרעסטירטע זיינען מאַכטלאָז, וואָס זיי האָבן נים קיין אַנדער מיטל, ווי זעלבסט־פּיין, און וואָס זיי האָבן אָפּ זיך ארויפגעלייגט די זעלבסט־פּיין, וואָס זעט אוים ווי זעלבסט־מאָרד, ווייל זיי האָבן שוין נים געקענט איבערטראָגן די באַדינגונגען — דאָס אליין ווירקט זייער שטאַרק אף דער ברייטער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

צווישן די אַרעסטירטע געפינען זיך געוויינטלעך נים נאָר אַרבעטער, נאָר אויך זין און טעכטער פון דער בורזשואַזיע. ווי נאָר איבער דער שטאָט פאַרשפּרייט זיך די נייעס וועגן דעם הונגער־סטרייק — און באַהאַלטן דאָס איז נים מעגלעך, ווייל אפילו די וועכטער אליין דערציילן וועגן דעם צווישן פריינט און באַקאַנטע — אזוי הויבט זיך גלייך אָן א שטאַרקע באַוועגונג. אַרבעטער שיקן פּראָטעסט־בריוו צום גובערנאַטאָר און צום פּראָקוראָר. קרובים און פריינט פון די אַרעסטירטע — אזוינע, וואָס זיינען אליין נים דירעקט פאַרבונדן מים דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן דעריבער נים אזוי מורא פאַר דער פּאָליציי — הויבן אָן קומען ווי דעלעגאַציעס צו די העכערע באַאמטע. אין קלוב, אין טעאַטער, אף א באַל קומען מענטשן און מוסר'ן דעם גובערנאַטאָר און פּראָקוראָר, פאַרוואָס זיי נעמען נים קיין מיטלען צו ענדיקן דעם סטרייק.

איבער אַלצדינג העגגט די מורא, אז טאָמער וועט א סטרייקער טאַקע

שטאַרבן פון הונגער. דאָס וואָלט געווען אַזאַ פּלעס, פון וועלכן די נאַ־טשאַלסטוואָ וואָלט זיך ניט ריינגעוואַשן אין אַ משך פון יאָרן. פון דער אַנדערער זייט האַנדלט עס זיך דאָך נאָר וועגן געוויסע קליינע פּריווילעגיעס פאַר די אַרעסטירטע, וואָס קאָסטן דער נאַטשאַלסטוואָ גאָרניט. דעריבער האָט אָפּט געטראָפן, אַז הונגער־סטרייקס זיינען געוואונען געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד.

(אין יענער צייט האָט די צאַרישע רעגירונג זיך נאָך ניט דערטראַכט צום געדאַנק, אַז מען קען שפּייזן די אַרעסטירטע מיט גוואַלד, ווי מען האָט דאָס געטאָן שפּעטער, נאָך 1905, און ווי מען טוט עס דאָ אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן.)

פאַרנאַכט, צום שלום פונעם זעקסטן הונגער־טאָג, איז דונסקעל, דער טורמע־נאַטשאַלניק, געקומען צו דער טיר פון מיין קאַמער און דורך די גראַטעס פאַרפירט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די אַרעסטאַנטן, אַז „זיי האָבן ניט קיין מאַנירן", אַז „זיי ווייסן ניט ווי צו ריידן מיט אַ מענטשן". ער האָט מיר געגעבן אַ סך קאָמפּלימענטן, אַז איך בין אַ „טאַקטישער מענטש" און „אַ מענטש מיט בילדונג". וועגן די פאָ־דערונגען האָט ער געזאָגט, אַז אויב די אַרעסטאַנטן זיינען מסכים צו לאָזן זיך פאַרשפּאַרן נאָך ניין אַזייגער יעדן טאָג, אויב זיי וועלן צוזאָגן ניט צו זיצן אויף די פענצטער און ניט זינגען נאָך „פּאָווערקע", אויב זיי וועלן ניט טומלען אין הויף אָפן שפּאַציר־גאַנג, וועט מען האַלטן די קאַמערן אָפן פון זיבן ביז ניין און מען וועט דערלויבן שפּאַצירן פיר שעה. אויך וועט מען דערלויבן אויסקלייבן אַ פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרעסטירטע.

איך האָב איינגעזען, אַז דאָס זיינען אייגנטלעך אין אַן אַנדער פאָרמו־לירונג נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון די חברים. דאָס איז געווען דונסקעל'ס מאַנעווער כדי אַרויסצודרייען זיך פון אַן אומאַנגענעמער לאַגע. זאָג איך אים: „וועסט מיר דערלויבן גיין זיך דורכריידן אין יעדער קאַמער מיט די חברים, כדי צו זען, אויב זיי וועלן איינגיין אויף דיין פאָרשלאָג?" ער האָט געהייסן עפענען מיין קאַמער און די שליסער האָבן מיך געפירט פון איין קאַמער אין דער צווייטער, וואו מיר האָבן אומגעשטערט פאַרהאַנדלט די פראַגע. די שליסער האָבן מיר אַלעמאָל געהייסן אוועקגיין פון דער טיר אָפן אַנדערן עק קאָרידאָר.

אין ווייניקער ווי אַ שעה האָבן אַלע אַרעסטירטע שוין געהאַט באַטראַכט און אָנגענומען דעם „קאָמפּראָמיס", וואָס איז גאָרנישט געווען קיין קאָמ־פּראָמיס, נאָר אַ פולער זיג. און כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט, אַרום

צען אין אוונט, האט מען געעפנט אלע קאמערן, מיר האבן זיך אלע פאר־זאמלט אין דער גרעסטער קאמער און האבן „אפגעפאסט".

יענעם אוונט זיינען אלע רעגולאציעס פון דער טורמע אפגעשאפט גע־ווארן. מיר האבן ארויסגעשיקט א פאר וועכטער און יענע האבן געבראכט גאנצע זעק מיט פרישע ווייצענע בולקעס און גרויסע קאנען מיט מילך. מען האט אויך געבראכט געקאכטע פלייש. דערווייל האט מען אריינגעטראגן פון דער טורמע־קיך דעם גרויסן קופערנעם סאמאוואר, אין וועלכן עס איז אריין א דריי־פיר עמער וואסער. דער סאמאוואר האט באלד אנגעהויבן זידן.

ארום דעם סאמאוואר און דער שפייז האבן מיר אוועקגעשטעלט א שטרענגע וואך. יעדער חבר האט פריער אפן ניכטערן הארצן געדארפט אויס־טרינקען א גלאז טיי. ערשט שפעטער מיט פופצן מינוט האבן מיר אים געגעבן א האלבע גלאז מילך. און ערשט מיט א האלבער שעה שפעטער האט ער געמעגט עסן ברויט מיט קעז. נאר די שטארקערע האבן באקומען די דערלויבעניש צו עסן פלייש.

קיינער פון די חברים איז ניט געשעדיקט געווארן באם אפפאסטן.

דאס עסן אלע צוזאמען אין דער גרויסער צענטראלער קאמער, וואוהין עס זיינען אריינגעטראגן געווארן די טישן פון אנדערע קאמערן און אויס־געשטעלט געווארן ווי אף א באנקעט, די פרייד פון זיג איבערן שונא, די פרייד פון ענדיקן א דערפאלגרייכן קאמף האט אונז אלעמען ווי פאר־שיכור'ט. כאטש מיר האבן צוגעזאגט ניט צו זינגען נאך „פאוויערקע", האבן מיר אלע געזונגען אין כאר. ווייט אין דער נאכט אריין האבן געקלונגען אונזערע פריילעכע לידער.

מאדנע: די וועכטער זיינען אויך אנגעשטעקט געווארן מיט אונזער פרייד. דער עלטסטער פון די שליסער, א פאסקודנער נפש, פון וועלכן מיר האבן שפעטער אלע א סך געליטן, האט געשמוכט אין זיינע דיקע וואנצעס און געזאגט:

— איר מיינט מיר קענען ניט מיטפילן? אף א הונט איז אויך א רחמנות, ווען ער הונגערט.

צענטער קאפיטל

# ווי אזוי ארעסטאנטן האבן געפרואווט אנטלויפן פון דער אנטאקאליער טורמע

איך האב דערמאנט, אז דער טורמע־נאטשאלניק דונקעל האט איינ־געפירט א טעראר־רעזשים נאכדעם ווי איניקע פאליטישע ארעסטירטע האבן געפרואווט אנטלויפן פון דער אנטאקאליער טורמע. ווען איך בין אנגעקומען אין דער טורמע אנהויב מאי, 1904, האט די גאנצע טורמע געהאלטן אין איין רעש'ן און קאכן מיט דעם „פאביעג". איך וויל דא דערציילן, וואס מען האט מיר איבערגעגעבן וועגן יענער פראבע צו אנטלויפן.

אין טורמע זיינען געזעסן עטלעכע ארעסטירטע, וואס האבן געוואוסט, אז מען וועט זיי אינגיכן אפשיקן אדער אף קאטארגע, אדער אף פינף ביז צען יאר „כסילסא" אין סיביר. איניקע פון זיי האבן באשלאסן צו אנטלויפן.

יעדערער אזא פארזוך מוז געמאכט ווערן אין קאנטאקט מיט דער אויסן־וועלט. אין טורמע זיינען אלעמאל פאראן וועכטער, וואס לאזן זיך קויפן פאר געלט. זיי גיבן איבער בריוו, אמאל אויך אומלעגאלע ליטעראטור. דורך זיי איז די טורמע שטענדיק פארבונדן מיט די חברים אף דער פריי. שפעטער מיט יארן האבן זיך געפונען אפילו אזעלכע וועכטער, וואס האבן סימפאטיזירט מיט די רעוואלוציאנערן און זיי געהאלפן אומזיסט.

דער פלאן איז געווען אזא: מען האט אריינגעשמוגלט אין טורמע עטלעכע שטאלענע זעגלעך. די זעגלעך זיינען געווען איינגעקלעפט אין טוואלען פון גרויסע ביכער, וואס מען האט אריינגעשיקט צו איניקע פון די ארעסטירטע. מען האט געדארפט איבערזעגן די גראטעס, זיך אראפלאזן פונעם פערטן שטאק אף צונויפגעבונדענע ליילעכער, ארויסגיין פונעם אינע־ווייניקסטן הויף אפן אויסנווייניקסטן הויף, דארטן אריבערקריכן דעם פארקן און אוועקגיין אין שטאט אריין אף די פאראויס־באשטימטע קווארטירן.

די גראטעס האט מען געזעגט אזוי: אין איין קאמער האבן די חברים ארגאניזירט א געזאנג אדער א הויכן געשפרעך, וועלכער האט צוגעצויגן די וועכטער פונעם גאנצן קארידאר. די וועכטער פלעגן קומען און אנהויבן איינ'טענה'ן מיט די ארעסטאנטן, אז זיי זאלן שווייגן. דערווייל האט איינער פון די חברים אין דער באשטימטער קאמער געזעגט די גראטעס. בא דער טיר זיינען געשטאנען חברים, וואס האבן נאכגעפאלגט יעדע באוועגונג פון

די וועכטער. קוים האָט מען געזען, אַז אַ וועכטער קומט נאָענט, האָט מען געגעבן אַ סיגנאַל און דאָס זענען האָט אויפגעהערט.

עס איז געווען אַן ארבעט פון לאַנגע וואָכן. אָבער ענדלעך זיינען אַלע גראַטעס פון דער קאַמער געווען אונטערגעזעגט. כדי די שפּאַלטן אין די גראַטעס זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן, האָט מען זיי פאַרקלעפּט מיט צעקנאָטענעם ברויט. ווען מען האָט געדאַרפט, איז געווען גענוג איין שטאַרקער שטויס אף אַרויסצונעמען די גאַנצע גראַטע פונעם פענצטער.

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט, ווען די אַרעסטירטע האָבן באַשלאָסן דורכצופירן זייער פּלאַן. געלאָפן זיינען, אויב איך האָב ניט קיין טעות, עלף מענטשן. זיי האָבן אַרויסגענומען די גראַטעס, זיך אַראָפּגעלאָזט אף צונויפגעבונדענע ליילעכער אפן הויף, דורכגעגאַנגען דעם אינעווייניקסטן הויף. דער שליסער באַם טויער, וואָס פירט פונעם אינעווייניקסטן הויף אין דעם אויסנווייניקסטן הויף, איז געווען אַן אונטערגעקויפטער. ער האָט זיך געלאָזט באַפאַלן און בינדן. די שליסל האָט ער אָפּגעגעבן. די אַנטלויפנדיקע האָבן אויפגעמאַכט דעם טויער און אַרויס אין צווייטן הויף. דאָרט איז אין אַ ווינקל געלעגן אַ סטאָס געהאַקטע האָלץ. זיי האָבן דאָס האָלץ צוגעליינט צו דער געמויערטער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם הויף פון דער גאַס, און גענומען קלעטערן אף יענער זייט. איינער אַן עלטערער חבר האָט ניט געהאַט קיין כח צו קלעטערן, האָט ער געבעטן אַ איינגערן ער זאָל אים העלפן אריבערקריכן איבערן מויער. יענער האָט אים געהאָלפן. דער עלטערער חבר איז אַריבער. אָבער דער, וואָס האָט אים געהאָלפן, האָט זיך דערווייל פאַרשפּעטיקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלאַרם — און ער איז געכאַפּט געוואָרן דער ערשטער.

די צען אף יענער זייט מויער זיינען זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, אָבער נאָר, דאַכט זיך, דריי האָבן זיך געראַטעוועט. די איבעריקע זיינען אין אַ מינוט פופצן אַרום שוין געווען צוריק אין טורמע.

מיט איינעם פון די אַרעסטירטע, פראַנץ, איז געשען אַט־וואָס. ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ גאַנץ לאַנגע שטרעקע פון דער טורמע. ער איז געגאַנגען איבערן בריקל, וואָס פירט אין שטאָט אַריין. ער האָט שוין געגלויבט, אַז אָט־אָט און ער איז געראַטעוועט. די שטאָט האָט ער גוט געקענט. אַ זיכערע קוואַרטיר איז געווען פאַרגרייט. דערגיי צום ערשטן איזוואָזטשיק, זעץ זיך אַוועק און פאָר. איז ווער, מיינט איר, דאַרף אים באַגעגענען גראָד אין יענער מינוט און גראָד אין יענעם פּלאַץ? דער שפּיאָן, וואָס האָט אים אַרעסטירט צוריק מיט אַ צייט. דער שפּיאָן האָט אים באַלד דערקענט

און רופט זיך אָפּ: „וואָס טוסטו דאָ? דו דאַרפסט דאָך זיין אין טורמע!״ און ער האָט אים גענומען און אָפּגעפירט אין טורמע, וואו מען האָט אים פאַרשמידט אין קייטן.

מיטן עלטערן חבר איז געשען אָט־וואָס: ער איז אַרויס פון טורמע אין אונטערוועש. ער האָט זיך פון אָנהויב ניט געגרייט אַנטלויפן. ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעטאָן בּאַ זיך אין קאַמער און געוואָלט ליגן שלאָפן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך איינער קען לויפן. האָט מען אים אַ רוף געטאָן. צייט זיך אָנצוטאָן איז ניט געווען. איז ער געלאָפן אין אונטער־וועש. עס האָט אים געגליקט: אַ חבר האָט אים געהאָלפן אַריבּערקלעטערן דעם פּאַרקן. אָבּער טאַקע באַלד האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז אין ווייסע אונטערוועש קען ער זיך אין ערגעץ ניט ווייזן. וואָס טוט מען? אויף יענער זייט גאַס, פּונקט אַנטקעגן דער טורמע, האָט זיך געהויבּן אַ בערגל באַוואַקסן מיט קוסטעס. איז ער אַריינגעקראָכן צווישן די קוסטעס. אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט איז ער געקראָכן פון איין קוסט אין דעם צווייטן איבּער דעם בערגל. אַזוי האָט ער פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט. ער האָט געציטערט פון קעלט. עס האָט בּאַ אים ניט געטראָפן אַ צאָן אויף אַ צאָן. געקומען דער פרימאָרגן און ער ליגט פאַרשטעקט אויף אַ בערגל צווישן קוסטעס, מיט אַ האַנט דערלאַנגען צו דער טורמע. אין שטאָט האָט די פּאָליציי געקערט וועלטן צו געפינען די אַנטלאָפענע. און ער איז דאָ געלעגן אויפן בערגל לעבן טורמע — אין אַ העמד מיט גאַטקעס.

אַזוי איז ער איבּערגעלעגן ביז שפּעט בייטאָג.

וואָס ווייטער? ער איז דערקראָכן צו אַ פּלאַץ ניט ווייט פון אַ וועג. אויפן וועג זיינען געגאַנגען אַלערליי מענטשן. ער האָט ענדלעך באַשלאָסן זיך ווענדן צו די פאַרבייגייער, וואָס וועלן אים אויסזען וויניקער פאַרדעכטיק. עס איז אָנגעקומען אַ פּאָרל, אַ יונגער בחור מיט אַ מיידל. דער אַלטער איז אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און זיי דערציילט: אַזוי און אַזוי, ער איז אַן אַנטלאָפענער רעוואָלוציאָנער, ער האָט זיך לעצטן אָוונט אַרויס־געראַטעוועט פון טורמע. אויב זיי ווילן, זאָלן זיי אים איבּערגעבּן דער פּאָליציי. אויב ניט, זאָלן זיי אים ברענגען קליידער.

דאָס פּאָרל איז אַוועקגעגאַנגען און אין אַ צייט אַרום האָבּן זיי אים געבראַכט קליידער.

דער אַלטער האָט זיך אָנגעטאָן. די צוויי האָבן אים נאָך געהאָלפן דער־גרייכן די זיכערע קוואַרטיר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט.

## עלפטער קאפיטל

# פאדפאלקאווניק פאטאראקי

זיצנדיק אין דער אנטאקאליער טורמע, האב איך פיינט געהאט דעם גאטשאלניס דונקעל; איך האב פיינט געהאט דעם עלטסטן פון די שליסער, וועלכער האט זיך פאר מיר ניט איינמאל בארימט, אז א שליסער טראגט א רעוואלווער ניט פאר צירונג, נאר כדי צו שיסן; איך האב געפילט א האס צו דער גאנצער כאליאסטרע, וואס האט געהאט א רעכט איבער יעדן טריט מיינעם פיר־און־צוואנציק שעה׳ אין טאג. אבער מער פון אלעמען האב איך פיינט געהאט דעם זשאנדארמסקע אפיציר, וואס האט געפירט מיין „דיעלע" (קעיס), פאדפאלקאווניק פאטאראקי.

אייגנטלעך איז די „דילע" געווען געגוג איינפאך. נאך פונעם ערשטן טאג, ווי מיר זיינען אנגעקומען אין טורמע, האבן אלט־געזעסענע ארעסטירטע געמאכט דעם דיאגנאז, אז מען וועט אונז פארורטיילן פאר „קאמיטעטשי־קעס" פונעם געוויינלעכן סארט, און אז דערפאר קריגט מען געוויינטלעך א שטראף פון פינף יאר סיביר, אפזיצנדיק אין דער „אונטערזוכונגס־צייט" א יאר אדער אנדערהאלבן.

מיר אליין האבן אויך געוואוסט, אז דאס איז דער אויסגעטראטענער וועג פון באהאנדלען פאליטישע ארעסטירטע. די ארעסטירטע זיינען איינגע־טילט געווארן, ערשטנס, לויט זייער אנטייל אין דער רעוואלוציאנערער בא־וועגונג; צייטנס, לויט דעם מאטעריאל, וואס מ׳האט געפונען בא זייער ארעסט.

די צארישע זשאנדארמעריע פלעגט זייער גוט דורכפירן די ליניע צווישן א רענק־און־פאילער און א פירער. טאמער האט מען ארעסטירט מענטשן אף א דעמאנסטראציע אדער אין דער צייט פון א סטרייק, האט מען געמאכט א גענויע אונטערזוכונג, וואס פאר א ראלע דער באטרעפנדיקער האט גע־שפילט. א רענק־און־פאילער פלעגט געוויינטלעך קריגן פון דריי ביז זעקס חדשים טורמע און דערנאך באפרייט ווערן. געוועזן פירער, וואס ס׳איז זיי געלונגען צו פארשטעלן זיך פאר „מאסאוויקעס" (רענק־און־פאילערס), דער עיקר ווען מ׳האט בא זיי גארניט געפונען אין דער צייט פונעם ארעסט. אבער אזוינע איז ניט געווען קיין סך. ערשטנס, איז א מענטשן שווער

נעוועז צו פארשטעלן זיך פאר אן „איך ווייס ניט", ווען ער איז נעוועז א רעוואָלוציאָנערער טוער; צוויטנס, האָט די זשאנדארמעריע געהאט א שארף אויג און האָט דערקענט א טוער פונעם ערשטן בליק; דריטנס, זיינען נעוועז ספעציעלע שפּיאָנען, וואָס האָבן זיך פראקטיצירט אף צו דערקענען ארעס־טירטע.

נעמען האָט מען עס אזוי: שטעלט אייך פאָר, אז מען האָט עמיצן ארעסטירט אין מינסק, אין דעם ארבעטער־קווארטאל. דער מענטש זאָגט, אז ער איז אן ארבעטסלאָזער האנדלס־אָנגעשטעלטער אָדער לערער. די זשאנ־דארמעריע ווייסט ניט, צי איז ער טאקע אן איינפאכער מענטש, צי איז ער א רעוואָלוציאָנערער טוער. זיין פּאספּאָרט איז גוט. געפונען האָט מען בא אים אף דער קווארטיר גאָרניט. אָבער דאָך איז די זשאנדארמעריע ניט זיכער. וואָס־זשע טוט מען? שיקט מען נאָך איינעם פון די שפּיאָנען, וואָס איז אָפּגעזעסן יאָרן אין דער מאָסקווער צענטראלער טורמע. דורך יענער טורמע פלעגן דורכגיין אלע ארעסטירטע, ווען מען האָט פארשיקט קיין סיביר. דער שפּיאָן, א מענטש מיט א גוט אויג, האָט געקענט כמעט אלע די, וואָס זיינען דורכגעגאנגען דורכן צענטראל. ער קומט קיין מינסק, טוט א קוק אפן ארעסטירטן און זאָגט: „אהא, דאָס ביסטו דער פארשוין, וואָס איז געזעסן פאר־צוויי־יאָרן אונטערן נאָמען אזוי און אזוי?" דער ארעס־טירט:ר ווערט נאָכדעם באהאנדלט וועדליג זיין לאגע אין דער באוועגונג.

איך מוז זאָגן, אז די זשאנדארמעריע האָט, אמת, געמאכט טעות'ן, אָבער זעלטן. צענדליקער יאָרן פּראקטיקע האָבן זי אויסגעלערנט צו דער־שמעקן א רעוואָלוציאָנערן טוער.

די טוער זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין קאטעגאָריעס. טאָמער האָט מען עמיצן געכאפּט אין אן אומלעגאלער דרוקעריי, האָט מען אים געוויינטלעך פארשיקט אף קאטאָרגע. דאָס איז געווען שווערע צוואנגס־ארבעט אין די גאָלד־גרובן אָדער קוילן־גרובן פון סיביר. די ארעסטאנטן פלעגן זיין פאר־קאָוועט אין קייטן סיי אין קאמער, סיי בא דער ארבעט. מ'פלעגט זיי אָפּגאָלן א האלבן קאָפּ, כדי טאָמער אנטלויפט עמיצער, זאָל מען אים באלד דערקענען. זיי האָבן ניט געהאט קיין שום רעכט, און דער טורמע־נאטשאלניק איז געווען פריי צו געבן זיי שמיץ לויט זיין אייגענעם ווילן.

געוויינטלעך פלעגט מען פארשיקן אף פינף ביז צען יאָר קאטאָרגע, און נאָכדעם, ווען דער באטרעפנדיקער האָט אָפּגעדינט, פלעגט ער ערשט מוזן בלייבן אין סיביר ווי א „פּאָסעלענעץ", ד. ה., איינער וואָס מוז וואוינען אין איין און דעמזעלביקן אָרט אונטער פּאָליציאישער אויפזיכט.

קאטארגע איז געווען די גרעסטע שטראף, וואס א פאליטישער טוער האט געקראגן — אויסער, פארשטייט זיך, טויט־שטראף, וואס איז איינגעפירט געווארן אין 1906, נאכדעם ווי די רעוואלוציע איז באזיגט געווארן. קאטארגע פלעגן אויך קריגן אזוינע ארעסטאנטן, וואס האבן ארויסגעוויזן א באוואפנטן ווידערשטאנד קעגן דער פאליציי, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט א גרופע פארשיקטע אין יאקוטסק אין 1904.

אנדערע וויכטיקע פאליטישע טוער, געוויינטלעך פון דער צענטראלער פירערשאפט, אויב מ'האט זיי געכאפט מיט וויכטיקע דאקומענטן, פלעגן קריגן ארעסטאנטסקע ראטעס. דאס איז געווען אזא מין טורמע, וואו די ארעסטאנטן האבן געמוזט ארבעטן, ווי למשל, נייען שיך, וועבן טעקסטילן, ארבעטן אין סוזניעס, מאכן פעסער, א. ד. ג. די ארעסטאנטסקע ראטעס האבן זיך גע־פונען אין די פארשיידענע שטעט פון רוסלאנד, ניט אין סיביר. די ארבעט איז ניט געווען זייער שווער, און די ארעסטאנטן האבן געהאט א רעכט צו פארברויכן א טייל פון זייערע פארדינסטן אף צו פארבעסערן דאס עסן. דעריבער איז ארעסטאנטסקע ראטעס ניט געווען פארעכנט פאר א זייער שווערער שטראף. געוויינטלעך פלעגט מען פארשיקן אין ארעסטאנטסקע ראטעס אף צוויי אדער דריי יאר.

די דריטע קאטעגאריע טוער — די רענק־און־פאיל טוער, אזוי צו זאגן, — פלעגן קריגן ארויסגעשיקט עגטוועדער קיין סיביר, אדער קיין צפון־רוסלאנד אף א פעריאד פון דריי ביז פינף יאר. די פארשיקטע פלעגן דארטן בלייבן די גאנצע צייט אין איין און דעם זעלביקן פלאץ אונטער פאליציייאישער אויפזיכט. אויב די שטאט איז געווען א באדייטנדיקע, פלעגן זיי קענען עפעס פארדינען — אלס לערער אדער אנגעשטעלטע. אויב אבער דאס איז געווען א פארווארפן דערפל ערגעץ־וואו אין די וויכטע וועלדער פון מזרח־סיביר, איז דאס ניט געווען קיין סך בעסער ווי טורמע.

די ערגסטע „ססילקא" (פארשיקונג) איז געווען אין ווארימער געגנט אף יענער זייט יאקוטסק אין צפון־מזרח סיביר, דארט וואו דער זומער דויערט נאר דריי חדשים און אין ווינטער איז דריי חדשים אינגאנצן פינצטער. דארטן פלעגט מען דארפן וואוינען אין א יורטע געמאכט פון פעל און ארומ־געדעקט פון אלע זייטן מיט בלאקס פון אייז און שניי. איין זאך איז געווען גוט בנוגע אזוינע געגנטן: מענטשן מיט טובערקולאז־קראנקהייט פלעגן דארט אדער באלד אפשטארבן, אדער ווערן געזונט.

יא, איך האב דאך אבער געוואלט דערציילן וועגן „מיין" זשאנדארמסקע אפיציר פאדפאלקאווניק פאטאראקי.

## צוועלפטער קאפיטל

# א צארישער וויסנשאפטלעכער שפיאן

מיין „דיעלע" איז געווען בערך איינפאך. מען האט בא מיר געפונען א ביסל ליטעראטור. דאס איז געווען די קלענסטע זאך. מען האט געפונען, אז איך לעב אף א פאלשן פאספארט. דאס איז שוין געווען ערנסטער. מען האט בא מיר געפונען א קוויטאנציע אף 4 פוד מיט 30 פונט פראכט. די זשאנדארמען זיינען געגאנגען אפן וואקזאל און ארונטערגענומען די „פראכט" און דערזען, אז דאס זיינען געווען מאי־פראקלאמאציעס אף רוסיש. דערמיט איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז איך בין געווען אן אנפירנדיקער טוער אין דער ארטיקער ארגאניזאציע.

מיין רעקארד איז ניט שווער געווען פעסטצושטעלן. פריער בין איך ארעסטירט געווארן אלס סטודענט און אפגעגעבן געווארן אין סאלדאטן אף א יאר. נאכדעם בין איך, אלץ נאך אלס סטודענט, ארעסטירט געווארן אין קיעוו און אפגעזעסן א חודש. איצט בין איך ארעסטירט געווארן אין ווילנע. מיין קאריערע איז געווען קלאר פאר די זשאנדארמען. אזוינער ווי איך האט געדארפט אפזיצן א יאר־אנדערהאלבן ביז זיין „דיעלע" וועט דורכגיין אלע סטאדיעס אין דער ארטיקער זשאנדארמעריע און אין פעטערבורג, און נאכדעם האט ער געדארפט קריגן פינף יאר סיביר.

וויבאלד מיר איז דאס קלאר געווארן, האב איך שוין ניט געהאט וועגן וואס צו טראכטן, ניט געהאט וועגן וואס צו זארגן. די געשעענישן וועלן שוין גיין זייער געוויינטלעכן גאנג. דער עיקר נאך ווען עס איז אנגענומען אלס אן אייזנפעסטער כלל, אז רעוואלוציאנערן זאגן זיך אפ פון „פא־קאזאניעס", ד. ה., זיי ענטפערן ניט אף קיין פראגן, וואס די אונטערזוכער שטעלן זיי. אפזאגן זיך צו ענטפערן איז געווען א געזעצלעכע פריווילעגיע פון יעדן ארעסטירטן — און די פאליטישע ארעסטירטע האבן דאס אויס־גענוצט אין גאר א גרויסער מאס, סיידן דער פראצעס איז געווען אן עפנט־

לעבער און זיי האָבן געוואָלט אַרויסטרעטן מיט אַ באַשולדיקונג קעגן דער רעגירונג. אָבער אין 1904 איז ניט געווען אַזוינע פּראָצעסן.

איך האָב פונעם ערשטן טאָג אָן זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן. דערביי האָט מען אין רוסלאַנד אפילו ניט געדאַרפט האָבן דעם אויסרייד, וואָס מ'האָט אין אַמעריקע, וואו אַן אָנגעקלאָגטער קען זיך אָפּזאָגן פון צו ענט־פערן „אויפן גרונט פון דעם, וואָס דאָס קען מיר שאַטן אָדער מיך דעגראַדירן". פּראָסט און פּשוט — אַן אָנגעקלאָגטער האָט געענטפערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו געבן פּאָקאַזאַניעס, און פאַרטיק.

אַנדערע זשאַנדאַרמסקע אָפיצירן פלעגן זיך באַנוגענען מיט אַזאַ ענט־פער. אָבער ניט „מיין" פּאָדפּאָלקאָווניק פּאַטאַראַקי. דער דאָזיקער אָפיציר איז, קענטיק, געווען פון גריכישער אָפּשטאַמונג. ווי יעדער „ניט־עכטער" רוס אינעם דינסט פון דער צאַרישער רעגירונג, האָט ער זיך געוואָלט באַ־וונדערס אויספּיינען, ווייזן אַז ער קען אפילו בעסער די מלאכה, ווי גע־בוירטיקע רוסן. נו, האָט ער איינגעפירט פאַר די אָנגעקלאָגטע אַ מאָראַלע פּייניקונג, וואָס איז געווען ניט בעסער און פאַר אייניקע נאָך ערגער, ווי פיזישע פּיין.

פּאָדפּאָלקאָווניק פּאַטאַראַקי איז געווען אַ מענטש פון אַ ביסל נידעריקער ווי מיטלן וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען ברייטער ווי לענגער. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז זיין קאָפּ איז אַ ביסל צונויפגעקוועטשט פון אויבן אַרונטער און פון אונטן אַרויף. דערביי איז ער ניט געווען קיין מיאוס'ער. זיין פּנים האָט נאָר אויסגעזען אַ ביסל צו פּיר־קאַנטיק. דאָס מויל איז געווען ברייט און גלייך און האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ פּאָר דינע ליפּן. איבער די ליפּן האָבן זיך געצויגן צוויי אָנגעוועקסלטע דינע וואָנצעלעך, ווי צוויי שאַרפע אָלן. געווען איז פּאַטאַראַקי שטענדיק אָנגעטאָן ווי פון דער נאָדל אַרויס, און די זילבערנע עפּאָלעטן אויף זיין גראָען מיליטערישן שינעל האָבן געגלאַנצט, ווי ניי. דער עיקר האָב איך פיינט געהאַט איז פּאַטאַראַקי'ן זיינע אויגן — צוויי לענגלעכע, גראָע, קאַלטע, קלוגע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי איינשניטן אין זיין בלאַסלעכן פּנים מיט דער גלאַט־אָנגעצויגענער הויט. אַ טבע האָט ער געהאַט, אַז ווען ער האָט געקוקט אויף דיר, האָט ער האַלב פאַרמאַכט די אויגן. האָבן זיך באַקומען צוויי לאַנגע שמאָלע שפּעלטעלעך, פון וועלכע עס האָט זיך געגאָסן אַ קאַלט פייער.

איצט, ווען אַזויפיל יאָרן זיינען אַוועק און איך קען טראַכטן וועגן דעם

מענטשן אָביעקטיוו, פרעג איך זיך: ווי האָט ער געלעבט? צי האָט ער אַמאָל געלאַכט? צי האָט ער אַמאָל אָוועקגעוואָרפן אָט די מאַסקע פון אומ־דערבאַרעמדיקער שאַרפזיכט? אָבער אין יענער צייט, ווען פּאַטאַראַקי האָט געהאַט איין צוועק — מיך כאַפּן כדי מיך צו באַשטראָפן וואָס שווערער, און איך האָב געהאַט איין צוועק — זיך אַרויסדרייען פון זיינע לאַפּעס, איז אָט דער נפש פאַר מיר געווען ווי אַ קאָשמאַר.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו געבן „פּאָקאַזאַניעס". דערמיט איז דער ענין, דאַכט זיך, דערלײדיקט. אָבער ניט בא פּאַטאַראַקי׳ן. ער האַלט מיך בא זיך אין קאַבינעט. דאָס איז אַ גרויסער צימער מיט דריי פענצטער, מיט אַ שיינעם שרייב־טיש אין אַ ווינקל, מיט עטלעכע פיין־געבעטע שטולן, מיט בילדער אַף די ווענט — דווקא ניט קיין פּאָרטרעטן פון גענעראַלן אָדער פירשטן, נאָר מאַלערייען. אַפן פּאָל איז אַ רייכער קאָלירפולער טעפּיך. נאָך דעם זיצן אין דער טורמע־קאַמער איז אַ פאַרגעניגן זיך אָפּצורוען כאָטש אַ שטיקל צייט אין אָט־דעם גראַמען לופטיקן צימער. פּאַטאַראַקי פאַרשטעלט זיך, אַז ער וויל דיך גאָרניט אויספרעגן. ער איז גלאַט אַ גוטער באַקאַנטער, וועלכער פירט מיט דיר אַ געשפרעך. ער שלאָגט דיר פאָר אַ פּאַפּיראָס, און אפילו ווען דו וואָלסט יאָ געריכערט, וואָלסטו זיך אָפּגעזאָגט, וואָרים ווער ווייס וואָס פאַר אַ נאַרקאָטישער מיטל ס׳איז צוגעמישט צום טאַבאַק. מען טראָגט אַריין צוויי גלעזער טיי, און פּאַטאַראַקי שלאָגט דיר פאָר איין גלאָז, אָבער דו זאָגסט זיך אָפּ, ווייל ווער ווייסט, וואָס מען האָט אַריינגעגאָסן אין דער טיי. פּאַטאַראַקי לאָזט זיך אָוועק מיט דיר אין אַ שמועס וועגן פּאָליטיק, און דו היטסט זיך ניט צו זאָגן גאָרנישט, ווייל ווער ווייסט, וואָס ער איז אויסן מיט זיין געשפרעך. אינמיטן דערינען, ווי ער רעדט מיט דיר אַזוי פריינטלעך, רופט ער דיר צו אַ פאָטאָגראַפיע און קוקט אַף דיין פּנים צו זען, אפשר וועסטו מאַכן עפּעס אַ מינע, ווען דו וועסט דערזען דאָס בילד פון אַ באַקאַנטן. נאָר פּלוצלונג הויבט ער דיר אָן צו דערציילן, אַז ער האָט שוין אין זיינע הענט דעם און דעם און דעם און אַז די גאַנצע אָרגאַני־זאַציע איז רואינירט, אַז דער און דער האָט מיך אַרויסגעגעבן, און דער און דער שטייט שוין אין דינסט פון דער „אָכראַנקע" (געהיים־פּאָליציי) — און כאָטש דו גלויבסט אים ניט, און כאָטש דו ווייסט, אַז דאָס איז אַלץ אַ גע־מיינער טריק, פאַלט דיר דאָך אַיין דער מאַמעס מילך.

אינמיטן דערינען הויבט זיך אויף פּאָדפּאָלקאָווניק פּאַטאַראַקי, ווערט

בלאָס ווי פּאַפּיר, ביילט צונויף די פויסט און טראַגט זי אונטער צו דיין פּנים און שיפּעט ארוים פון צווישן דינע ליפּן:

— מיר וועלן אייך צערייבן אַף שטויב.

דערמיט גיט ער זיך ארויס. די איינציקע זאַך, וואָס אַ רעוואָלוציאָנער ענטפערט אין אַזוינע אומשטענדן, איז:

— די הענטעלעך זיינען אייך קורץ.

איך האָב געהאַסט פּאָטאַראַסקי'ן מער ווי אַלע אַנדערע צאַרישע דינער. ער מיך האָט אויך ניט ליב געהאַט. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַן אינטעליגענט, אַ סטודענט. אַמאָליקע יאָרן איז אַ סטודענט געווען אַ גרויסע חשיבות אין רוסלאַנד.

דרייצנטער קאפיטל

# דער טאג אין אנטאקאליער טורמע

ס'איז שוין אפשר צייט איך זאל באשרייבן דאס טאג־טעגלעכע לעבן אין אנטאקאליער טורמע.

ווייבאלד דער הונגער־סטרייק האט זיך געענדיקט און מיר איז קלאר געווארן, אז איך דארף זיצן א יאר־אנדערהאלבן ביז איך וועל פארשיקט ווערן קיין סיביר אדער אין בעסטן פאל קיין צפון־רוסלאנד, איז פאר מיר געשטאנען די אויפגאבע: זיך איינגעסטראיען אין טורמע „ווי אין דעם היים".

געוואוינט האב איך מיט זעקס אנדערע חברים אין איין קאמער. די קאמער איז געווען גרויס, און א חוץ די זיבן בעטלעך, וואס זיינען געשטאנען אין א ריי, איז נאך געווען פלאץ פאר א לאנגן טיש און א פאר בענק. די קאמער האט געהאט צוויי גרויסע פענצטער אין הויף אריין. עס איז געווען ליכט געגנוג און לופט געגנוג און, ווען מען האלט גוטע ארדענונג, וואלט מען זיך געקענט איינריכטן גאר ניט שלעכט. האבן די מער־ארגאניזירטע צווישן אונז געמוזט דורכפירן א שטארקן קאמף קעגן די ווייניקער־ארגאניזירטע, כדי צו מאכן אזוי, אז מיר זאלן ניט לעבן אין א הקדש און זיך ניט רואינירן דאס געזונט און די נערוון.

מיר האבן אנגעהויבן פון די וואנצן. די בעטלעך זיינען געווען אנגעפיקעוועט מיט וואנצן. בייטאג איז נאך געווען צו דערליידן. ביינאכט פלעגן זיי ארויסקריכן און זויגן אונזער בלוט און קריכן איבער אונז און פארווארלען דעם שלאף אין א פיין. מיר האבן געשטעלט די פראגע: צי קען מען ניט פטור ווערן פון דער פלאג? מיר האבן אנגעהויבן מיט קעראסין. אין קאמער איז געווען א קעראסין־לעמפל. מיר האבן געשמירט די ווינקלען פון די אייזערנע בעטלעך מיט קעראסין. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז דאס איז א קנאפע רפואה.

איז עמיצער פון אונז געפאלן אפן שכל: פייער. אנשטאט צו נוצן דעם סאלטן קעראסין, האבן מיר גענוצט דאס פייער־לעמפל. גענומען האבן מיר

דאָס מעטאַדיש. אָראָפּגענומען פונעם בעטל דעם מאַטראַץ, אַרויסגעשלעפּט דאָס בעטל אינמיטן צימער און דורכגעגאַנגען מיט דעם פייער פונעם לאָמפּ אינטש נאָך אינטש פון דעם אייזן. דאָס פלעגט אַרויסטרייבן די שעדיקער פון די טיפּסטע באַהעלטענישן און דאָס האָט געמאַכט ריין. נאָכדעם האָבן מיר זיך געדאַרפט נעמען צו די מאַטראַצן. דאָ איז די אַרבעט געווען שווערער. אָבער מיט דער הילף פון קעראָסין איז דאָ אויך די רייניקונג דורכגעפירט געוואָרן דערפאָלגרייך.

אין אַ וואָך אַרום איז אונזער קאַמער געווען ציכטיק.

פיל שווערער איז געווען איינצושטעלן די אָרדענונג צווישן די זיבן אַרעסטירטע. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, מיט פאַרשיידענע געוואוינהייטן, מיט פאַרשיידענעם גראַד פון אַנטוויקלונג. איינעם האָט זיך געוואָלט שלאָפן שפּעט. איינער האָט געוואָלט אויפשטיין פרי. איינער האָט געוואָלט זינגען, צוויי האָבן זיך געשלאָגן אַף קאַטאָוועס, אַן אַנדערער האָט געוואָלט לייענען אַ בוך, נאָך עמיצער האָט זיך געוואָלט דורכשרייען מיט אַ חבר אין קאָרידאָר. עס איז ניט געווען מעגלעך צו האָבן אַ פּערטל שעה רו. מיר האָבן געמוזט דורכפירן אַן ערנסטע דיסקוסיע אין יעדער קאַמער, אויסקלייבן אין יעדער קאַמער אַ קאָמיסאַר, איינשטעלן שטונדן פאַר לייענען און שטונדן פאַר אָפּרו, אַכטונג געבן, אַז די קאַמערן זאָלן זיין אין אָרדענונג.

ביסלעכווייז איז איינגעשטעלט געוואָרן עפּעס ווי אַ מין קאָמונע. אויפשטיין פלעגן מיר אַרום זיבן אַזייגער. דער געהילף־נאַטשאַלניק מיטן עלטסטן שליסער פלעגן דורכגיין פון קאַמער צו קאַמער און איבערציילן די אַרעסטירטע, צי זיי זיינען אַלע דאָ אַפן אָרט. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר אויפשטיין. באַלד פלעגן מיר זיך נעמען טרינקען טיי. די טיי פלעגן מיר קאָכן אַף פּרימוס־מאַשינקעס, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין די קאַמערן. ברויט פלעגן מיר קריגן פון דער נאַטשאַלסטווע, אָבער טיי און צוקער האָבן מיר געהאַט אייגענע. די קאַמערן פלעגן אָפּגעשלאָסן ווערן באַלד נאָך דער „פּאָווערקע" — ריכטיקער, ווען מען האָט זיי אָפּגעשלאָסן צו מאַכן די פּאָווערקע, האָט מען זיי שוין ניט פאַרשלאָסן. מיר פלעגן זיך אָנטאָן, אַרומוואַשן און ווער עס האָט געוואָלט האָט געקענט אַרויסגיין אַפן קאָרידאָר מאַכן אַ ביסל גימנאַסטיק. פון צען ביז צוועלף איז געווען שטודיר־צייט. אין די שטונדן פלעגן זיך פאַרנעמען די פאַרשיידענע פּאָליטישע קרייזלעך, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין טורמע. איך אַליין האָב אָנגעפירט מיט

צוויי סריזלעך פון מאַרקסיזם: אײנעם אַן עלעמענטאַרן און אײנעם פאַר מער אַנטוויקלטע. צוועלף אַזייגער האָט מען גענעסן מיטאָג. דעם מיטאָג פלעגט מען ברענגען פון די אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, וואָס האָבן זיך גע־פונען אין דער זעלביקער געביידע אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק. (אונזערע קאַמערן זײַנען געווען אויפן דריטן, און אויפן פערטן זײַנען געזעסן די קרימינעלע פון דער אַנטאַקאַליער טורמע). דער „אַביעד" איז געווען אַ „פאַרבעסערטער": דער זופּ אָדער קאַשע איז געקאָכט געוואָרן מיט פלייש און איז געווען גענוג געשמאַק. אַ טעלער געדיכטע זופּ אָדער קאַשע מיט אַ שטיק ברויט איז געווען נאָר ניט קיין שלעכטער מאָלצייט.

נאָכן עסן פלעגן מיר אַרויסגיין אין הויף אַריין שפּאַצירן. עס האָט גע־הייסן, אַז די שוואַכערע האָבן אַ רעכט צו בלייבן פיר שטונדן און די מער געזונטע שפּאַצירן נאָר צוויי שטונדן. אין אמת'ן האָט קיינער ניט קאָנ־טראָלירט, ווער וויפיל עס שפּאַצירט. אין הויף איז געווען גענוג פּלאַץ. אייניקע פון אונז פלעגן זיך נעמען שפּילן אין אַלערליי אַטלעטישע שפּילן. אַנדערע האָבן גלאַט אַזוי אַרומגעשפּאַצירט. נאָך אַנדערע זײַנען געזעסן אין אַ זײַט און געלייענט. די פיר שטונדן אויף דער פרייער לופט זײַנען פאַר אונז געווען די בעסטע אינעם גאַנצן טאָג.

אַרום פינף אַזייגער פלעגן מיר זײַן צוריק אין די קאַמערן. אַרום זיבן אַזייגער האָט מען גענעסן אַוונט־ברויט, געוויינטלעך טיי מיט ברויט און אַ שטיקל וואורשט אָדער קעז געקויפט פאַר אייגן געלט. צווישן אַכט און ניין פלעגט פאָרקומען די נאַכט־פּאָווערקע און דערנאָך פלעגן די קאַמערן געשלאָסן ווערן.

עס איז געווען אַ מונטערער קאָמונאַלער לעבן. די וואָס האָבן פאַרמאָגט עטלעכע גראָשן, פלעגן זיך טיילן מיט די וואָס האָבן גאָרניט געהאַט. דער פּאָליטישער רויטער קרייץ איז געווען זייער אָרעם און פלעגט אַריינשיקן ניט מער ווי פופציק קאָפּיקעס אַ וואָך פאַר יעדן אַרעסטירטן. דאָס איז געווען זייער ווייניק. דאָך איז דאָס לעבן ניט געווען אומעטיק. שלעכט איז געווען נאָר דאָס, וואָס קיינמאָל איז די טורמע ניט געווען שטיל.

איך פאַרזענלעך האָב געליטן דערפון, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שטודירן אַזוי פיל, ווי מיר האָט זיך דאָס געוואָלט. ביכער האָב איך געהאַט גענוג, אַ פאַרלאַנג צו לייענען — אַ גרויסן. גראָד האָב איך זיך פאַרנומען מיט ווערק, וואָס האָבן געפאָדערט ערנסטע קאָנצענטרירונג פון געדאַנק. און דאָ האָט די טורמע נאָכאַנאַנד גערוישט, געהודזשעט, גע־

זונגען, געשריען, געקלאפּט. עס איז ניט מעגלעך געווען צו שאַפן אַזאַ סיטואַציע, וואו אַלע קאַמערן זאָלן שטודירן אין איין און דער זעלביקער צייט. און אַז איין קאַמער האָט געטומלט, האָט דאָס אָפּגעקלונגען אין אַלע איבעריקע.

סוף כל סוף האָב איך באַשלאָסן, אַז איך לייג זיך שלאָפן זעקס אין אָוונט און שטיי אויף איינס פאַרטאָג, ווען אַלע שלאָפן. פון איינס ביז זעקס־זיבן אינדערפרי האָב איך געקענט לייענען אומגעשטערט. אָבער דאָס האָט זיך פאַרט אָפּגערופן אויף מיינע נערוון.

## פערצנטער קאַפּיטל

# אַ גוטע טורמע

די אַנטאָקאָליער טורמע איז געווען פון די „גוטע". דער טורמע־נאַטשאַלניק דונקעל האָט פיינט געהאַט די פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעברים מיטן הונגער־סטרייק, האָט ער פאַר־טאַיעט זיין האַס. ער איז געווען מיט אונז אַלעמען זייער העפלעך. ער האָט קיינעם ניט געזידלט, און ווען עמיצער פון די אַרעסטירטע האָט איבער־געטראָטן די רעגולאַציעס, האָט ער זיך געווענדט צו די „סטאַראָסטעס" (אויס־געקליבענע פאָרטרעטער). אַזוינע סטאַראָסטעס איז געווען צוויי: איך און חבר הירשבערג פון ליבאַווע. אונזערע ראָלן האָבן מיר איינגעטיילט אַזוי, אַז הירשבערג האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אינעווייניקסטער אָרדענונג און איך פלעג פירן אַלע פאַרהאַנדלונגען מיטן נאַטשאַלניק. מיר ביידע פלעגן אָפּגעבן חשבון פאַר אַן אויסגעקליבענעם ראַט, וואָס האָט פאָרטראָטן אַלע קאַמערן.

ווי געזאָגט: דונקעל האָט זיך פאַרטאַיעט. אָבער געוואוסט האָבן מיר, אַז ער וואַרט נאָר אויף אַ געלעגנהייט צו ווייזן אונז די שאַרפע פּאָליציייאישע נעגל. געווען איז ער, ווי אַ סך טורמע־נאַטשאַלניקעס ניט נאָר אין צאַרישן רוסלאַנד, נאָר אויך אין די „פּאָרטגעשריטענע" קאַפּיטאַליסטישע לענדער — אַ סאַדיסט. אים האָט פּשוט פאַרשאַפט פאַרגעניגן צו פּייניקן מענטשן.

דונקעל איז געווען אַ הויך־געוויקסיקער מאַן מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט שווערע מוסקולירטע אָרעמס און מיט אַ גרויסן בויך. פאַראַן בייכיקע מענטשן, וואָס די פעטקייט מאַכט זיי שווער. און פאַראַן אַזוינע, וועמעס בויך איז מער מוסקולן ווי פעט. אַזוינע זיינען אַטלעטיש: רירעוודיק און קרעפטיק. דונקעל האָט געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. ער פלעגט זיך אָפּט באַרימען, אַז ער קען זיך שטעלן איינער אַליין מיט הוילע קולאַקעס קעגן וועלכע ניט איז צוויי אַרעסטאַנטן. און מען האָט אים געקאָנט גלויבן.

דונקעל האָט ליב געהאַט שלאָגן אַרעסטאַנטן. איך האָב אַמאָל געזען, ווי אַזוי ער האָט „באַאַרבעט" איינעם אַן „אומגלאָווגע" אַרעסטאַנט. אין

אנטאקאליער טורמע זיינען געווען נים נאר פאליטישע, נאר אויך „אונאלאור־נע", ד. ה., קרימינעלע פארברעכער: מערדער, רויבער, גנבים. בא זיי איז קיין ארגאניזאציע נים געווען און קיין אייניקייט אויך נים — און זיי זיינען געווען הילפלאז קעגן דעם נאטשאלניק. איין מאל, שוין אין לוקישקער טורמע, וואוהין מיר האבן זיך אריבערגעקליבן אין יולי, האב איך געזען, ווי דונקעל האט גענומען שלאגן א פארבייגייענדיקן קרימינעלן ארעסטאנט. יענער איז געווען א הויכער און קענטיק א געזונטער, אבער ער האט זיך נים געווערט. עס איז געווען נוצלאז צו ווערן זיך, ווען דונקעל האט א חוץ קולאקעס אויך געטראגן א שווערד און א רעוואלווער. דונקעל האט אים גענומען שלאגן מיט די קולאקעס איבערן קאפ, איבער די באקן, איבער די אויגן — און געזוכט האט ער צו טרעפן אין אזוינע ערטער, וואו דעם מענטשן זאל וואס שארפער ווייטאן. אין א פערטל שעה ארום האט זיך דער ארעסטאנט שוין באוואשן מיט בלוט. און וואס מער עס איז גערונען בלוט פון זיין נאז און מויל, און וואס מער זיין פנים האט זיך פארקרימט פון ווייטיק, אלץ א גרעסערע רציחה האט ארומגעכאפט דונקעל'ן. דאס איז שוין נים געווען קיין מענטש. דאס איז געווען א בלוט־דורשטיקע חיה.

ארעסטירטע האבן געהערט די ברומענדיקע געשרייען פון דעם גע־פייניקטן. די ארעסטאנטן, וואס זיינען געווען אין קארידאר, האבן געזען די עקזעקוציע מיט די אייגענע אויגן. אבער טאן האט מען נים געקענט גארנים. סיידן מאכן א בונט, וואס דאס וואלט געקאסט לעבנס.

דונקעל האט אזוי לאנג באארבעט דעם ארעסטאנט, ביז יענער איז אומגעפאלן. דעמאלט האט ער אים געגעבן דעם לעצטן שטויס אין זייט מיט זיין מיליטערישן גוט־אפגעפוצטן שטיוול מיט דער שמאלער נאז און איז אוועק, אויסשפייענדיק מיט פאראכטונג. „אט א פאדלע," האט ער געזאגט, ווי פארענטפערנדיק זיין אנפאל.

און דאך, נים געקוקט דערויף, וואס מיר האבן געוואוסט, אז דונקעל איז א ווילדע בעסטיע, האבן מיר זיך געפילט בערך נים שלעכט אין אנטאק־קאליער טורמע. שפעטער, אין דער לוקישקער טורמע, איז דער רעזשים געווארן אומדערטרעגלעך. אבער וועגן דעם וועל איך נאך דערציילן. אין אנטאקאל האבן מיר אליין נים געוואוסט, אז אונז איז נאר נים אזוי שלעכט. מיר פלעגן מיט בענקשאפט ריידן וועגן דעם „פערצנטן נומער" — א מיליטערישע טורמע, וואו מען פלעגט האלטן די נאר וויכטיקע פאליטישע ארעסטירטע. דארטן, האבן מיר געוואוסט, האט יעדער ארעסטירטער א באזונדערן צימער, ווי אין א האטעל. עסן גיט מען דארט אויך ווי אין א גוטן האטעל:

קאָמלעטן מיט קאָמפּאָס. די אַרעסטאַנטן האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן. דאָ האָבן מיר זיך געפילט ווי אין אַ שטאָל. דאָך האָבן מיר געהאַט געוויסע פרייהייטן, וואָס מיר האָבן אויסגענוצט מיט אַ פולער האַנט.

מיר האָבן, למשל, אָרגאַניזירט אַ פּאָליטישע דיסקוסיע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן יעדן אָוונט פון פינף ביז זיבן אין אַ משך פון גאַנצע דריי וואָכן. די טעמע איז געווען: „די לאַגע אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי". אַזוי ווי אין דער טורמע זיינען געזעסן פאַר־טרעטער פון באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, בונדיסטן, פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדע ריכטונג זאָל האָבן אַ רעפעראַט פון מינ־דעסטנס צוויי שעה. נאָכדעם איז געווען אַ מיינונגס־אויסטויש. עס האָט געהייסן, אַז נאָר די, וואָס זיינען באַזונדער פאַראינטערעסירט אין די פראַגן, זאָלן זיך באַטייליקן. אָבער צו די זיצונגען פלעגט קומען די ריזיקע מערהייט פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. יעדע זיצונג פלעגט אויסקלייבן אַ באַזונדערן פאָרזיצער און אַ באַזונדערן סעקרעטאַר און די דעבאַטן זיינען פאָרגעקומען אין דער בעסטער אָרדענונג.

מיר זיינען אויך געווען גוט־באַזאָרגט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. זייענדיק איינער פון די סטאַראָסטעס, בין איך אויך געווען ביבליאָטעקאַר. איך האָב פאַנאַנדערגעטיילט די אָנגעקומענע אומלעגאַלע צייטונגען און זשורנאַלן. אַזוי ווי מען האָט זיך אַלעמאָל געדאַרפט ריכטן אויף אַן „אָביסק" (אַ זוכונג), האָב איך געהאַלטן די ליטעראַטור אין אַ באַהאַלטענעם אָרט אויפן קאָרידאָר. די ווענט פון דער טורמע זיינען געווען דיקע. אין איין וואַנט איז געווען עפּעס אַן אַלטע רער, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט פון דרויסן מיט אַ בלעכן דעקל. איך האָב אָפּגעשרויפט דאָס דעקל און אַריינגעלייגט אין דער רער דאָס פּעקל ליטעראַטור. קיינער האָט ניט געקענט טרעפן, אַז דאָ ליגט עפּעס באַהאַלטן. די אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט אונז געהאָלפן צו זיין אין קאָנטאַקט מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און אָנצוהאַלטן אונזער מוט. פאַר מיר פּערזענלעך איז דאָס נויטיק געווען, ווייל איך האָב ניט איבערגעריסן מיין אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער זשורנאַליסטיק אויף קיין איינציקער וואָך.

פופצנטער קאַפּיטל

# פרילינג אין טורמע

פרילינג־טעג אין טורמע! יונגע טעג אין טורמע! כ'וועל אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווי אַ לאַנג־פאַרסלונגענע זיסע מעלאָדיע בלייבט איר ערגעץ שטענדיק אין אַ ווינקל פון דער נשמה.

די טורמע איז געווען העסלעך — אָבער דאָס בענקען אין דער טורמע נאָך דער גרויסער פרייהייט איז געווען שיין. דאָס קלאַפּן פון די וועכטער־שטיוול איבער די שטיינער פונעם הויף איז געווען האַרט און בייז. אָבער דאָס קלאַפּן פונעם האַרצן איז געווען ריטמיש און זיס — און געצויגן האָט עס ניט דווקא אין די ווייטע וועלטן אַריין, נאָר דאָ־אָ, אויף יענער זייט פּאַרקן, צו דער ווילִיע, צו די בערגלעך, צו די בוימלעך אויפן אַנדערן ברעג.

די טורמע איז געשטאַנען האַרט לעבן דער ווילִיע. צווישן דעם געמויערטן ווייסן פּאַרקן און טייך איז געווען אפשר פופצן שפּאַן. זיצנדיק אויפן דריטן שטאָק, האָט מען פון איינציקע קאַמערן געקענט זען דעם טייך אויף אַ לאַנגער שטרעקע. די טורמע איז געווען איבערגעמאַכט פון אַן אַלטן פּאַלאַץ פון די ליטווישע קעניגן. ס'איז געווען אַן אַלטע, עטלעכע־הונדערט־יאָר אַלטע געביידע מיט זייער דיקע ווענט, אַזוי דיק אַז מען האָט זיך געקענט אויסציִען אויפן פענצטער אַרויסקוקנדיק אין דרויסן. די פענצטער זיינען געווען גענוג גרויס. אינדערפרי און פאַרנאַכט פלעגן אונזערע חברה ליגן אויף די פענצטער און קוקן אויף דער ווילִיע.

די פאַרבענקטסטע שטונדע איז געווען נאָך דער פּאָווערקע. די קאַמערן זיינען פאַרשלאָסן. דער טאָג איז געענדיקט. אינדרויסן איז נאָך ליכטיק, אָבער די ליכטיקייט ווערט שוין ביסלעכווייז אָנגעגאָסן מיט נאַכטיקע שאָטנס. אויפן עק הימל ברענט דער פּלאַץ, וואו די זון איז פאַרגאַנגען. אין דער לופטן שוועבט אַן אומעט, שוועבט אַ בענקשאַפט.

עפּעס ווערט אַזוי שטיל. אַקוראַט ווי די איינזאַמקייט איז צוגעגאַנגען צו דער טורמע, זי אַרומגענומען מיט אירע אומזיכטבאַרע אָרעמס און זי אַוועקגעטראָגן אין ערגעץ־לאַנד. זיצן מענטשן אויף די בעטלעך, אויף די בענק,

אױף די פֿענצטער. דערמאָנט זיך עפּעס אַזױנס, װאָס צופּט און נאָגט בײַם האַרצן. װילט זיך רײדן שטילע האַרציקע װערטער. װילט זיך דערצײלן אַ װאונדער־מעשׂה פֿון זאַכן, װאָס זײַנען מעגלעך, אָבער זײַנען נאָך ניטאָ. װערן אַלע נאָענטער אײנער צום אַנדערן. איז דײַן טורמע־חבֿר דיר אַ ברודער, אַן אײנענער, אַ טײל פֿון דיר אַלײן.

ניסט זיך אינדרויסן די פֿינצטערניש. הערן זיך שטאַרקער די טריט פֿון די װעכטער אױף די שטײנער פֿונעם הויף. דער הויף איז ניט אײנגאַנצן אַ ברוקירטער. נאָר עטלעכע קלאַפּטער אַרום דער געבײַדע פֿון דער טורמע איז ער אויסגעלײגט מיט שטײנער. קלאַפּן איבער די שטײנער די געקאָװעטע פּאַרעשװעס פֿון די סאָלדאַטסקע שטיװל. װען דער װעכטער שטעלט זיך אָפּ, לאָזט ער אַרונטער די ביקס, טוט זי אַ קלאַפּ אױף איר אײַנענעם אופֿן איבער די שטײנער פֿונעם ברוק. דאַכט זיך, אַז די פֿינצטערניש האָט אײַנגעשלונגען סײַ דעם װעכטער, סײַ די ביקס, סײַ די מויערן אַרום און אַרום.

װעבט דער געדאַנק אַלערלײ מעגלעכקײטן פֿון אַנטלױפֿן. קײנער װיל ניט אויסזיצן זײַן צײַט. און דער איז אַן אָפּגעשטאַנענער אַרעסטאַנט, װער עס מאַכט ניט קײן פּלענער פֿון אַנטלױפֿן. זאָלן די פּלענער זײַן פֿאַנטאַסטיש. זאָלן זײ קענען געלינגען פּונקט אַזױ, װי עס געלינגט אַרױסציִען אַ געװינס פֿון אַ מיליאָן לאָטערײ־צעטלעך. אָבער קײנמאָל הערט מען ניט אױף צו טראַכטן, צו פּלאַנעװען, צו מאָלן זיך די רעטונג.

נאָך טונקעלער װערט אינדרױסן. געדיכטע שאָטנס קריכן דורך די גראַטעס און פֿאַרװיקלען די קאַמערן. עלנט זעען אױס די גרױסע צימערן מיט די צען — פֿופֿצן — אַכצן בעטלעך. אָרעמע הילצערנע אָדער אײַזערנע געשטעלן. דינע אַלטע שטרױ־זעק. װער עס האָט אַן אײגענע אָפּגעטראָגענע קאָלדרע, און װער עס באַנוצט זיך מיט אַ קאַזיאָנער סאָלדאַטישער דעק. קײן לײַלעכער איז ניטאָ. די האַנטיכער זײַנען געל־פֿאַרװישט. די פּאָדלאָגע איז גריבערדיק. די װענט זײַנען שױן לאַנג ניט געקאַלכט. די גאַנצע גרופּע קעמפֿער זעט אױס װי אַ געזעמל אָפּגעריסענע צעשױבערטע בעטלער. אַן עלנט לעבן. אַ װיסטע געפּענגעניש...

אָבער אָט האָט עמיצער פֿאַרצױגן אַ ליד. עס איז נאָך פֿאַװערסט און מען טאָר ניט זינגען. אָבער װער טראַכט װעגן אַזױנע זאַכן. עמיצער אָפּן פֿענצטער האָט גענומען זינגען אַ שטילע האַרציקע מעלאָדיע. באַלד האָט אונטערגעכאַפּט אַ צװײטער, אַ דריטער. עס איז אויסגעװאַקסן אַ כאָר. עס רופֿן זיך אָפּ אַנדערע קאַמערן. אין דעם געזאַנג פֿלעכט זיך אַרײַן דער שײנער און קלינגענדיקער באַריטאָן פֿון דעם חבֿר אַנדרעי (װאו איז ער — דער

מיערער חבר אנדרעי? איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט; ער איז געווען אַזוי נאָענט צו מיין הארצן. און איך ווייס דאָך ניט, וואָס מיט אים איז געוואָרן). דער באַריטאָן גיסט זיך פריי, מונטער, זיכער, אַקוראַט ווי עס איז זיין אויפגאַבע צונויפצונעמען אַלע שטימען, זיי פאַרשמעלצן אין איין האַרמאָניע, זיי צוגעבן קאָליר און אויסדרוק און שאַפן פון דעם אַלעמען איין ליד פון קאַמף, איין ליד פון אַרויסרוף.

עס זינגט שוין דער גאַנצער עטאַזש אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרש:

„נאַ באָי קראָוואַווי, סוויאַטאָי אי פּראַווי,
מאַרש, מאַרש ווּפּעריאָד, ראַבאָטשי נאַראָד.״

(אַף בלוטיקער שלאַכט, הייליקער, גערעכטער,
מאַרש, מאַרש פאָראויס, דו אַרבעטער־פאָלק!).

מענטשן ווערן פאַר׳שיכור׳ט פון דעם זינגען. מענטשן פאַרגעסן זיך אַליין אינעם זינגען. עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָלעקטיווער גייסט. עס איז נעוואָרן פון אַלעמען איינס. און ניטאָ שוין דער אומעט. ניטאָ שוין די בענקשאַפט. ניטאָ שוין די שאָטנס. ברייט האָבן זיך צעעפנט די ווענט. העלע האָריזאָנטן לויכטן אויף אין דער ווייטקייט. מאַרש, מאַרש פאָראויס, דו אַרבעטער־פאָלק. אַף אַ זודיקן שטראָם פון געזאַנג איז דער גאַנצער טורמע־קאָלעקטיוו אַוועקגעשוואומען אין ווייטע ווייטן.

— שטיל זאָל זיין! פאַרמאַכט די פּיסקעס! שווייגט, שווייגט!

די וועכטער לויפן פון איין טיר צו דער אַנדערער, קלאַפּן אין די טירן, שילטן זיך, שרייען. אָבער ווער הערט זיי.

מען וועט אַריינזעצן איינעם אָדער צוויי אין קאַרצער פאַר ברעכן די דיסציפּלין. עס וועט זיך אָנהויבן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג — און מיר וועלן זיי אַרויסנעמען נאָכדעם ווי זיי וועלן אָפּזיצן אַ שעה אָדער צוויי. דאָס איז אַלץ אַ טייל פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף.

וואָרים לעבן אין טורמע הייסט — קאַמף.

## זעכצנטער קאַפּיטל

# אַ מאַי־אָוונט אין אַנטאַקאַל

עס איז געקומען אַן אָוונט, ווען די גאַנצע טורמע איז געווען ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע: אַט־אַט און זי פּלאַצט.

דאָס איז געווען אין מאַי, ווען די יוגנט פון ווילנע האָט געמאַכט אַן אויספלוג מיט מוזיק אַף דער ווילִיע און די גאַנצע שיף איז פאַרביינגעפאָרן אַפן טײַך לעבן אונזער טורמע.

געדענקען דאַרף מען, אַז ווען איר זיצט אין טורמע, דערשיינט פאַר אײַך די אויסן־וועלט אין אַ באַזונדערער שײַנקייט. איר זיצט, אַשטייגער, אין אײַער קאַמער און קוקט אַרויס אַף יענער זייט פאַרקן. איר זעט דעם פאַרקן, אָבער איר זעט ניט די גאַס, ווײַל דער פאַרקן פאַרשטעלט זי. אַף דער אַנדערער זײַט גאַס שטייט אַ הויז. דאָס הויז פאַרמאָגט אַ גאַניקל, צו וועלכן עס פירן זעקס אָדער זיבן טרעפּלעך פון דער גאַס. איר זיצט און קוקט שטונדן נאָכאַנאַנד צו דערוואַרטן זיך ביז עמיצער וועט אַרויסגיין אָדער אַרונטערגיין פון די טרעפּ. דאָס ווילט איר זען אַ פרייען לעבעדיקן מענטשן — ניט קיין אַרעסטאַנט און ניט קיין וועכטער. און אָט זיצט איר אַזוי אַ זומער־בייטאָג און קוקט גאָר אַרײַן אין אַ בוך און פּלוצלונג הויבט איר אויף די אויגן און דערזעט, אַז אַפן גאַניק גייען אַרויף צוויי מענער און דריי פרויען. אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין לײַכטע זומערדיקע קליידער, און די פרויען האָבן שטרויענע היטעלעך מיט בלומען אַף די קעפּ. איינע פון זיי נייט אָנגעטאָן אין גאָר אַ חנ׳עוודיקן ווײַסן קליידל מיט ראָזעווע בלימעלעך, און אין האַנט האַלט זי אַ פאַראַסאָל, וואָס זעט אַליין אויס ווי אַ גרויסע ראָזעווע בלום. די נעזעלשאַפט פון פינף יונגע מענטשן שטעלט זיך אָוועק מיטן רוקן צום הויז און מיטן פּנים צו דער טורמע, ווײַל די מענטשן ווילן, פאַרשטייט זיך, באַטראַכטן אונז, אונזער ליבהאַרציקע דירה.

נו, קוקט איר אַף זיי און עס דאַכט זיך אײַך, אַז קיינמאָל האָט איר אַזוינע שיינע מענטשן ניט געזען אַף דער וועלט, אַז קיינמאָל זײַנען יונגע

מענטשן ניט נעווען אזוי שלאנק, אז קיינמאָל האָבן זומער־קליידער ניט אויסגעזען אזוי לופטיק און קיינמאָל איז די וועלט אינדרויסן בכלל ניט געווען אזוי לויטער.

איר ווייסט, אז איר איבערטרייבט, אָבער איר ווייסט אויך, אז דאָס איז דער הונגער נאָך פרייהייט, וואָס ווייזט אייך די אויסן־וועלט אין אזוינע מערקווירדיקע העלע פאַרבן.

יענער אויספלוג, וועגן וועלכן איך וויל איצט דערציילן, איז אָבער טאַקע געווען אויסערגעוויינטלעך שיין, אפילו ווען מען קוקט אַף אים ניט דורך אייזערנע גראַטעס.

דער פאַרנאַכט איז געווען לויטער. דער הימל איבער די קעפּ — בלאָ. די ווילִיע האָט אויסגעזען ווי גרינער סאַמעט. אינמיטן דערינען, מיר טוען אַ קוק: עס שווימט איבערן טייך אַ לויכטנדיקער פּערל. וואָס איז דאָס? וואָס קען דאָס זיין? מיר טרעפן, אז דאָס האָט מען גענומען אַ כינעזישן לאַמטערן מיט אַ ליכטל אָנגעצונדן אינעווייניק, אים צוגעפּעסטיקט צו אַ ברעטל און דאָס ברעטל געלאָזט שווימען מיטן שטראָם איבערן טייך. אזוי ווי אין דרויסן איז זייער שטיל, ווערט דאָס ליכטל ניט פאַרלאָשן. דאָס ברעטל האַלט זיך אינמיטן טייך — און איר קוקט און זעט — אַ פּערל שווימט. עס נייט אַוועק אַ פּאָר מינוט — און עס באַווייזט זיך אַ בלאָער באַל, אויך באַלויכטן פון אינעווייניק. אַ ביסל שפּעטער — אַ רויטער. נאָכדעם — אַ גרינער. נאָכדעם ווידער אַ פּערל־קאָלירנדיקער. און אזוי שווימען זיי איבערן טייך מיטן שטראָם, איין לאַמטערן נאָכן אַנדערן. אָט קומען אָן עטלעכע מיטאַמאָל. אָט ציט זיך אַ גאַנץ שנירל — קענטיק צוגעבונדן איינער צום צווייטן. די שטריקלעך זעען מיר ניט. מיר טראַכטן ניט, ווי אזוי דאָס איז געמאַכט. מיר ווייסן נאָר, אז דאָס איז צויבער־שיין. דאָס איז ווי אַ חלום. דאָס איז אָבער אויך אַן אָנזאָג, אז עפּעס קומט ערשט, עפּעס נאָך גרעסערס, עפּעס נאָך שענערס.

און מיר נאַרן זיך ניט. עס באַווייזט זיך אַ שיפל, אַ קליינע לאָדקע, פון די וואָס די יוגנט נוצט אַף צו שיפן זיך איבער דער ווילִיע. אָבער די לאָדקע איז אויסגעפּוצט מיט בענדער און מיט פענדלעך, און פאָרנט, אַף דער נאָז, ברענט אַ כינעזישער לאַמטערן. אין דער לאָדקע זיצן אַ יונגערמאַן און אַ יונגע מיידל — און אונז דאַכט זיך, אז דאָס זיינען אזוינע שיינקייטן, וואָס נאָר אַף בילדער פון גרויסע מאָלער האָט מען אזוינס געזען. די שווימער קומען צו אונז, מיר שטעקן אַרויס די הענט פון די גראַטעס און גריסן זיי

מיט אונזערע הענט. זיי הויבן אויף די הענט און ענטפערן. דאָס הייסט — זיי זײַנען פֿריינט. בײַ אונדז אין די הערצער צינדט זיך אָן אַ גרויסע אומ־באַצווינגלעכע פֿרייד.

עס קומט אַ צווייט שיפֿל, אַ דריטס, אַ פֿערטס. די שיפֿלעך ווערן גרעסער. עס זיצן שוין אין איין שיפֿל דריי, פֿיר, פֿינף און מער פּאַסאַזשירן. זיי זײַנען אַלע אָנגעטאָן אין די שיינע זומערדיקע קליידער. פֿון דער ווײַטנס זעט אונדז יעדער פּנים אויס באַשטראַלט מיט שײַנקייט. און די לאַמטערנס! יענע מאַכן דאָך גאָר אַן אויסערגעוויינלעכע אילומינאַציע איבערן טײַך.

און אָט הערט זיך אַ געזאַנג. עס זינגט אַ גוטער כאָר אין דער באַ־גלייטונג פֿון אַן אָרקעסטער. וואָס וועט דאָ שוין זײַן? הערצער הויבן אָן קלאַפּן האַסטיקער. אויגן שטרענגען זיך אָן. מער און מער אָרעסטירטע שטופּן זיצן צו די פֿענצטער. מען ליגט שוין קערפּער אָף קערפּער, אַזוי אַז די אונטערשטע קענען קוים כאַפּן דעם אָטעם. מען וואַרט.

און אָט קומט עס. עס זעט אויס ווי אַ שווימענדיקער סקווער. אין דער אמת'ן איז דאָס אַ גרויסע באַרושע צונערעקט פֿון אויבן מיט ברעטער, אַזוי אַז עס איז דערפֿון נעוואָרן אַ פּלאַטפֿאָרמע. אָף דער פּלאַטפֿאָרמע שטייען אפֿשר צוויי הונדערט יונגע מענער און פֿרויען, אַלע אין ווײַסן מיט קאָלירטע היטעלעך אָף די קעפּ. פֿאַראַן עטלעכע מוזיקאַנטן. די גאַנצע באַרושע איז אַרומגעפּוצט מיט פֿענדלעך און לאַמטערנס. איבער איר הויבט זיך אַ גרויסער בליץ־לאַמטערן, וואָס וואַרפֿט אָף איר אַ ווײַסן נעשפּענסטערישן שײַן.

בײַ אונדז אין טורמע טוט זיך חושך. פּשוט — די אַרעסטירטע שפּרינגען שיער ניט אַרויס פֿון זייער הויט. ווען זיי קענען, וואָלטן זיי צעטראָגן די קאַמערן מיט זייערע נאַקעטע פֿויסטן. אַלע הויבן אָן רופֿן צו דער באַרושע, און די יוגנט פֿון דאָרטן ענטפֿערט מיט אַ הוראַ־געשריי. עס הויבט זיך אָן אַ סדרה לאָזונגען. מיר שרייען די לאָזונגען דורך די פֿענצטער און יענע ענטפֿערן אַלעמאָל מיט אַ הוראַ. איינער פֿון אונזערע, טאַקע דער וועלביקער חבר אַנדרעי מיטן גוטן באַריטאָן, שטעלט צו די הענט צום מויל און שרייט:

— אַרונטער מיטן צאַרזים!

— הוראַ! — דאָס ענטפֿערן אי מיר, אי די יוגנט פֿון דער באַרושע.

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

— הוראַ!

די באָרזשע האָט ניט געפירט קיין רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז געווען די יוגנט פון עפּעס אַ לעגאַלן קלוב. אָבער יעדער אַנשטענדיקער מענטש איז דאָך אין יענער צייט געווען אַ פריינט פון דער רעוואָלוציע.

די באָרזשע געפינט זיך שוין גאָר נאָענט לעבן דער טורמע — מיט דער האָנט צו דערלאַנגען. און דאָ גיבן אונז די אויספּליגלער דעם לעצטן סאַלוט: זיי הויבן אָן שיסן מיט ראַקעטן פון אונזער כבוד וועגן. איינער פון זיי רופט אויס אַ לאָזונג און נאָכדעם ווערט דער הימל פול מיט בלאָע און גרינע טויבן, טראָלדן, פונקען און פּעכערס.

מיר אינעווייניק זיינען שוין גאָר איינגאַנצן ווילד. יענע נאַכט איז קיינער בא אונז ניט געשלאָפן.

## זיבצענטער קאַפּיטל

# פריילעכע מאָמענטן אין טורמע

איך האָב ניט געהאַט קיין סך באַקאַנטע אין ווילנע. וואו האָב איך זיי געזאָלט נעמען, אַז פאַרבראַכט האָב איך דאָרט אַף דער פריי אינגאַנצן פינף וואָכן. געקענט האָב איך זיך נאָר מיט מענטשן פון דער באַוועגונג, און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט קומען צו מיר אין טורמע אַף באַזוך. זיי וואָלטן דערמיט זיך געשמעלט אונטער פאַרדאַכט. איך בין צוליב דעם געווען איינער פון די עטלעכע אַרעסטירטע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַזוכער. בריוו פלעגן צו מיר אָנקומען דוקא אָפט, אָבער דאָס זיינען געווען געשעפטלעכע בריוו, באַוועגונגס־בריוו: דאָ האָט מען בא מיר באַשטעלט אַן אַרטיקל, דאָרט אַן אויפרוף. דאָ האָט מען עפּעס אָנגעפרעגט וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אין טורמע. פּערזענלעכע בריוו האָב איך ניט באַקומען. וואָס איז שייך מיינע עלטערן און ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן געוואוינט אין קיעווער גובערניע, האָט זיך בא זיי געשאַפן דער געדאַנק, אַז עס איז בעסער מיר גאָרניט צו שרייבן. דער געדאַנק איז געווען אַ פאַלשער. מיט די בריוו וואָלטן זיי קיינעם ניט געשאַדט. מיר וואָלט דאָס געווען אַ פרייד. פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען זאָגן, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי אָנגענעם צו באַקומען בריוו, וועלכע גייען דורך די הענט פון נאַטשאַלסטוואָ און ווערן אָפּגעשמירט מיט אַזאַ מין זוויערקייט כדי אויסצוגעפינען, צי עס איז דאָרט ניטאָ קיין געהיימע שריפט.

וועט איר מסתמא פאַרשטיין, ווי פאַרוואונדערט איך בין געווען, ווען אין איין שיינעם פרימאָרגן איז דונקעל, דער טורמע־נאַטשאַלניק, צוגעגאַנגען צו מיין קאַמער און מיך באַגריסט מיט מיין געבורטסטאָג. איך האָב איך שוין געזאָגט, אַז דונקעל האָט פאַר מיר געהאַט גרויס דרך־ארץ. דערהויפּט זינט איך בין געוואָרן סטאַראָסטע האָט ער זיך צו מיר באַצויגן מיט אַ באַזונדערער העפלעכקייט (ווייל ער האָט געוואוסט, אַז הינטער מיר שטייט דער אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו פון חברים). איך בין געווען צונעוואוינט, אַז דונקעל זאָל מאַכן אַלערליי קונץ־שטיק. אָבער דאָ בין איך אינגאַנצן ניט געווען צוגעגרייט. מיין געבורטסטאָג איז אין מערץ, ניט אין יוני. פונדעסטוועגן — אין טורמע ווייסט מען ווי צו האַלטן כ'מויל. יענער באַגריסט מיך, ענטפער איך אים מיט אַ דאַנק פאַר זיין גראַטולירונג. זאָגט ער מיר:

„אין טורמע לאָזן מיר ניט אריין קיין בלומען, נאָר אויסנאַמסווייזע, צוליב אייער געבורטסטאָג, האָב איך דערלויבט איך איבערגעבן דעם בוקעט מיט בלומען.״

איך האָב זיך צעלאַכט אינעווייניק, אי פון דער פרייד, וואָס פריינט האָבן זיך אָן מיר דערמאָנט, אי פון זייער איינפאַל. זיי האָבן געוואוסט זייער גוט, אז עס איז ניט מיין געבורטסטאָג. נאָר זיי האָבן דאָך מיר געוואָלט איבערגעבן בלומען. האָבן זיי אויסגעקליבן א יונג מיידל, א סימפּאַטיזירערקע, אַף וועלכער עס איז ניט געווען קיין פּיצל פאַרדאַכט מצד דער פּאָליציי, און זי איז געקומען צום טורמע־נאַטשאַלניק און האָט אים געבעטן, אז אזוי ווי היינט איז מיין געבורטסטאָג, זאָל ער איר, מיין פּלימעניצע, דערלויבן איבערגעבן פון מיינעטוועגן א בוקעט בלומען.

גוט געאַרבעט, חברים! אין עטלעכע מינוט ארום האָבן די וועכטער מיר געבראַכט א גאַנץ גרויסן בוקעט פון רויזן און נעלקן. די גאַנצע טורמע איז זיך צונויפגעלאָפן אָנקוקן דאָס שיינע וואונדער. מיר האָבן ערגעץ אויסגעלייזיקט א קרוג, אים אָנגעפילט מיט וואַסער און א גאַנצע וואָך נאָכאַנאַנד האָבן אַלע דריטהאַלבן הונדערט חברים זיך געשפּיגלט אין דער זעלטענער מתנה.

אזוינע מאָמענטן פון פרייד געדענקען זיך לאַנג...

איך פערזענלעך האָב געהאַט נאָך א קוואַל פון פרייד, וואָס איז געווען באַקאַנט מיר אַליין און וואָס איך האָב זיך מיט אים ניט געקענט טיילן מיט די אַנדערע.

דאָס איז געווען דער שפּיגל.

איך האָב שוין דערציילט, אז ווען מען האָט מיך ארעסטירט אַף מיין קוואַרטיר אין זווערינעץ, האָט מען בא מיר אין קאָרזינע געפונען א ביסל אומלעגאַלע ליטעראַטור. איך האָב אָבער ניט דערמאָנט, אז איך האָב געהאַט בא זיך א גאַנצע ריי וויכטיקע דאָקומענטן: טעקסטן פון אָנגעשריבענע פּראָקלאַמאַציעס, אדרעסן, דירעקטיוון פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכע איך האָב געהאַלטן בא זיך און וועלכע די פּאָליציי האָט ניט געפונען. נאָך מער: די אַלע מאַטעריאַלן האָב איך מיטגענומען מיט זיך אין טורמע. און כאָטש מען האָט מיך באַזוכט ביים אריינקומען אין אוטשאַסטאָק, ביים ארויסגיין פון אוטשאַסטאָק און ביים אריינגיין אין טורמע, האָט מען פונדעסטוועגן אָט די וויכטיקע דאָקומענטן ניט געפונען.

וואו האָב איך זיי געהאַלטן? אין שפּיגל.

פאַראַן אזוינע שפּיגלען, וואָס באַשטייען פון א שפּיגל־גלאָז צונעשרויפט

צו אַ ברעטל. צום ברעטל הינטן איז צוגעפעסטיקט אַזאַ מין אָנשפּאַר־הענטל. קיין ראַם איז אין אַזאַ שפּיגל ניטאָ. די גרויס פונעם גלאָז איז פונקט די גרויס פונעם ברעטל. דאָס שפּיגל־גלאָז איז צוגעשרויפט אין אַלע פיר ווינקלען מיט שרויפן, וואָס פאַרמאָגן גלעזערנע קעפּלעך. דער שטאָל פונעם שרויף גייט־דורך דורך אַ לעכל אין שפּיגל־גלאָז און עסט זיך איין אין האָלץ פונעם ברעטל. ס'איז אַ גוטער שפּיגל און קאָסט ניט טייער. נו, האָב איך מיר באַטראַכט, אַז אַ שפּיגל פון דעם סאָרט קען צוניץ קומען פאַר קאָנ־ספּיראַטיווע צוועקן. איך האָב מיר געקויפט אַ נישקשה'דיקן שפּיגל, די גרויס פון אַ היפּשן בוך, מיט אַ דיקער ברעט. עס איז געווען אַ כלל, אַז וואָס דיקער די ברעט און דאָס שפּיגל־גלאָז, אַלץ טייערער איז דער שפּיגל. בא זיך אין צימער האָבן איך פאָרזיכטיק אָפּגעשרויפט דאָס שפּיגל־גלאָז און אויסגעהוילט די ברעט פון אינעווייניק אַזוי, אַז עס האָט זיך געבילדעט אַ מין קעסטל. אַהין האָב איך אַריינגעלייגט די דאָקומענטן, אַרויפגעלייגט דאָס שפּיגל־גלאָז און צוגעשרויפט מיט די שרויפן. פון דרויסן האָט מען קיין זאַך ניט געקענט באַמערקן. דער שפּיגל האָט אויסגעזען אומשולדיק.

צוזאַמען מיט מיינע זאַכן האָב איך דעם שפּיגל מיטגענומען אין טורמע. ער איז געשטאַנען בא מיר אַפן טיש. איך האָב אים גענוצט אַף צו האַלטן זאַכן, וואָס האָבן ניט פאַרנומען קיין סך פּלאַץ און האָבן געדאַרפט גוט באַהאַלטן ווערן.

דער שפּיגל איז געווען מיין אייגענע דערפינדונג.

די פראַגע איז נאָר געווען, ווי אַזוי אַרויסצונעמען און אַריינלייגן זאַכן ניט באַמערקטערהייט. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז קיין טירן איז אין די קאַמערן ניט געווען, נאָר טויערן געמאַכט פון אייזערנע פּרענטעס, ווי אין די אַמעריקאַנישע טורמעס. פונעם קאָרידאָר האָט אַ וועכטער אַלעמאָל גע־קענט אַריינקוקן און זען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. אָבער אין טורמע גיט מען זיך אַן עצה.

:: :: ::

פון די גרויסע טורמע־פריידן וויל איך נאָך דערמאָנען דעם מאָמענט, ווען צו מיר אין טורמע, אַף מיין נאָמען, איז אָנגעקומען אַ גאַנצער טראַנס־פּאָרט ביכער. איך ווייס עד היום ניט ווער עס האָט זיי געשיקט. אָבער עס איז געווען אַ טוץ נויטיקסטע ערנסטע ביכער, וואָס איך האָב זיי לאַנג גע־וואָלט לייענען און שטודירן. עמיצער אַ גוטער פריינט האָט זיי מיר צו־געשיקט. איך האָב אים ביז אַהער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו באַ־דאַנקען. זאָל דאָס אים דינען פאַר אַ דאַנק.

## אכצנטער קאַפּיטל

# מיר פּאַלן דורך

די נאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געזעסן אין אַנטאָקאַליער טורמע, האָבן מיר געוואוסט, אַז מיר וועלן דאָרט לאַנג ניט זיצן. עס האָט זיך שוין געבוים אַ נייע טורמע אַף די לוקישקעס — אַ „מאָדערנע" טורמע אַפּן מוסטער פון די פּעטערבורגער „קרעסטי". מען האָט דערציילט, אַז דאָרטן וועט יעדער איינער זיצן אין אַן איינצל־קאַמער. מען האָט געזאָגט, אַז דאָרט וועט זיין אַ טעראָר־רעזשים. מען האָט אָנגעוויזן, אַז דונקעל טאָלערירט די פרייהייטן אין אַנטאָקאַליער טורמע נאָר דערפאַר, וואָס ער ווייסט, אַז ווען מיר וועלן זיך אַריבערקליבן אין לוקישקער טורמע, וועט ער קענען פאַרציען די לייצעס. מ'האָט אויך געגעבן אַ פּלאַן פון דער טורמע. ס'האָט געהייסן, אַז די קאַמערן זיינען דאָרט געבויט לויט דער סיסטעם פון לאָזשעס אין אַ טעאַטער און אַז עס איז דאָ איין פּונקט אין טורמע, פון וועלכן איין וועכטער קען זען די טירן פון אַלע קאַמערן אין אַלע פינף קאָרפּוסן מיט די פינף עטאַזשן אין יעדן קאָרפּוס.

מיר האָבן געוואוסט, אַז עס גרייט זיך אַף אונז אַ בעזהאַלאָוויע. אָבער אַז מען זיצט אין טורמע, געוואוינט מען זיך ניט צו טראַכטן וועגן מאָרגן. מיר האָבן ניט געטראַכט וועגן אונזערע צוקינפטיקע מאַטערנישן אין די לוקישקעס. מיר האָבן זיך נאָר געגרייט צו אַנטלויפן.

דער פּלאַן איז געווען אַ ברייטער, אַן ערנסטער און אַ גוט־פּאַרטראַכטער. ווער עס זאָל לויפן, איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם ראַט פון די אַרעסטירטע. לויפן האָט געדאַרפט אָדער אַזוינער, וואָס איז באַזונדערס נויטיק פאַר דער אַרבעט, אָדער אַזוינער, וואָס דערוואַרט אַ זייער שווערע שטראָף. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַן ערך אַכט אַרעסטירטע, וועלכע האָבן געדאַרפט לויפן אין דער ערשטער אָטשערעד. איך בין געווען צווישן זיי.

ווי אַזוי וועט מען לויפן? די ווענט פון דער טורמע, ווי איך האָב דערמאָנט, זיינען געווען זייער דיק, אפשר זעקס אָדער זיבן פוס. די געביידע איז פון אָנהויב ניט געווען קיין טורמע, נאָר אַ קעניגלעכער שלאָס. מסתמא

איז זי אזוי אויסגעבויט געוואָרן, כדי צו קענען איינשטיין קענן קאַנאַנען. נו, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר גראָבן אַ ווערטיקאַלן לאָך אין דער וואַנט פון דעם דריטן שטאָק, וואו אונזערע קאַמערן האָבן זיך געפונען. דער לאָך האָט געדאַרפט גיין אין דער דיק פון דער וואַנט, ווי אַ מין ברונעם, און האָט געדאַרפט דערגרייכן ביז דער ערד. קוים דערגרייכט מען די ערד, וועט מען קענען דורכגראָבן אַ טונעל אונטערן פּאַרקן צו דער ווילע. דאָרט וואָלט אָפּ אונז געוואַרט אַ שיפל, וואָס וואָלט אונז אַריבערגעפירט אויף יענעם ברעג.

געבויערט האָבן מיר דורך דער הרובע. אין איינער פון די קאַמערן איז געווען אַ געמויערטע הרובע (אויוון), וועלכע האָט זיך אום ווינטער געהייצט מיט האָלץ און אום זומער איז זי געשטאַנען אַ קאַלטע. די הרובע האָט געהאַט אַ גרויסע עפענונג אין אַ קוימען, דורך וועלכן דער רויך איז אַרויס־געגאַנגען. אָט דורך דער הרובע האָבן די חברים געגומען דורכלעכערן די וואַנט.

דאָס האַקן גופא איז ניט געווען שווער. די ציגל פון דער געביידע זיינען געווען אַלט און האָבן זיך געקרישלט אונטער די הענט. באַוואָפנט מיט אַ המערל אָדער אַ העקל, האָט מען לייכט געקענט אַרויסנעמען שטיקער פון דער וואַנט. פון אָנהויב איז די אַרבעט געגאַנגען שפּילעוודיק, אָבער וואָס ווייטער איז געוואָרן אַלץ שווערער, צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, האָט מען געדאַרפט הענגען אויף אַ שטריק אינעם לאָך, און דאָס איז געווען זייער אומבאַקוועם; צווייטנס, איז אין לאָך געווען שרעקלעך היים, ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, און די גראָבער האָבן זיך באַגאָסן מיט שווייס.

גראָבן פלעגט מען לויט דער אָטשערעד: פריער איינער, דערנאָך אַ צווייטער, דערנאָך אַ דריטער. די אויסגעהאַקטע שטיקלעך ציגל און שטויב פלעגט מען אָנשטאָפּן אין די קעשענעס און אין די בוזימער פון די העמדער און בלוזעס. אַזוי אָנגעלאָדן פלעגט מען אַרויסגיין אין הויף אַריין אויפן שפּאַציר. אַזוי ווי אין הויף איז געווען דער באַרימטער לאָך פון דעם קאַנאַליזאַציע־באַסיין, פון וואַנען מען פלעגט בייגאַכט אָנפּאָמפּען די שמעקעדיקע „באָטשקעס" — דאָס איז געווען דער באַסיין, אין וועלכן עס פלעגט זיך אָנזאַמלען די גאַנצע אומריינקייט פון דער גאַנצער גרויסער געביידע — איז לייכט געווען אהינצו אַריינצוּוואַרפן דאָס אויסגעגראָבענע פון דער וואַנט.

די אַרבעט איז ניט געווען לייכט. אָבער קיינער האָט זיך ניט גערעכנט, אַז דאָס זאָל זיין אַ פּיקניק. די געשיכטע פון טורמעס ווייסט נאָך שווערערע

און וויניקסער חנ'עוודיקע פּאַרזוכן צו אַנטלויפן. האָט מען דאָך גערשוני'ן אַרויסגעפירט פון דער קאַטאָרגע־טורמע אין אַ פּאַס געזייערטע קרויט. ער איז שיער ניט אומגעקומען ליגנדיק אינעם קרויט. אָבער דאָך האָט ער זיך געראַטעוועט. ווען עס קומט צו אַנטלויפן פון געפענגעניש, קען מען ניט זיין איבערקלייבעריש.

די גראָב־אַרבעט איז געגאַנגען גאַנץ פיין. זי האָט געדויערט וואָכן און וואָכן. אָבער אַנדערש האָט דאָס ניט געקענט זיין אין אַ לאַגע, וואו מען האָט געדאַרפט יעדער שטיקל ציגל און יעדער זשמעניע שטויב אַרויסטראָגן אין די קעשענעס און אַריינוואַרפן אין באַסיין אויפן הויף. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך געדאַרפן היטן בעת'ן אַריינקריכן און אַרויסקריכן פון דער הרובע. מען האָט זיך געדאַרפט היטן, אַז אין קאַמער זאָל ניט זיין אָנגעשטויבט און אָנגעוואָרפן. מען האָט זיך געדאַרפט היטן אין הויף בעת'ן אַריינוואַרפן דאָס אויסגעגראָבענע.

דאָך — אין עטלעכע וואָכן האָט שוין דער ענגער ברונעם אין דער וואַנט זיך געצויגן פונעם דריטן ביזן ערשטן שטאָק. מען האָט שוין געהאַלטן ניט ווייט פון דער ערד. נאָך אַ האַלבן קלאַפטער — און מען וועט זיין אין דער ערד אונטער דער טורמע. פון דאָרטן וועט מען גראָבן דעם טונעל, וואָס וועט גיין אונטער דער טורמע־וואַנט, אונטערן הויף און אונטערן אויסגע־וויניקסטן פאַרקן — צום טייך. אַ טונעל אין דער ווייכער ערד לאָזט זיך גראָבן אַ סך לייכטער, ווי אַ לאָך אין אַ ציגעלנער וואַנט.

דאַרף זיך אַזוי טרעפן, אַז שוין אויף דער הויך פון די בענק אינעם ערשטן שטאָק זאָלן די גראָבער מאַכן אַ טעות. די גאַנצע צייט האָבן זיי אָנגעהאַלטן די ליניע ריכטיק. זיי זיינען געגאַנגען ווערטיקאַל. זיי האָבן דערצו געברויכט אַ שטיקל אייזן צוגעטשעפּעט צו אַ פאָדעם. אָבער דאָ האָבן זיי זיך אָפּגענויגט פון דער גראַדער ליניע און זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ לאָך אין אַ קאַמער פון די אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אויפן ערשטן שטאָק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל מיט אַ ליאַרעם. די גראָבער האָבן נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן. דאָס הייסט, זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף דעם שטריק־לייטער, וואָס איז געהאַנגען פונעם דריטן שטאָק אין דער לענג פון דעם לאָך, און האָבן זיך אומגעקערט צו זיך אין קאַמער. אַזוי ווי אין דער קאַמער איז געווען עפּעס אַ צען־צוועלף מענטשן און די נאַטשאַלסטוואָ האָט ניט געקענט אויסגעפינען, ווער עס איז געווען דער גראָבער, האָט מען קיינעם ניט געקענט באַשטראָפן. אָבער אויף דער טורמע האָט זיך אָנגערוקט אַ כמאַרע.

דונקעל איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, ווי אַ טיגער. פון דער שטאָט איז אָנגעקומען אַ גאַנצע קאָמיסיע: דער גובערנאַטאָר, דער פּראָקוראָר פון דער סודיעבנע פּאַלאַטע (געריכט־קאַמער), דער זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניק און אַנדערע. מען האָט געזוכט, געגישטערט אין אַלע קאַמערן, אין אַלע עטאַזשן. דער גובערנאַטאָר, ווי מיר האָבן געהערט, האָט געזידלט דונקעל׳ן דערפאַר, וואָס ער האָט „צעלאָזן די אַרעסטאַנטן". דונקעל האָט זיך פאַרענטפערט, אַז אַלצדינג, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן מיטן וויסן פונעם גובער־נאַטאָר. די וועכטער זיינען מיטאַמאָל געוואָרן שטרענגער. די אומלעגאַלע פּאָטשט האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן. אַלע האָבן דערפילט: עס קומען שווערע טעג.

### נײַנצנטער קאַפּיטל

# מיר קלײַבן זיך אַריבערגײן אין לוקישקער טורמע

איך האָב שוין דערמאָנט נישט אײן מאָל, אַז אױבנאָװיטש איז דער טורמע־נאַטשאַלניקס דונקעל געװען פּרײַנטלעך צו מיר, אָבער אין האַרצן האָט ער אױף מיר געטראָגן אַ האַס. דער האַס איז געװאָרן פאַרשטאַרקט מיט דעם מאָמענט, װען אונזער פּראָבע צו אַנטלױפן איז דורכגעפאַלן.

געװען איז דאָס אַזױ: אין אַ משך פון װאָכן האָב איך אַלץ געזוכט און נישט געקענט געפינען אַ געלט־קװיטאַנציע, װאָס איז בײַ מיר ערגעץ פאַרשװאונדן. די קװיטאַנציעס פלעגט די קאַנטאָר (אַפּיס) אַרױסגעבן די אַרעס־טירטע, װעלכע האָבן באַקומען געלט. אַ כּלל איז געװען, אַז אַנגעקומענע מזומנים גיט מען נישט איבער דעם אַרעסטירטן אין די הענט, נאָר מען לײגט דאָס אװעק אין קאַנטאָר און מען גיט אים אַרױס אַ קװיטאַנציע. װען ער װיל עפּעס קױפן, למשל װײַסע ברױט אָדער פּוטער אָדער הערינג, שרײַבט ער דאָס אָן אױף אַ צעטל און אײנמאָל אין װאָך קױפט מען דאָס פאַר אים און מען ברענגט עס אים אין קאַמער. דאָס געלט רעכנט מען אַראָפּ פון זײַן דעפּאָזיט אין קאַנטאָר.

אַזױ פלעגט, אַגב, דער רױטער קרײַץ באַזאָרגן די אַרעסטירטע. ער פלעגט אַרײַנשיקן עטלעכע רובל אױפן נאָמען פון אײן פּערזאָן. עס האָט געהײסן, אַז דאָס איז זײַן געלט, אָבער דורך דער אומלעגאַלער פּאָטשט האָט ער געװאוסט, אַז דאָס איז קהל'שע געלט, און ער פלעגט עס שױן פאַרטײלן צװישן די נױט־באַדערפטיקע.

נו, האָב איך געהאַט אַ קװיטאַנציע אױף עטלעכע רובל און די קװיטאַנציע איז ערגעץ פאַרשװאונדן. עטלעכע װאָכן נאָכאַנאַנד האָב איך זי געזוכט און נישט געקענט געפינען. אױף מאָרגן נאָך דעם דורכפאַל פון דער אונטערנראָבונג רופט מיך אַרײַן דונקעל צו זיך אין קאַבינעט און זאָגט מיר:

— דאָס נעקסטע מאָל װאָלט איך אײַך געראָטן, איר זאָלט נישט האַלטן אײַער געלט־קװיטאַנציע מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור.

עס האָט זיך אַרױסגעװיזן אָט־װאָס. איך האָב געהאַלטן די ליטעראַטור, װי איך האָב שױן דערמאָנט, אין אַ רער אין דער װאַנט פון דעם טורמע־קאָרידאָר. דורך אַ פאַרזען איז מײַן קװיטאַנציע אַרײַנגעפאַלן אין עפּעס אַ

בראשור און איך האָב דאָס ניט באַמערקט. ווען די פּראָבע פון די אַרעסטירטע צו אַנטלויפן איז דורכגעפאַלן, האָט די נאַטשאַלסטוואָ אַרומגעגישטערט דעם גאַנצן קאָרידאָר מיט אַלע קאַמערן, אויסגעקלאַפּט יעדער שטיקל וואַנט, אויפגעפּיקט אַלע רערן און געפונען די אומלעגאַלע ביבליאָטעק. מ'האָט איבערגעשניטערט די אַלע בראשורן און ביכלעך און מ'האָט געפונען מיין סוויטאַנציע.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז איך האָב פאַרוואַלטעט מיט דער ביבליאָטעק.

דונקעל האָט געסקוסט אויף מיר און איך אויף דונקעל'ן און קיין סך וואָס צו ריידן איז ניט געווען. ער האָט מיך געקענט איבערגעבן צום געריכט; ער האָט מיך געקענט אַליין באַשטראָפן מיט אַ חודש קאַרצער; ער האָט געקענט מאַכן מיין לעבן אומדערטרעגלעך.

אָבער שוין שטייענדיק פאַר אים, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר וועט ער מיר ניט טאָן גאָרנישט. פאַרוואָס? ווייל עס פּאַסט אים ניט ווייזן פאַר דער וועלט, אַז בא אים אין טורמע איז געווען אַ ביבליאָטעק פון אומלעגאַלער ליטעראַטור. געווען שוין די חרפּה און דער בזיון, וואָס אַרעסטאַנטן האָבן דורכגעבראַכן אַ לאָך אין דער וואַנט פונעם ערשטן ביזן דריטן שטאָק און קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט. אויב מען זאָל נאָך געוואויר ווערן, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן פריי געלייענט אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָלט דאָס געקענט קאָסטן דונקעל'ן זיין נאַטשאַלניק־פּאָסטן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. דונקעל האָט פאַרריבן דעם גאַנצן עסק — צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן. באַשטראָפט האָט ער מיך ניט. אָבער געוואוסט האָב איך, אַז קיין ליבשאַפט צו מיר איז פון דעם אינצידענט ניט צוגעקומען. דער פאַקט איז, אַז דונקעל'ס צאָרן קעגן מיר האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

: : : :

דונקעל איז אַ פּאָר טעג אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָנגעלאָדענער וואָלקן, און ענדלעך האָט ער זיך געקענט קילן דאָס האַרץ. ער האָט אונדז צוזאַמענגערופן אַלע אין קאָרידאָר און האָט אונדז געלאָזט וויסן מיט אַ קאַלטער שטימע און מיט פאַרביסענע ציין:

— מאָרגן גייען מיר אַריבער אין דער לוקישקער טורמע.

כאָטש מיר האָבן זיך שוין געהאַט געריכט אויף דעם איבערגאַנג, איז די מעלדונג פאַר אונדז געווען ווי אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ.

אין אונזער אָנווענזנהייט האָט זיך דונקעל געווענדעט צום אויבערשליסער און צו די שליסער מיט אינסטרוקציעס, ווי אַזוי מען זאָל אונדז אַריבערפירן אין דער נייער טורמע.

— אויפוועקן די ארעסטאנטן גאנץ פרי. זען, אז זייער געפעק זאל צו־ געגרייט ווערן פון פריער. קיינער זאל ניט נעמען מער, ווי ער אליין קען טראגן. פרימוסעס און אנדערע אזוינע זאכן ווערן ניט דערלאזט. ביכער דארפן אפגעגעבן ווערן אין די הענט פון די וועכטער. לויט מיין סיגנאל גאנץ פרי — אויסשטעלן זיי צו צוויי אין א ריי אין הויף. שליסער נייען־מיט מיט אנגעלאדענע ביקסן. עס וועלן אויך זיין צוגעגרייט פאליציילייט אף יעדן ראג. מיר האבן פארגרייט א מיליטערישן רעזערוו. טאמער וועט עמיצער פון די ארעסטאנטן פרואוון מאכן די קלענסטע באוועגונג צו לויפן — שיס!

יעגע נאכט איז קוים ווער פון אונז געשלאפן. מיר זיינען געזעסן אין גרופקעס, נערעדט, זיך געטיילט מיט דערינערונגען, זיך געפרואווט פארשטעלן, ווי עס וועט אויסזען אונזער נייע געפענגעניש. געוואוסט האבן מיר, אז די גאנצע געביידע פון דער לוקישקער טורמע איז נאך ניט געענדיקט. עס איז קוים פארטיק איינער פון די פינף פליגל פון דער שטערנארטיקער געביידע. מיר האבן געוואוסט, אז אהין האט מען צוריק מיט א פאר וואכן איבער־ געפירט די געפ־רלעככטע קרימינעלע ארעסטאנטן, פאר וועלכע מען האט מורא געהאט, אז זיי וועלן דא אין אנטאקאליער טורמע אנמאכן צופיל טומל. איצט פירט מען אהינצו די פאליטישע.

עס האבן זיך געפונען פריינטלעכע וועכטער, וואס האבן אונז דער־ ציילט, אז זיי זיינען דארט געווען און האבן אליין געזען די נייע קאמערן. קליינע קאמערן, געבויט פאר איין מענטשן. קיין קארידארן זיינען ניטא. פון דער קאמער טרעטסטו ארויס אף א מין אייזערנעם באלקאן ; פון דעם באלקאן נייען טרעפ צום צווייטן באלקאן נידעריקער, פון דארט צום דריטן און אזוי ביז ארא. די גאנצע געביידע פון אינעווייניק — א סיסטעם פון גאלעריעס און טרעפ. אף יעדער גאלעריי — א ריי קאמערן. די קאמערן זיינען פארשלאסן אין אויב דער ארעסטאנט וויל רופן דעם וועכטער, גיט ער א צי פאר אזא מין הענטל. שטעלט זיך אן א ווייזער פאר דער טיר לעבן קאמער. נייט דער וועכטער פארביי, דערזעט ער דעם ווייזער, גייט ער צו און פרעגט, וואס דער ארעסטאנט וויל. צוויי מאל סיגנאליזירן קען ניט דער ארעסטירטער, ווייל איידער דער וועכטער שטעלט אוועק צוריק דעם אפאראט אין ארדענונג, ווירקט ער מער ניט.

די נייע טורמע איז אויפגעשטאנען פאר אונז ווי א שרעק־געשפענסט. געוואוסט האבן מיר איינס : אז פארברענגען אזוי חבר׳יש אין גרופעס וועלן מיר שוין ניט קענען אין דער נייער טורמע.

## צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אין דער נייער טורמע

ס'איז געווען אַ שיינער זומערדיקער פרימאָרגן. די זון האָט געשיינט ווי אַף צו באַגריסן אונז מיט אַ פריילעכער בשורה. אָבער בײַ אונז אַף די הערצער איז גאָרניט געווען יום־טוב'דיק. שטיל האָבן מיר זיך אויפגעהויבן פון אונזערע געלעגערס, ווי באַלד עס האָט דורכגעטרומייטערט דער סיגנאַל. שנעל האָבן מיר זיך אָנגעטאָן. האַסטיק זיינען מיר אַרונטערגעגאַנגען פון די טרעפּ אין הויף אַריין און געבליבן שטיין גרופּעסווייז, די חברים פון יעדער קאַמער באַזונדער.

אַזוי זיינען מיר געשטאַנען אַ שטיקל צייט. ריידן האָט זיך ניט געוואָלט. קיין שמייכל איז בײַ קיינעם ניט געווען אַף די ליפּן. קיין געזאַנג האָט זיך ניט געהערט. דער הויף איז געווען אָנגעפילט מיט פּאָליציייליים. מיר האָבן געוואַרט אַ שטיקל צייט, ביז ס'איז אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק. באַלד האָט זיך דערהערט אַן אויסגעצויגענע קאָמאַנדע: „סמירנאָ!"

מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין רייען, צו עטלעכע פּאָליציייליים אַף רעכטס און אַף לינקס פון דער ריי. אַזוי ווי איך בין געווען סטאַרסטע, בין איך געגאַנגען אין דער ערשטער ריי. מיט מיר צוזאַמען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז געגאַנגען אפרים. באַלד האָט זיך דערהערט אַ נייער טרומייט און אַ קאָמאַנדע־רוף האָט באַפוילן: „שאַגאָם מאַרש!"

די טויערן האָבן זיך געעפנט, און מיר האָבן אַרויסגעמאַרשירט אין גאַס.

אַזוי איז שוין די טבע פון אַ געפאַנגענעם: ווי נאָר ער דערזעט די גאַס, ווערט אים פריילעכער אַפן האַרצן. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס גיין וועט דויערן ניט מער ווי אַ שטונדע. מיר האָבן געוואוסט, אַז באַלד וועלן זיך פאַר אונז עפענען די טירן פון אַ נייער פינצטערער תפיסה. אָבער אַזוי איז שוין דער צויבער פון דער פרייער גאַס. מיר האָבן דערפילט עפּעס ווי אַ דערקוויקעניש. סעפּ האָבן זיך געהויבן העכער. בריסט האָבן געאָטעמט טיפער. אויגן האָבן געלויכטן. ס'איז גוט צו וויסן, אַז עס זיינען דאָ אַף דער וועלט פרייע גאַסן מיט אַ טייך וואָס שטראָמט אומגעשטערט. עס איז

גום צו וויסן, אַז מענטשן גייען אַרויס אין גאַס אַריין לויט זייער איינענעם פאַרלאַנג, שטעלן זיך אָפּ און קוקן אַף דעם בייז־וואונדער פון אַרעסטאַנטן, וואָס ווערן געטריבן דורך באַוואָפנטע מענטשן. עס איז באַזונדער גוט צו וויסן, אַז אַט די גרופּקעס יונגעלייט אַף די ראָגן פון גאַסן זיינען ניט קיין צופעליקע פאַרבייגייער. דאָס דערקענט מען לויט זייערע אויגן. דאָס דערקענט מען נאָך זייער אויסזען. דאָס זיינען חברים. דאָס זיינען זיי גע־וואויר געוואָרן, אַז היינט פירט מען אונז איבער פון דער אַלטער אין דער נייער טורמע, זיינען זיי אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי צו וואַרפן אַף אונז אַ קוק, ווען מיר וועלן גיין איבער דער גאַס.

זייט געגריסט, חברים!

אונזער וועג האָט געפירט לענג־אויס דער ווילִיע. איך האָב געקוקט אַפן טייך און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די וואַסערן זיינען געמאַכט פון שטראַנד און דער הימל פון אויבן פון סאַפּירענעם ליכט. די שטריכן פון יעדן באַ־גענגטן מענטשן האָבן זיך געצייכנט אַזוי בולט און חנ׳עוודיק. יעדער סלאַנג איז געווען אויסערגעווייגלעך קלאָר און שאַרף, אַקוראַט ווי מיין אויער וואָלט אים פאַרצענפאַכט. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען פריינטלעך. ניין, מיר האָבן ניט געפילט, אַז מיר מאַרשירן צווישן פרעמדע מענטשן אין אַ פרעמדער שטאָט. און ניט איינער פון אונז האָט מסתמא געטראַכט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט און מיר וועלן מאַרשירן אין די גאַסן מיט אונזערע איינענע פאָנען און קיינער וועט אונז דעמאָלט ניט שטערן.

דער אייזערנער טויער פון דער לוקישקער טורמע האָט זיך געעפנט. איך בין געווען דער ערשטער אַריבערצוטרעטן איבער זיין שוועל און אַריינגיין אינעם הויף. די טיר פון דער נייער טורמע האָט זיך געעפנט. איך בין געווען דער ערשטער אַריינצוגיין — ד. ה. דער ערשטער פּאָליטישער אַרעסטירטער. איך בין שטאָלץ מיט אָט־דעם ערן־טיטל. איך וויל זיך פון אים ניט אָפּזאָגן. ווען מיר וועלן האָבן אַ סאָוועטישע ווילנע, וועל איך פאָדערן, אַז דאָס זאָל ערגעץ פאַרצייכנט ווערן אַף דער וואַנט פון דער געוועזענער לוקישקער טורמע: „דער און דער איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער אַרעסטירטער, וואָס האָט באַטראָטן אָט־די באַסטיליע אונטער דער הערשאַפט פונעם צאַר.״

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַמערן פון דער נייער טורמע זיינען נאָך אַ ביסל ערגער, ווי מיר האָבן זיך געמאָלן. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיינען איינצל־קאַמערן. מיר האָבן געהאַט אַ באַגריף, וואָס אַן איינצל־קאַמער באַדייט. אָבער מיר האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז די ווענט זאָלן זיין נאָס.

די געביידע איז ניט געווען געענדיקט. די ווענט זיינען ניט געווען אויסגעטריקנט. מען האט אף שנעל אויסגעפארבט די קאמערן מיט גראער פארב, די פאדלאגע אספאלטירט — און פארטיק. ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין אונזערע קאמערן, האט אונז פארכאפט דער אטעם פון פייכטקייט און פארשטיקטער לופט. דאכט זיך, נייע קאמערן, און עס איז שוין ניטא מיט וואס צו אטעמען.

די קאמער, וואוהין מען האט מיך אריינגעפירט, איז געווען אפן ערשטן שטאק. איך האב מיר געזאגט, אז דאס איז א קבר, ניט קיין קאמער. ווי אזוי וועט מען דא קענען לעבן?

ניט נאר איך אליין האב אזוי געטראכט, נאר קענטיק אלע חברים. ווארים אין צען מינוט ארום נאכדעם ווי מען האט אונז אלע איינגעשפארט, האט זיך אנגעהויבן א קלאפעניש. פריער האבן געקלאפט עטלעכע, נאכדעם מער, נאכדעם שוין כמעט די גאנצע טורמע. מענטשן האבן געקלאפט אין די טירן, גערופן דעם נאטשאלניק, געפאדערט ארויסרופן דעם פראקוראר, דעם גובערנאטאר. די טורמע איז אנגעפילט געווארן מיט הייסע געשרייען. אבער אין דעם טומל און געשריי האבן זיך, ווי באמבעס, אויפגעריסן צוויי שאסן: באך! באך! דאס האבן די וועכטער אין קארידאר אויסגעשאסן צו ווייזן, אז דאס איז ניט די אנטאקאליער טורמע, אז דא דארף מען זיין שטיל און פאלגן.

איך האב זיך ארומגעקוקט אין מיין קאמער. זי האט פארמאגט א שמאל בעטל צוגעשרויפט צו דער וואנט. אף בייטאג האט זיך דאס בעטל געקאנט פארמאכן און פארשליסן, אזוי אז דער ארעסטאנט זאל זיך ניט פארגינען דעם ראסקאש פון צוליגן זיך בייטאג. זי האט פארמאגט א קליין טישל, אויך צוגעשמידט צו דער וואנט, און א שטול. אין ווינקל איז געווען דער באריטעטער עמער צוגערעקט מיט א דעקל. עס האט געהייסן, אז דאס איז א מאדערנע טורמע. אבער צו קיין מאדערנעם טאילעט אין יעדער קאמער האט מען זיך אין צארישן רוסלאנד ניט דערטראכט.

די ווענט זיינען געווען פייכט. אונטער דער גראער פארב זיינען גערונען ריטשקעלעך. די פארב איז אויפגעבלאזן געווארן און עס האט אויסגעזען ווי אף דער וואנט וואלטן זיך געצויגן אדערן. די פאדלאגע איז געווען פייכט. זי איז קיינמאל ניט אויסגעטריקנט געווארן. איך האב מיר א טראכט געטאן, אז פאר שווינדזיכטיקע איז דאס אן אמת'ער גן־עדן.

ניט קיין פריילעכער איז געווען דער ערשטער טאג אין לוקישקער טורמע.

## איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# מאָדנע מערדער

איידער איך הויב אָן די באַשרייבונג פון לוקישקער טורמע, וויל איך נאָך דערציילן וועגן אַ פּאָר טיפּן און אַ פּאָר פּאַסירונגען פון אַנטאָקאָל.

אין אַנטאָקאָליער טורמע האָבן מיר, פּאָליטישע אַרעסטירטע, זיך געפונען אָפן דריטן שטאָק. אָפן פערטן שטאָק האָבן זיך געפונען די קרימינעלע אַרעסטאַנטן פון דער זעלביקער טורמע. (איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אָפן ערשטן און צווייטן שטאָק האָט זיך געפונען אַ באַזונדער טורמע אונטער אַ באַזונדערער פאַרוואַלטונג — די „אַרעסטאַנטסקע ראָטעס".)

מיר פלעגן זיך ניט איין מאָל באַגעגנען מיט די קרימינעלע. ערשטנס, פלעגן אייניקע פון זיי אַראָפּקומען אין אונזער קאָרידאָר בגנבה. צווייטנס, פלעגן מיר זיך באַגעגענען אויף די טרעפּ. אַמאָל פלעגן אייניקע פּאָליטישע זיך אַרויפכאַפּן אָפן פערטן שטאָק אוןריידן מיט די קרימינעלע. ווידער פלעגן מיר זיך באַגעגענען אין הויף. כאָטש יענע האָבן געדאַרפט שפּאַצירן אין אַ באַזונדערן טייל פונעם הויף, איז אָבער אָפט מעגלעך געווען זיך דורכ־צוריידן.

צווישן די קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן צוגעצויגן אונזער באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך גערופן רעוואָלוציאָנערן און וואָס האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט זייערן אַ פריינט אויף כלומרשט צוליב רעוואָלוציאָנערע צוועקן.

די צוויי זיינען געווען פּאָליאַקן און האָבן געזאָגט, אַז זיי געהערן צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.). זייער פריינט, וועמען זיי האָבן דערמאָרדעט, איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער זעלביקער פּאַרטיי. אַזוי האָבן זיי געזאָגט. לויט זייערע ווערטער איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבן אים געטויט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ שפּיאָן און אַ פּראָוואָ־קאַטאָר. אָבער בא זיי אין צימער האָט מען געפונען אַ באַדייטנדיקע סומע געלט, וואָס האָט געהערט דעם דערמאָרדעטן. וואָס די מאָטיוון זיינען געווען,

האָבן מיר דעמאָלט ניט געקענט דערגיין. אָבער דער מאָרד גופא און די מערדער האָבן אונז געוואַלדיק אינטערעסירט.

דאָס זיינען געווען צוויי העכסט־אינטערעסאַנטע מענטשן. זיי האָבן געהאַט אוניווערזיטעט־בילדונג און האָבן געהערט צו די בעסטע אינטעליגענטישע קרייזן פון ווילנע. זייער מאָרד האָבן זיי באַשלאָסן דורכפירן אַף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן. זיי האָבן זיך געזאָגט, אַז קולטורעלע מענטשן, וועלכע פאַרשטייען די טעכניק פון פּאָליציי־פאָרשונג, דאַרפן קענען דורכפירן אַ מאָרד אַזוי, אַז זיי זאָלן בלייבן אומבאַשטראָפט.

בלוט, האָבן זיי געזאָגט, דאַרף ניט פאַרגאָסן ווערן. ווען זייער פריינט איז צו זיי איינמאָל געקומען, האָט אים איינער גענומען די טיר און דער צווייטער האָט אים אינעם טונקעלן קאָרידאָר אַריינגעשטעקט אַ שאַרפע שפּילקע אינעם אויבערשטן טייל פונעם נאַקן, אונטערן שאַרבן. ווען מען טרעפט דעם מאַרך, שטאַרבט דער מענטש מאָמענטאַל. אַזוי איז געווען. דער קרבן איז געפאַלן טויט. די צוויי האָבן אים אויסגעטאָן נאַקעט און דעם קערפּער אַריינגעלייגט אין אַ קאַרב, אַ מין געפלאָכטענעם טראַנק. דעם קאַרב האָבן זיי אָפּגעפירט צום וואָקזאַל און אים איבערגעשיקט אַלס פראַכט אַף אַ געוויסן נאָמען אין אַ צווייטער שטאָט. אַליין זיינען זיי געקומען אין דער צווייטער שטאָט, אָפּגענומען די פראַכט, אָראָפּגעריסן אַלע צעטלעך (לעיבלס) און איבערגעשיקט דעם פראַכט אין אַן אַנדער שטאָט טויזנט מייל וויים. נאָכדעם זיינען זיי אַוועקגעפאָרן אין ווילנע און האָבן זיך געפילט זיכער.

דער קאַרב איז אָנגעקומען אין יענער שטאָט און קיינער איז אים ניט געקומען אָפּנעמען. ער איז געשטאַנען אין באַגאַזש־צימער, ביז די פּוילענישע פונעם קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן פילן. פּאָליציי האָט גענומען דעם קאַרב און געפונען אַ טויטן קערפּער.

אַלצדינג האָבן די מערדער באַוואָרנט, אָבער איין זאַך האָבן זיי פאַרגעסן. זיי האָבן געלאָזט די שיך אַף די פיס פון דעם טויטן. די שיך זיינען געווען מיט נומענע איינזעצן אַף ביידע זייטן און מיט לעפּלעך פון פאָרנט און פון הינטן. אַף איינעם פון די לעפּלעך איז געווען דער שטעמפּל פון אַ קראָם, וואו די שיך זיינען געקויפט געוואָרן. אַ קראָם אין ווילנע.

אַזוי איז אויסגעפונען געוואָרן, אַז דער מאָרד איז פאַרגעקומען אין ווילנע.

אין ווילנע האָט די פּאָליציי געהאַנדלט זייער איינפאַך. מען האָט צונויפגערופן אַלע דוואָרניקעס (דושעניטאָרס) און זיי געפרעגט, צי געוועסט ניט

ווער, אז מען זאָל האָבן אַרויסגעטראָגן פון אַ הויז אַ זייער גרויסן גע־פלאָכטענעם קאָרב. איינער פון די דוואָרניקעס האָט געזאָגט, אז יאָ: ער האָט געהאָלפן אַרויסטראָגן אַ זייער גרויסן און שווערן קאָרב. די פּאָליציי איז אַוועק אין דעם הויז, געפונען די קליידער פון דעם דערמאָרדעטן און אַ סומע געלט.

מיר האָבן געזען די מערדער. מיר האָבן אָפּט מיט זיי גערעדט. זיי זיינען געווען קולטור־מענטשן. זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע, מיט ליטעראַטור, מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז כדי אָנצוהאַלטן דאָס געזונט, דאַרפן זיי מאַכן גימנאַסטיק אין טורמע. האָבן זיי דאָס דורכגעפירט. מען האָט ניט באַמערקט אין זיי קיין שום חרטה. זיי האָבן רואיק דערציילט וועגן דעם מאָרד. זיי האָבן קיין זאַך ניט באַהאַלטן. מיר האָבן נאָר ניט געקענט דערגיין: וואָס־זשע פאַרט האָט זיי באַוואוינגן צו דערמאָרדן אַ פּריינט? דער קרבן איז געווען זייערער אַ גאָר נאָענטער פריינט. וואָלט ער אפילו געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָלטן זיי אויך געדאַרפט האַנדלען ניט אינדיווידועל, נאָר מיט אַ באַשלוס פון זייער אָרגאַניזאַציע. צי אַזאַ באַשלוס איז געווען, האָבן זיי אונז ניט געוואָלט זאָגן.

איך פלעג האָבן אַ פאָרשטעלונג, אַז אַ מערדער איז אַנדערש פון אַנדערע מענטשן. דאָ האָב איך געזען מענטשן פון מיין אייגענעם שיכט, אַזוי צו זאָגן, מענטשן וואָס האָבן זיך מיט גאָרניט אונטערגעשיידט פון אַנדערע מענטשן. און דאָך זיינען דאָס געווען מערדער, קאַלטבלוטיקע, אויסגערעכנטע און פאַרט ניט־געגנוג־פאַרזיכטיקע מערדער.

די צוויי האָבן שטאַרק אינטריגירט די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַנטאַ־קאָליער טורמע.

### צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## אַ צוזאַמענשטויס מיט די קרימינעלע אַרעסטאַנטן

איך האָב שוין דערציילט, אַז אין אַנטאָקאָליער טורמע האָבן די קרימי־נעלע אַרעסטאַנטן געלעבט מיט אַ שטאָק העכער פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אין אַמעריקע איז אָפיציעל ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן אַ פּאָליטישן און אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט. אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד.

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן געהאַט אויסגעקליבענע פאַרטרעטער; די קרימינעלע זיינען גאָרניט געווען אָרגאַניזירט. די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן זיך אויסגעקעמפט אָפענע קאַמערן פון אינדערפרי ביז אין אָוונט; די קאַמערן פון די קרימינעלע זיינען געווען פאַרשלאָסן. ווען נאַטשאַלסטוואָ האָט גערעדט צו אַ פּאָליטישן, האָט זי געזאָגט: „איר"; ווען זי האָט גערעדט צו אַ קרימינעלן, האָט זי געזאָגט: „דו". די פּאָליטישע האָבן גע־שפּאַצירט אין הויף אַ סך לענגער ווי די קרימינעלע און בכלל האָבן זיי זיך געפילט ווי די באַלעבאַטים פון דער טורמע.

נו, האָט דאָס פאַרדראָסן די קרימינעלע. צווישן זיי איז געווען אַ סך רויע און פאַרווילדערטע עלעמענטן. מיר האָבן געפּרואווט צווישן זיי אָנפירן אַן אַגיטאַציע, אָבער קיין גרויסע רעזולטאַטן האָבן מיר ניט דערגרייכט. דאָך האָבן מיר אָנגעהויבן געווינען סימפּאַטיעס צווישן די אינגערע און וויניקער פאַרדאָרבענע קרימינעלע.

איז דאָס ניט געפעלן די קרימינעלע רעדל־פירער — די עלטערע און דערפאַרענע טורמע־„וועלף". זיי האָבן געוואָלט פירן די גרענדע צווישן די קרימינעלע. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט די אינגערע און וויניקער דערפאַרענע, ווי באַלעבאַטים באַדינען זיך מיט זייערע משרתים. האָבן זיי באַשלאָסן אונז אָנצולערנען.

אין איין שיינעם פרימאָרגן ווערן מיר געוואויר, אַז די קרימינעלע גרייטן אַן אָנפאַל אויף די פּאָליטישע. מען האָט זיך באַוואָרנט מיט מעסערס און מען

וועט אויסשעכטן אייניקע פון אונזערע חברים, כדי זיי זאָלן „וויסן זייער פּלאַץ״.

מיר זיינען ניט געווען באוואָפנט. מיר האָבן זיך נעקענט פּאַרטיידיקן מיט שטולן און פיסלעך פון די טישן. אָבער קיין געווער האָבן מיר ניט געהאַט. מיר האָבן געקענט בעטן, אַז מען זאָל אונז איינשפּאַרן אין אונזערע קאַמערן, אָבער דאָס וואָלט נעהייסן אָפּטרעטן. דאָס וואָלט געווען פּחדנות, און אין אַזאַ פאַל וואָלטן שוין די קרימינעלע אונז געקראָכן אויפן קאָפּ. מיר האָבן זיך אויך ניט געקענט ווענדן צו די וועכטער נאָך שוץ. דאָס טוט מען ניט אין טורמע, אפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָנפאַל. די וועכטער זיינען דער שונא פון אַלע אַרעסטאַנטן. מיט זיי האָט מען ניט צו טאָן.

ווידער האָבן מיר געוואוסט, אַז פון זייער זייט וועלן די וועכטער ניט אָפּהאַלטן די קרימינעלע. די רעדל־פירער צווישן די קרימינעלע זיינען געווען גוט־פריינט מיט די וועכטער. יענע האָבן פאַר זיי מורא געהאַט און זיי געלאָזט טאָן, וואָס זיי ווילט זיך, אחוץ אַנטלויפן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב די „וועלף״ מאַכן אויף אונז אַן אָנפאַל, וועלן נאָך די וועכטער זיין צופרידן, וואָס מען וועט צעשטעכן אייניקע פון אונז און אפשר אוועקלייגן אַ פּאָר אויף טויט.

עס איז געווען אַרום עלף אינדערפרי ווען אויף אונזער קאָרידאָר האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ קאָמאַנדע פון אַ פערציק־פופציק אַרעסטאַנטן פונעם פערטן שטאָק. מיר זיינען שוין אַלע געווען גרייט און געשטאַנען אויף איין זייט קאָרידאָר. יענע זיינען אָנגעקומען און אינסטינקטיוו זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ צוווייטער זייט. צווישן ביידע לאַגערן איז געווען אַן ערך פיר־פינף טריט.

מיר האָבן פריער באַשלאָסן, אַז מיר גיבן זיך ניט אונטער; מיר אַטאַקירן ניט, אָבער מיר ענטפערן מיט קלעפּ אויף קלעפּ. צווישן אונז זיינען געווען עטלעכע קרעפטיקע יונגען, גאַרבער, סטאָליאַרעס און בינדריוושניקעס (לאַסט־פירער), וועלכע האָבן געוואוסט ווי צו הויבן אַ פויסט. מיר האָבן אָבער אויך באַשלאָסן צו נוצן די קראַפט פון איבערציינונג, דער עיקר אַנטקעגן די „רענק ענד פאַיל״ אַרעסטאַנטן.

אַ שטיקל צייט האָט אויסגעזען, אַז אַן אַלגעמיין געשלעג איז אומפאַר־מיידלעך. די קרימינעלע האָבן געשאָטן מיט די פיינע אַרעסטאַנטסקע זידלע־רייען און קללות, פון וועלכע די לופט וואָלט געדיכט. אין איין ווינקל האָבן זיך אַ פּאָר אַ וואָרף געטאָן צו אונזערע, אָבער גראָד דאַרטן האָבן אונזערע יאַטן באַגעגנט די אָנפאַלער אַזוי פעסט, אַז בא איינעם האָבן זיי אַרויסגעבאַפּט

פון דער האנט דאס מעסער און דער אנדערער איז געבליבן ליגן אױף דער פארלאנגע מיט א צעיושעטער מארדע. ענלעכע צוזאמענשטויסן האבן זיך װידערהאלט עטלעכע מאל אינעם גרויסן קארידאר.

אבער דא איז אויפגעטראטן חבר אנדרעי. ער איז געװען אן עלטער רוסאק און האט געהאט א גוטע קלינגענדיקע שטימע. זיינע װערטער געדענק איך ניט, אבער דער אינהאלט איז געװען אומגעפער אזא:

— חברים, מיר זיינען אלע ארעסטאנטן. מיר ליידן פון דעם זעלביקן רעזשים. מיר האבן אלע פיינט די װעכטער און דעם נאטשאלניק. מיר װאלטן אלע געװאלט זיין אױף דער פריי. מיר, פאליטישע, קעמפן פאר א װעלט, װאו עס װעט ניט זיין קיין רייך און ארעם, װאו עס װעט ניט זיין קיין הערשאפט פון רייכטום איבער אזוינע מענטשן, װי איר און מיר. מיר קוקן אױף אייך ניט װי אױף שונאים. מיר קוקן אױף אייך װי אױף קרבנות פון א מערדערישער סיסטעם. מיר האבן געקעמפט און אויסגעקעמפט פריװילעגיעס. אויב איר זיינט גרייט צו קעמפן פאר פריװילעגיעס, װעלן מיר אייך אונטערשטיצן. מיר גיבן אייך אונזער ערן־װארט, אז אויב איר גייט ארויס אין הונגער־סטרייק, הונגערן מיר מיט אייך פאר אייערע פאדערונגען.

און ער װענדט זיך צו אונז און פרעגט אונז:

— זאג איך ריכטיק?

און מיר אלע ענטפערן אין כאר:

— ריכטיק.

דאס האט געװירקט. די רייען פון די אנפאלער זיינען געװען געבראכן. די „װעלף״ האבן זיך אויסגעדרייט און זיינען אװעק. פון דעמאלט אן זיינען די באציאונגען צװישן דיביידע לאגערן געװארן א סך בעסער. א פאקט איז, אז די קרימינעלע האבן אונז געהאלפן גראבן דעם לאך אין דער װאנט צום אנטלויפן. קיינער פון זיי האט אונז ניט פארראטן.

## דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# מען לויפט!

די צאַרישע רעגירונג האָט אַריינגעזעצט די פּאָליטישע, כדי זיי צו באַ־שטראָפן. זי האָט אויך אינזינען געהאַט זיי אָפּצוהאַלטן פון ווייטערדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אין אמת'ן איז די געפענגעניש געווען אַ שול פאַר פּאָליטישער בילדונג. באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט עלטערע אַרעס־טירטע האָבן נאָר פאַרהאַרטעוועט דאָס געמיט און פאַרשטאַרקט דעם ווילן פון די יינגערע אַרעסטירטע. אין טורמע איז אַ „גרינער" געוואָרן אַ גוטער רעוואָלוציאָנער.

קיין איינציקער, וואָס איז געזעסן אין טורמע, האָט ניט געטראַכט, אַז אויב מען לאָזט אים אַרויס, וועט ער זיך אָפּזאָגן פון קאַמף. פאַרקערט, יעדער איינער האָט געפּלאַנעוועט, ווי אַזוי גיכער צו אַנטלויפן, כדי צו קאָנען אומ־קערן זיך צו דער אַרבעט.

די געשיכטן, ווי אַזוי מען לויפט פון סיביר, האָבן אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט. פון טורמע איז ניט געווען אַזוי גרינג צו אַנטלויפן, אָבער פון סיביר איז מען געלאָפן — און נאָך ווי אַזוי!

פון טורמע איז מען אייגנטלעך אויך געלאָפן. עס איז דאָ אַ רעקאָרד וועגן דעם, ווי אַזוי אַ וויכטיקע פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט אָפּגענאַרט די וועכטער אין קיעוו. מען האָט זי געפירט צום פאַרהער אין געריכטס־הויז. דאָס איז געווען אַ גרויסע געביידע מיט אַ סך קאָרידאָרן און טירן. ס'איז געווען ווינטער, און די אַרעסטירטע, אַ יונגע פרוי, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שווערן פּעלץ מיט אַ גרויסן שאַל און איז געווען אַזוי איינגעקוטעט, אַז מ'האָט קוים אַרויסגעזען איר נאָז. אין איינעם פון די קאָרידאָרן זאָגט זי דעם וועכטער, אַז זי וויל אַריינגיין אין טאָילעט. דער טאָילעט האָט געהאַט פאַרגראַטעטע פענצטער און דער וועכטער האָט געוואוסט, אַז קיין געפאַר איז נישטאָ. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר און גענומען וואַרטן, ביז זיין „קליענטקע" וועט אַרויס. אָבער נאָר־וואָס יענע איז אַריין, טוט זיך טאַקע באַלד אַן עפן־אויף די טיר און עס שפּרינגט אַרויס אַ יונגע מיידל

אין א קורץ סלידל, מיט נאַקעטע אָרעמס און מיט א פּאַטשיילקע אויפן קאָפּ. דער וועכטער טראַכט זיך, אַז דאָס איז א דינסט־מיידל, וואָס אַרבעט אין דער געביידע. דאָס מיידל טוט, איילנדיק, א שמייכל דעם וועכטער אין פּנים אַריין, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, און לאָזט זיך שפּרינגען איבער די טרעפּ אַרונטער. יענער שטייט און וואַרט. ער וואַרט און וואַרט — און וואַרט נאָך אַלץ. אַוועק פופצן מינוט, אַוועק צוואַנציק מינוט. דעם וועכטער ווערט דער ענין פאַרדעכטיק. ער רייסט אויף די טיר פונעם טאָילעט און זעט: אויף דער פּאָדלאָגע ליגט דער גרויסער פעלץ מיט די שווערע וואָלענע שטיוול מיט דעם שאַל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ווי נאָר די אַרעסטאַנטקע איז אַריינ־געשפּרונגען אין טאָילעט, האָט זי מיט איין ריס אַרונטערגעשליידערט פון זיך די אויבער־בגדים און אַרויס דורך דער טיר. עס האָט זיך באַקומען, אַז איינע איז אַריין, די אַנדערע איז אַרויס. מען האָט געדאַרפט זיין מיט צען בעסערע קעפּ ווי דעם וועכטער'ס צו טרעפן אַזאַ זאַך.

וואָס איז געוואָרן מיט דעם דאָזיקן מיידל? זי איז אַרונטערגעשפּרונגען אונטן און איז אַרויס צום אַריינגאַנג. עס איז געווען קאַלט. דער פּראָסט האָט געברענט. זי האָט קיין סך טענות ניט געמאַכט — אָפּגעשטעלט א פאַר־בייגייענדיקן סטודענט און זאָגט אים: „ברודער, איך בין אָקאָרשט אַנטלאָפן פון פּאָליציייאישע לאַפּעס. גיב מיר דיין מאַנטל."

אין רוסלאַנד, אין יענע צייטן, זיינען ניין פון יעדע צען סטודענטן גע־ווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. דער בחור האָט קיין טענות ניט געמאַכט, אויסגעטאָן זיין מאַנטל, אַרומגעוויקלט דאָס מיידל, צוגערופן אַן איזוואָשטשיק — און זי איז אַוועק. אין א וואָך אַרום האָט א פּראָקלאַמאַציע געלאָזט וויסן דער אַרבעטערשאַפט וועגן דעם געלונגענעם אַנטלויפן.

די געשיכטע וועגן אָט־דעם „פּאַביעג" האָט געהאַלטן טויזנטער אַרעס־טירטע אין אַלע טורמעס פון רוסלאַנד געפּלעפּט.

נו, און אין אונזער אַנטאָקאָליער טורמע, טאַקע יענעם זומער פון 1904, איז דען איינער ניט אַנטלאָפן אויף אַזאַ אופן, וואָס איז געווען צו איינפאַך און וואָס צוליב זיין איינפאַכקייט האָבן מיר געפילט, אַז דאָס איז אונז אַלעמען ווי אַן אַרויסרוף? סטייטש, מען נעמט און מען גייט אַרויס פון געפענגעניש, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען!

די מעשה איז געווען אַזוי. די קאַנטאָר (אָפיס) פון אונזער טורמע האָט זיך געפונען בעם אַריינגאַנג צום טורמע־הויף. פון אונזער טורמע, ווען מען האָט געדאַרפט פירן אַן אַרעסטאַנט אין קאַנטאָר צום נאַטשאַלניק, האָט מען פריער אָפּגעשלאָסן די טיר פון זיין קאַמער און אים אַרונטערגעפירט אין

ערשטן שטאָק; נאָכדעם האָט מען אויפגעשלאָסן דעם טויער פון דער טורמע־געביידע און אים אַרויסגעפירט אין הויף; נאָכדעם, אַז מען איז דורכגעגאַנגען דעם אינעווייניקסטן הויף, האָט מען אויפגעשלאָסן דעם גרויסן אײַזערנעם טויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם אינעווייניקסטן הויף פונעם אויסנווייניקסטן הויף. מען איז דורכגעגאַנגען דעם אויסנווייניקסטן הויף, אויפגעשלאָסן די הינטערשטע טיר פון קאַנטאָר און אַרײַנגעפירט אַהינצו דעם אַרעסטירטן. אין קאַנטאָר זײַנען געווען אַלערליי אָפּיסעס מיט אַלערליי אָפּטיילונגען, מיט פאַרשיידענע טירן, אָבער די געביידע איז געווען אַן אײַנשטאָקיקע, און די אַרײַנגאַנג־טיר דאָרטן האָט זיך געעפנט אין גאַס אַרײַן. פאַר יענער טיר איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען אַ וועכטער. אָבער מענטשן זײַנען געקומען און אַרויסגעגאַנגען דורך דער טיר, ווײַל די טורמע איז געווען אַ גרויסע און באַזונדער אַלערליי איז געווען אַ סך.

נו, האָט מען יענעם אַרעסטירטן אַרײַנגעפירט אין קאַנטאָר. דאָרטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער דאַרף וואַרטן, ביז דער נאַטשאַלניק וועט אים זען. אינעם פאַר־צימער, וואו ער איז געזעסן מיט זײַן וועכטער, זײַנען געזעסן נאָך עטלעכע אַרעסטירטע, און אויך אַ געוויסע צאָל באַזונדער, זייטיקע מענטשן. אפֿנים אַז די וועכטער האָבן זיך צערעדט צווישן זיך אָדער וואָס. אונזער אַרעסטאַנט האָט זיך זייער רואיק צוגערוקט צו דער דרויסנדיקער טיר, זי קאַלטבלוטיק אויפגעעפנט און אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן. דאָרטן האָט ער געזאָגט דעם וועכטער, אַז יעפרעמאָוו, דער געהילף־נאַטשאַלניק, רופט אים, — זאָל ער וואָס גיכער אַרײַנגיין. יעפרעמאָוו האָט זיך אָבער געפונען אָפּן צווייטן עק פון דער טורמע. דעם וועכטער האָט בשום אופן ניט געקאָנט אײַנפאַלן, אַז דער מענטש, וואָס הייסט אים גיין זען יעפרעמאָוו׳ן, איז אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינער פון די „אַרבעס־מאַנטלען" (שפּיאָנען).

דער וועכטער איז אַרײַנגעגאַנגען אינעווייניק, און אונזער בחור איז אַוועק אין שטאָט אַרײַן און — פאַרפאַלן. ער איז ניט געבליבן.

ווען מיר זײַנען דאָס געוואויר געוואָרן אין אָזנט, האָט די טורמע געהאַלטן אין איין לאַכן. אַזאַ גלאַט שטיקל אַרבעט! אַזוי קיילעכדיק און אַזוי גענייאַל־פּראָסט! און דאָ האָט יעדער איינער גענומען אָנמעסטן די זאַך אויף זיך: פאַרוואָס בין איך ניט געפאַלן אויף אַזאַ שכל? אָט האָבן מיך זשאַנדאַרמען געפירט צום זשאַנדאַרמסקע אָפּיציר. אמת, עס זײַנען געגאַנגען צוויי באַוואָפנטע הויכע ווערגעלעסן, איינער פון לינקס און איינער פון רעכטס — אָבער וואָלט אַן אמת־פלינקער פּאָליטישער ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט

און אַ „שאַס נעטאָן״ אַף דער פריי? אַט זיינען מיר אַרומגעגאַנגען אין הויף בשעת מען האָט געעפנט דעם אינעווייניקסטן טויער און ס'איז פריי געוואָרן דער וועג צום אויסנווייניקסטן הויף. עס איז אַריינגעפאָרן אַ שווערער וואָגן מיט טשוגונענע רערן פאַר דער קאַנאַליזאַציע. דער וואָגן איז געפאָרן לאַנג־זאַם. ווען מיר וואָלטן געווען די רעכטע „אַטשאַיאַנע״ (פאַרצווייפלט־פּרעכע) חברה־לייט, וואָלטן מיר זיך דען ניט געקאָנט דורכרייסן דורכן טויער און לויפן? אַט האָט מען אייניקע פון אונז געפירט אין קאַנטאָר, זיך זען מיט פריינט און באַקאַנטע. דער גאַנצער קאַנטאָר איז געווען פול מיט אַרעס־טאַנטן און געסט. נו, פאַרוואָס האָט זיך קיינער ניט אַרויסגעדרייט און ניט געוויזן דער נאַטשאַלסטוואָ אַ פייג?

קיין בעסערער געשפּרעך אין די לאַנגע טעג און אָוונטן איז ניט געווען, ווי דער געשפּרעך וועגן אַנטלויפן.

עלטערע אַרעסטירטע האָבן געהאַט אַ סך וואָס צו דערציילן וועגן דעם, ווי זיי אַליין זיינען געלאָפן. איינע אַזאַ דערציילונג וועל איך איבערגעבן אין נעקסטן קאַפּיטל.

## פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# ווי אַזוי חבר גינצבורג איז אַנטלאָפן פון סיביר

### 1.

חבר גינצבורג פון סמאָלענסק איז ניט געווען קיין סך עלטער פון מיר. אָבער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז ער געווען לענגער. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ „רעקאָרד": ער איז געווען פאַרשיקט קיין סיביר און איז פון דאָרט אַנטלאָפן.

די געשיכטע פון זיין לויפן האָט ער מיר דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן. ער האָט זי מיר דערציילט מער ווי איין מאָל. דאָס איז נאַטירלעך: ווען מענטשן זיצן אין געפענגעניש, ריידן זיי איבער די זעלביקע זאַכן עטלעכע מאָל. אָט אַזוי האָבן זיך מיר די סצענעס פון זיין אַנטלויפן איינגעקריצט אין זכרון.

ער איז געווען פאַרשיקט אין אַ דערפל נאָר ווייט אין מזרח־סיביר. אין דערפל האָבן געוואוינט עטלעכע אַנדערע פאַרשיקטע. דאָרטן האָבן זיך אויך געפונען קרימינעלע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן אָפּגעדינט זייער טערמין אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט. אַזעלכע פלעגן דאָרטן בלייבן אין סיביר אויף „פּאָ־סעלעניע" — ד. ה., זיי זיינען געווען אונטער פּאָליציייאישער אויפזיכט און האָבן געמוזט וואוינען אין איין און דעם זעלביקן אָרט.

עס האָט גינצבורג'ן געדויערט אַ יאָר ביז ער האָט זיך באַוואָרנט מיט אַ גוטן פּאַס און מיט געלט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ס'האָט געדויערט אַזוי לאַנג. אין סיביר, אין די פאַרוואָרפענע דערפלעך, פלעגט די פּאָסט אָנקומען איין מאָל אין דריי חדשים און אפילו נאָך זעלטענער. אָבער אַ פּאַס־פּאָרט און געלט צו אַ פאַרשיקטן האָט מען דאָך מיט דער פּאָסט גאָר ניט געקענט שיקן. מען האָט געדאַרפט וואַרטן, ביז אַ פּאָליטישער וועט פאַרשיקט ווערן אין יענעם דאָרף אָדער אין יענער געגנט, און אים מיטגעבן אַ דאָקומענט און דאָס געלט. דאָס האָט געמוזט דויערן — אַמאָל אפילו מער ווי אַ יאָר.

ווי די מעשה איז, גינצבורג האָט שוין באַקומען דאָס וויכטיקסטע, אָן וואָס מען קען זיך ניט רירן פון אָרט. איצט איז נויטיק געווען אויסצואַרבעטן

א פלאן פון דער רייזע. פונעם דערפל איז געווען א טראקט צו דער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט זיך געפונען אױף א שטרעקע פון עטלעכע הונדערט מייל. א סיבירער „טראקט" — דאָס איז געווען א ניט־ברוקירטער וועג, אױף וועלכן עס זיינען געשטאַנען פּאָסט־כּמאַנציעס אין ערך 30־40 וויאָרסט איינע פון דער צווייטער. דער וועג איז געווייינלעך געגאַנגען לענגאויס א טייך, וואָרים ווייטער פונעם טייך זיינען געווען געדיכטע וועלדער און בערג. געפאָרן איז מען מיט דער פּאָסט, דאָס הייסט מיט געדונגענע פערד, וואָס מען האָט באַקומען אױף יעדער סטאַנציע. די פערד האָט מען געביטן אױף די סטאַנציעס. באַנוצן זיך מיט דער פּאָסט האָבן געמעגט נאָר פערזאָנען, וואָס האָבן דערצו געהאַט א באַזונדערע דערלויבעניש אָדער וואָס זייער געזעלשאַפטלעכע לאַגע האָט זיי דערצו באַרעכטיקט: אַשטייגער, סוחרים פון דער ערשטער גילדיע. דעם וועג האָבן גענוצט אויך אַנדערע, ווייניקער פּריווילעגירטע פערזאָנען, וואָס זיינען געפאָרן אױף זייערע אייגענע וואָגנס אָדער געגאַנגען צופוס — אַשטייגער, אַרטיקע פויערים אָדער איינוואוינער פון די גרעסערע שטעטלעך. אָבער פאַר א פּאָליטישן אַרעסטירטן זיך לאָזן אױף דעם וועג וואָלט געווען געפערלעך: די פּאָליציי וואָלט געמעלדעט אָפּן טעלעגראַף איבער אַלע סטאַנציעס — און מען וואָלט אים פאַרהאַלטן, וואו נאָר ער וואָלט זיך געוויזן. מען דאַרף וויסן, אַז כּמעט רוסלאַנד אונטערן צאַר איז געווען שרעקלעך אָפּגעשטאַנען און כּמעט סיביר איז געווען נאָך מער אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד, האָט מען אָבער אױף יענע טראַקטן געהאַט א טעלעגראַף, — ניט אַזוי צוליב קולטורעלע צוועקן, ווי כּדי צו קענען כאַפּן די אַנטלאָפענע.

נו, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אונזער גינצבורג זאָל פון זיין דערפל אַוועק דורכן וואַלד אױף א שטרעקע פון א פיר־פינף הונדערט וויאָרסט ביז צו א צווייטן טראַקט, וואו מען האָט אים ניט געזוכט.

דער וואַלד איז געווען א ווילדער, אַן אומבאַגרענעצטער. ער האָט זיך געצויגן אױף הונדערטער און הונדערטער וויאָרסט. עס האָבן זיך אין אים געפונען בערג און טאָלן און סקאַלעס — און אונזער גינצבורג, א שטאָטישער בחור פון א אידישער פאַמיליע, איז צו דער דאָזיקער „טאַיגאַ" ניט געווען צוגעוואוינט. האָט ער געשלאָסן שותפות מיט א קרימינעלן אַרעסטאַנט, וואָס האָט אויך געוואָלט אַנטלויפן פון דער „ססילקאַ". דער קרימינעלער איז געווען א דערפאַרענער מענטש. ער איז אין זיין לעבן געלאָפן מער ווי איין מאָל. ער איז געווען באַקאַנט מיט סיביר.

זיי האָבן זיך באַוואָרנט אױף א פּאָר טעג מיט עסן; זיי האָבן מיט־

גענומען א ביקס — אין סיביר פארנעמט זיך כמעט יעדערער מיט יאגד און ביקסן זיינען ניט קיין זעלטנקייט. — זיי האבן זיך אפגעזעגנט מיט די פריינט און באקאנטע, וועלכע האבן, פארשטייט זיך, אלע מיטגעהאלפן דער אונטער־נעמונג און אליין געטרוימט, אז עס זאל שוין קומען פאר זיי אויך די צייט פון רעטונג. זיי האבן אפגעווארט, ביז עס איז געווארן נאכט און דער ארטיקער פאליציי־באאמטער איז אוועק צו זיך אהיים — און זיי האבן זיך אוועקגעלאזט אין וואלד אריין.

אף אינדערפרי האט שוין דער פאליציי־באאמטער געזען, אז עס פעלן גינצבורג און נאך איינער. אבער ער האט ניט געקענט גארניט מאכן. דאס דערפל איז געווען ארומגערינגלט מיט א גרויסן אור־אלטן וואלד. די אנט־לאפענע האבן געקענט גיין אין פארשיידענע ריכטונגען. נאכיאגן וואלט געווען אומזין. די איינציקע זאך, וואס מען האט געקענט טאן, איז — מעלדן פער טעלעגראף, אז צוויי ארעסטאנטן האבן זיך אפגעטראגן פון דעם און דעם פלאץ. פארשטייט זיך, אז אין דער מעלדונג זיינען אנגעגעבן געווארן די „פרימיעטעס", ד. ה. די פיזישע סימנים פון די אנטלאפענע: זייער הויך, דער קאליר פון זייערע האר, דער קאליר פון זייערע אויגן, דער עלטער און אז. וו. אבער דער פאליציי־באאמטער אליין, ווי טעמפ ער איז ניט געווען — קיין סיביר פלעגט מען געוויינלעך באשטימען די ערגסטע און טעמפסטע באאמטע — האט דאך פארשטאנען, אז אפן טראקט, וואס פירט דירעקט פונעם דארף, וועלן זיך די אנטלאפענע קוים אוועקלאזן. זיי וואלטן געכאפט געווארן אין גאר א קורצער צייט.

אונזער גינצבורג און זיין שותף האבן זיך אוועקגעלאזט אינעם גרויסן סיבירער וואלד.

— ווער עס האט ניט געזען אט דעם וואלד, — זאגט צו מיר חבר גינצ־בורג, — דער קען וועגן אים קיין פארשטעלונג ניט האבן. ריזיקע הונדערט־יאריקע סאסנעס, קאלאסאלע אוראלטע בוקן (ביטש־טרים), ווארצלען, וואס קריכן פון דער ערד אף שריט און טריט און שטעקן ארוים ווי שראפע פלעקער. שטעכעדיקע דערנער, וועלכע מישן זיך צונויף מיט די אלטע פארפוילטע בלע־טער. עס שמעקט מיט גריבעס און פוילקייט. קיין וועגן איז ניטא. אמאל געפינט מען א שטעג, וואס איז אויסגעטראטן געווארן דורך הערשן אדער אנדערע חיות, פירט ער אין ערגעץ ניט. איבער די קעפ הענגט א גוואלדאוונע דעק פון שווערע בלעטער און גרינע נאדלען, וועלכע איז אזוי געדיכט, אז זי לאזט ניט דורך די זון. וואנדערן איבער אזא וואלד איז אן אפקומעניש. דו ווייסט קיינמאל ניט, ווען דיין פוס וועט פארזינקען אין א לאך, פון

װעלכן עס װעט דיר שװער זײן אים אַרױסצושלעפּן. דאַ שטױסס דו זיך אָן אָן אַ שטײן, דאָרט אָן אַן אומגעװאָרפענעם בױם. טרעטסט אַרױף אױף אַ ליגנדיקן שטאָם — און ער װערט מיטאַמאָל צעשאָטן אױף שטױב און רינגלט דיך אַרום מיט אַ גאַנצן װאָלקן, װעלכער פאַרבלענדט דיר די אױגן און לאָזט דיך ניט אָטעמען. די גאַנצע צײט הערסטו אַ שאָרכען און קנאַלן, אַקוראַט װי אימיצער לױפט דיר נאָך. און כאָטש מײן באַגלײטער האָט מיך פאַר־זיכערט, אַז קײנער קען אונז ניט נאָכיאָגן אין דער „טאַיגאַ", האָט זיך מיר פונדעסטװעגן אַלעמאָל געדאַכט, אַז מען האָט אָנגעטראָפן אױף אונזערע שפּורן און אַז אָט־אָט װעלן זיך הינטער אונז באַװײזן די פּאָליציײלײט. יעדער קנאַל, װאָס האָט זיך גענומען דערפון, װאָס ערגעץ האָט געפּלאַצט אַ בױם, האָט אָפּגעקלונגען אין מיר אַקוראַט װי מען װאָלט אױף אונז געשאָסן פון הינטן. אַ גליק נאָך, פונדעסטװעגן, װאָס מײן באַגלײטער איז געװען אַ דערפאַרענער „װאָלף". ער האָט געװאוסט אין דער „טאַיגאַ" װאו־אײן און װאו־אױס.

## 2.

— אין װאַלד, — זאָגט מיר חבר גינצבורג, — האָבן מיר זיך געפונען צװעלף טעג. מיר װאָלטן ניט געקענט דורכגײן די ריזיקע שטרעקע, װען מיר קריגן ניט אַ פערד. װאו אַזש־ײנער האָבן מיר גענומען אַ פערד? מײן באַגלײטער, װי איך האָב געזאָגט, איז געװען אַן אַלטער סיבירישער „װאָלף". ער האָט געװאוסט דעם װעג צו די אָרטיקע פױערשע דערפלעך, װאָס זײנען גע־לעגן אײנגעשלאָסערט אין די אָרעמס פונעם װאַלד, װי קלײנע אינזלען אין אָקעאַן. אין אײנעם אַזאַ דערפל האָט ער, פאַר מײן געלט, פאַרשטײט זיך, געקױפט אַ פערד. פון דעמאָלט אָן איז די רײזע געװאָרן גרינגער. מיר פלעגן זיך בײטן: אָדער איך פלעג זיצן אױפן פערד און ער איז געגאַנגען צופוס, אָדער ער איז געזעסן אױפן פערד און איך בין געגאַנגען צופוס.

מיר זײנען געגאַנגען די גאַנצע צײט. מיר האָבן זיך װעלטן דערלױבט אַ נאַכט־לאַגער, װאָס האָט געדױערט מער װי צװײ־דרײ שעה. מיר האָבן ניט געהאַט קײן צײט. מיר האָבן װאָס גיכער געװאָלט אַרױסגײן פון דעם פאַר־צױבערטן װאַלד. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עס װעט גאָר קײן עק ניט נעמען פון אָט דעם פאָרן.

װאָס האָבן מיר געגעסן? מיר פלעגן קלײבן יאַגדעס און שװאָמען. אַמאָל פלעגט מײן באַגלײטער דערשיסן אַ פױגל אָדער אַ חיה'לע, װאָס מיר פלעגן אָפּבראָטן אױפן פײער. שװעבעלעך האָבן מיר געהאַט מיט זיך און פון

צייט צו צייט פלעגן מיר צעליינן אַ פייער, אָבער נאָר באַטאָג און נאָר אַ קליינעם, כדי דער רויך זאָל זיך ניט זען פון דערווייטן. מיר זיינען טאַקע, אמת, געווען אין דער „טאַיגאַ", אָבער מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל זען, אַז דאָ געפינען זיך מענטשן. עסן האָבן מיר בכלל געהאַט זייער ווייניק. נאָר פון צייט צו צייט, ווען אונז איז אויסגעקומען דורכגיין פאַרביי אַ סאַמאָראָדנע סיבירער דערפל, פלעגן מיר באַקומען עסן צו זאַט פון די קעסטלעך, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטן.

— איר וואונדערט זיך? — זאָגט מיר חבר גינצבורג. — אָבער די, וואָס זיינען געווען אין סיביר, ווייסן זייער גוט, וואָס דאָס באַדייט. איבער די סיבירער וועלדער שליאָיען זיך אַרום הונדערטער אַנטלאָפענע קאַטאָרזשניקעס. דאָס זיינען „אַטשאַיאַנע" (פאַרצווייפלטע) מענטשן, וואָס קענען רויבן, מאָרדן און צינדן. די אַרטיקע באַפעלקערונג וויל זיך באַוואָרענען קעגן זיי. פון דער אַנדערער זייט איז אויך דאָ ביי די פויערים אַ רחמנות אויף די אומגליקלעכע, וואָס בלאָנקען אַרום אין די וועלדער. אַזוי רופן זיי טאַקע די אַרעסטאַנטן: „ניעסטשאַסטנענקיע" — „אָרעמינקע". נו, איז איינגעפירט געוואָרן אַ מין אומגעשריבענער געזעץ, אַז פויערים שטעלן אַרויס אויף באַנאַכט לעבן זייערע הייזער אַ פעקל שפייז אין אַ קעסטל הויך אויף אַ סלופּ (כדי קעץ און הינט זאָלן דאָס ניט דערלאַנגען). דאָס פעקל איז פאַרן אַרעסטאַנט, וואָס גייט פאַרביי. עס באַקומט זיך ווי די פויערים וואָלטן געזאָגט דעם אַנטלאָפענעם אַרעסטאַנט: נאַ דיר שפייז; מיר טשעפּען דיך ניט; מיר זיינען צו דיר פריינטלעך; זיי דו פריינטלעך צו אונז; טשעפּע אונז ניט. אָט די פעקלעך האָבן אונז שטאַרק אַרויסגעהאָלפן אין אונזער רייזע.

איך קוק אויף חבר גינצבור'ן. ער איז אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס, אַ מאָגערלעכער, אַ טיפּישער אינטעליגענט. איך טראַכט מיר, אַז לויט זיין פּנים און פיגור וואָלט מען ניט געקענט דערקענען, אַז ער האָט דורכגעמאַכט שיר ניט צוויי וואָכן אין דער סיבירער „טאַיגאַ" אונטער אַזוינע באַדינגונגען. אָבער וואָס טוט מען ניט, ווען עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן?

— דאָס ערגסטע, — זאָגט מיר חבר גינצבורג, — איז געקומען, ווען איך האָב אַנטדעקט, אַז מיין אַרעסטאַנט איז מיט מיר ניט ערלעך (ווען מיר רידן ענגליש, וואָלט גינצבורג געזאָגט, אַז דער אַרעסטאַנט איז ניט געווען „פעיר" און „סקווער". — מ. אַ.). איך האָב אַנטדעקט, אַז ער וויל מיין געלט. ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב געלט. ער האָט מסתמא געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער פּטר'ט מיך אָוועק און באַקומט די פּוטיקע. פאַרוואָס טאַקע ניט? ווער וואָלט אים געשטערט? איינמאָל, פאַרנדיק אַפן

פערד, סוס איך זיך אום אף מיין באגלייטער, וועלכער איז נעגאַנגען הינטער מיר. איך זע: ער האָט אַנגעשטעלט אף מיר די ביקס. איך האָב זיך באַלד צוגעבויגן, בין אַראָפּגעשפּרונגען און האָב ביי אים אַרויסגעריסן די ביקס פון די הענט. אָבער פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין געוואוסט, אַז מיין לעבן איז אין געפאַר ניט נאָר צוליב דער „טאַיגאַ", נאָר צוליב מיין ליבהאַרציקן שותּף.

— וואָס טוט מען? אָן אים בין איך הילפלאָז. איינער אַליין אין דער „טאַיגאַ" בין איך פאַר'משפּט צום טויט. מיט אים איז אויך שלעכט. יעדע מינוט קען מען פון אים דערוואַרטן אַן אָנפאַל. איז בא מיר געבליבן איינס: ניט שלאָפן; אים היטן. פאַרשטייט זיך, אַז די ביקס האָב איך אים שוין ניט געגעבן אין די הענט. אָבער אָן דעם איז אויך געווען געפערלעך. מיין איינציק שוץ־מיטל איז געווען — ניט שלאָפן. אַזוי בין איך זיבן טעג און זיבן נעכט ניט געשלאָפן. ווען מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן אף אַ נאַכטלעגער, פלעג איך זיך אוועקזעצן מיטן רוקן צו אַ בוים און מיט דער ביקס אין די הענט און אַזוי זיצן און קוקן. איך האָב זיך אויסגעלערנט אפילו כאַפּן אַ דרעמל, ניט פאַרמאַכנדיק די אויגן. באַם קלענסטן שאָרך פלעג איך אויפ־שוידערן און אָנשטרענגען מיינע אויגן און אויערן. דער אַרעסטאַנט איז געווען אַ מאָגערער מיטל־יאָריקער מענטש, וועמען די קאַטאָרגע האָט אָפּגע־שוואַכט. איך האָב געוואוסט, אַז אויב עס וועט'קומען צו אַ פיזישן קאַמף איינס אף איינס, וועל איך אים באַזיגן. אָבער ווער קען זיך פאַרהיטן קעגן די פאַרשיידענע ביטערע קונצן, וואָס קאַטאָרזשאַנעס האָבן זיך אויסגעלערנט אין סיביר און אין טורמע דורך צענדליקער יאָרן? איך האָב געוואוסט פון דעם נפש, אַז ער האָט פאַרבראַכט אין געפענגענישן, זיצנדיק און אַנטלויפנדיק און זיצנדיק ווידער, ניט ווייניקער ווי 20 יאָר.

— צום סוף פון דער רייזע אין דער „טאַיגאַ" בין איך שוין געווען ווי אין היץ. איך האָב געזען ניט־געשטויגענע זאַכן. איך האָב געהערט אַלערליי מאָדנע קלאַנגען. איך האָב גערעדט צו זיך אַליין ווילדע רייד. די גאַנצע צייט האָב איך זיך געזאָגט: ברודער, האַלט זיך, עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן.

לויט ווי גינצבורג האָט מיר נאָכדעם דערציילט, איז ער מיט זיין שותּף דורכגעגאַנגען אין צוועלף טעג אַ שטרעקע פון אַן ערך פינף הונדערט וואָירסט (אַריבער דריי הונדערט מייל). ווען מען דערמאָנט זיך, ווי שווער עס איז געווען דער וועג, ווען מען באַרעכנט, אַז געגאַנגען זיינען זיי אין דער ווילדער־

ניש און מערסטנס אָן אַ שטעג, וואונדערט מען זיך, וואָס צוויי ניט־גאָר שטאַרקע מענטשן האָבן דאָס געקענט דורכמאַכן.

— ווען מיר זיינען ארויס אפן טראַקט, — זאָגט חבר גינצבורג, — האָבן מיר געהאַט אַ פּנים פון טייוואַלים. אָבער מיר זיינען געווען ווייט פון אונזער פאַרשיקונגס־פּלאַץ און איך פערזענלעך האָב געהאַט בײַ זיך אַ גוטן פּאַס. מיר האָבן זיך פאַרקליבן צום ערשטן בעסטן פויער. מיר האָבן אים גוט באַצאָלט פאַר דעם רעכט זיך אויסצובאָדן, ארומצואוואַשן און ארומ־צוגאָלן. מיר האָבן אים איבערגעלאָזט דאָס פערד פאַר אַ מתנה — און דאָ ענדיקט זיך מיין שותפות מיט דעם סאַטאַרזשנע ארעסטאַנט. איך פאַרוואַנדל זיך אין אַ רוסישן קופּיעץ (סוחר) איוואַן איוואַנאָוויטש סאַמאַראָוו, וועלכער פאָרט איבער סיביר האַנדלען מיט פוטערוואַרג.

### 3.

אין איינעם פון טורגעניעוו'ס ראָמאַנען איז דאָ אַן עפּיזאָד, ווי אַזוי אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערקע וויל אַריינפּאָרן פון אויסלאַנד אין רוסלאַנד מיט אַן אויסלענדישן פּאַס. דער פּאַס איז אַ פראַנצויזישער. די רעוואָלוציאָנערקע פאַרשטעלט זיך פאַר אַ דאַמע, וואָס ווייסט ניט אַ וואָרט רוסיש. זי איז אַ גוווערנאַנטקע, וואָס פאָרט אויף אַ שטעלע קיין רוסלאַנד, זאָגט זי, און זי איז שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס די זשאַנדאַרמען אפן גרענעץ ווייזן ארויס אַ פאַרדאַכט. זיי קוקן אויף איר פּאַס און אויף איר פּנים און גלויבן ניט, אַז דאָס איז טאַקע אַ פראַנצויזקע. זיי פרעגן זי אויף רוסיש און זי ענטפערט אויף אַ געמוטשעטן פראַנצויזיש. זיי אונטערזוכן איר פּאַספּאָרט, גראָבן זיך אין אירע זאַכן, האַלטן זי אָפּ אַ שטיקל צייט, ביז זי האַלט ניט אויס און טוט צו זיי אַ זאָג אויף אַן עכט־רוסישער שפּראַך מיטן גוטן רוסישן פאָלקס־אַקצענט:

— וועלכן שווארצן יאָר באַרבעט איר זיך דאָ מיט מיר, יאָלדן? לאָזט מיר שוין גיין, עס קריכט מיר די גאַל פון אייערע ווערעמדיקע שטיק!

ווען די זשאַנדאַרמען האָבן דאָס דערהערט, דערציילט טורגעניעוו, האָבן זייערע פּנים'ער אויפגעלויכטן מיט פרייד.

— אָט אַזוי־זשע רייד! — רופט זיך אָפּ איינער פון זיי. — וואָס האָסטו ביז אהער געשווינגן?

און זיי האָבן איר אָפּגעשטעמפּלט דעם פּאַס און זי אַריינגעלאָזט אין רוסלאַנד.

טורנעניעוו האָט געשריבן דעם ראָמאַן אין די זיבעציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער עפּיזאָד האָט נעדאַרפט באַווייזן, ווי טעמפּ עס קענען זיין די היטער פון דעם צארישן געזעץ און אָרדענונג. ווען איך האָב געהערט די געשיכטעס, ווי אַזוי מענטשן אַנטלויפן פון סיביר, האָב איך מיר געזאָגט, אַז ווען ניט די טעמפּקייט פון דער אָפּגעשטאַנענער סיבירישער באַפעלקערונג און פון אַ טייל באַאַמטע, וואָלטן די „פּאָביעגן" ניט געווען מעגלעך.

נעמט כאָטשבי די געשיכטע, ווי אַזוי חבר גינצבורג האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ סיבירער „קופּיעץ".

חבר גינצבורג האָט געהאַט אַ אידיש פּנים מיט אַ אידישער נאָז. זיין רוסישע אויסשפּראַך איז ניט געווען זייער קיין גוטע. פונדעסטוועגן איז אים געלונגען דורכצופאָרן עפּעס נאָר אַ גוזמא וויאָרסט איבער אַ סיבירער טראַקט אונטער דער מאַסקע פון אַן אמת'ן רוסאַק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשיידענע דערפער און שטעט, גענומען פערד צום פאָרן אָפן סמך וואָס ער איז כלומרשט אַן ערשט־קלאַסיקער סוחר, זיך באַגעגנט מיט אַלערליי סיבירער פּוטער־הענדלער, וואָס זיינען געקומען אים זען, און דערביי איז ער קיין איינציק מאָל ניט אַריינגעפאַלן.

כדי ניט צו דערוועקן דעם פאַרדאַכט פון דער פּאָליציי, האָט ער געמוזט זיך באַגעגענען מיט די פּוטער־הענדלער. עס האָט געהייסן, אַז ער פאַרטרעט אַ גרויסע פּוטער־פירמע אין מאָסקווע. ער האָט אָנגעגעבן איר נאָמען און איר אַדרעס און ער האָט נעדאַרפט „מאַן ביזנעס" אויף זיין רייזע איבער סיביר. פאַרשטייט זיך, אַז זייענדיק אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט ער זיך אויף שנעל אונטערגעלערנט דעם ענין פּוטערוואַרג, אַזוי אַז ער האָט געקענט ריידן מער אָדער ווייניקער געשעפטלעך. אָבער דערביי האָט ער זיך נעדאַרפט שטאַרק היטן ניט אַריינצופאַלן.

— וואָס פלעג איך טאָן? — דערציילט מיר חבר גינצבורג. — איך פלעג קודם כל נעמען מיינע הענדלער אין שענק אַריין. אַניט פלעג איך אויף דער סטאַנציע שיקן ברענגען אַ סך בראָנפן און וויין. אין סיביר איז ראָס ביליק. געדרויכערטע פיש און אַלערליי פליישן — האַלב אומזיסט. איז איידער די מענטשן האָבן נאָך צייט געהאַט אָנצוהויבן ריידן מכח געשעפט, האָב איך שוין אין זיי אַריינגעפּאַמפּעט נענוג פּייערדיקע משקה. זיינען שוין ביי זיי די קעפּ ניט געווען אַזוי לויטער. אַליין פלעג איך ריידן וואָס ווייניקער. איך בין געווען אַ גרויסער שווייגער אויף דער גאַנצער רייזע — און ראָס האָט מיר אַ סך געהאָלפן. אויב איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגן, האָב איך געערט צווישן

די צײַן נעצײַלטע װערטער. סיבירער קופּצעס האָבן מיך געהאַלטן פֿאַר אַן אײראָפּײאיש ״משוראָק״, אַ מאָרגנס מענטש, װאָס איז שטײַן־רײַך, אָבער רײדן רעדט ער קנאַפּ. דערצו פֿלעג איך זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן אין אײן אָרט. איך האָב געזאָגט: איך אײַל זיך קײן מאָסקװע, צו מײַן הױפּט־פֿירמע; איך װעל שױן שרײַבן פֿון װעג. איך האָב דערבײַ אױך קײן ליגן ניט געזאָגט: איך האָב זיך טאַקע געאײַלט צו מײַן הױפּט־פֿירמע — דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ.

חבר גינצבורג איז געװען אַ ״איסקראָװעץ״. אין יענער צײַט פֿלעגן מיר אײנטײלן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אַזױנע, װאָס געהערן צום ״בונד״, צו דער פּױלישער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ און צו דער ״איסקראַ״. די ״איסקראַ״ איז געװען די מאַרקסיסטישע צײַטונג, װאָס איז געגרינדעט געװאָרן מיט לענינ׳ס אָנטײל אין יאָר 1900 מיט דעם צװעק צו אַנטװיקלען אידעאָלאָגיש און צו קאָנסאָלידירן אָרגאַניזאַציאָנעל די פֿאַרשײדענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן. נאָך דעם צװײטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטײ אין 1903 האָבן זיך די ״איסקראָװצעס״ געטײלט אױף באָלשעװיקעס און מענשעװיקעס. אָבער אין 1904 זײַנען די נעמען באָלשעװיק און מענשעװיק נאָך ניט געװען שטאַרק פֿאַרשפּרײט: מען פֿלעגט זיך רופֿן ״האַרטע״ און ״װײכע״. חבר גינצבורג האָט געהערט צו די ״האַרטע״, ד. ה. די באָלשעװיקעס. אױב אָט די שורות װעלן װי ניט איז צו אים דערגײן, זאָל ער װיסן, אַז איך געדענק זײער גוט די געשיכטע, װאָס ער האָט מיר דערצײלט װעגן זײַן ״פּאָביעג״ פֿון סיביר. איך האָב פֿון אים בכלל זײער אַ סך געלערנט װעגן רעװאָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע און אַרבעט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דער רײַזע.

חבר גינצבורג דערצײלט מיר, אַז ער איז דורכגעפֿאָרן אַזױנע געגנטן, װאו עס איז נאָך געװען אַ מאָדע, אַז דער באַלעבאָס פֿון הױז װײַזט אַרױס דעם חשוב׳ן גאַסט זײַן גאַסטפֿרײַנטלעכקײט דורך דעם, װאָס ער גיט אים זײַן װײַב אױף אַ נאַכט. חבר גינצבורג האָט מיר דערצײלט, אַז אָט דעם מנהג פֿון טראַקטירן דעם גאַסט מיטן אײגענעם װײַב האָט ער עטלעכע מאָל אָנגעטראָפֿן אױף זײַן רײַזע אין סיביר. דאָס האָט פֿאַר אים באַשאַפֿן פּריקרע סיטואַציעס. זאָגן דעם באַלעבאָס, אַז איך װיל דײַן װײַב ניט, װאָלט געהײסן אים באַלײדיקן אױף טױט. חבר גינצבורג האָט זיך געדאַרפֿט אױסדרײען דערמיט, װאָס ער האָט געזאָגט אַז ער פֿילט זיך מיד, אַז ער װיל שלאָפֿן, אַז ער איז ניט געזונט — און ענלעכע תירוצים.

ענדלעך איז ער דערפאָרן קיין אירקוטסק. דאָס איז דער צענטער פון סיביר. פון דאַנען האָט שוין געפירט אַן אייזנבאַן־ליניע דירעקט קיין מאָסקווע און פעטערבורג, דירעקט צו דער פרייהייט און דער ווייטערדיקער אַרבעט. חבר גינצבורג האָט געהאַט אַן אַדרעס צו אַ פריינט אין אירקוטסק. דאָ האָט ער זיך אַ ביסל אויסגערוט, אַ ביסל געקומען צו זיך, אומגעביטן זיין געשטאַלט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע פון אַ סוחר און זיך געלאָזט פאָרן קיין אייראָפּייאישן רוסלאַנד.

אָבער אויך דאָ איז ניט אַלץ געווען גלאַט. די אייזנבאַן־סטאַנציע אין אירקוטסק האָט געשווימלט און געגריבלט מיט שפּיאָנען. די פּאָליציי האָט געוואוסט, אַז אַהער קומען זיך סוף כּל סוף צונויף אַלע אַנטלאָפענע. קיין אַנדער וועג איז ניט געווען. חבר גינצבורג האָט געדאַרפט אָנווענדן אַלערליי פאַרזיכט־מיטלען, ביז ער האָט געקויפט אַ בילעט און איז אַריין אין וואַגאָן. ענדלעך האָט ער זיך געזעגנט זאָגן, אַז ער איז געראַטעוועט. אין אַ וואָך אַרום איז ער געווען צוריק בײַ דער אַרבעט.

ווען ער האָט גערעדט מיט מיר, איז ער שוין ווידער געזעסן הינטער אייזערנע גראַטעס און ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט אים פאַרשיקן קיין סיביר. אָבער דאָס האָט אים ניט שטאַרק באַזאָרגט. „דער ערשטער פּאָביעג איז דער שווערסטער,” האָט ער געזאָגט.

### פינף־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אַ רעוואָלוציאָנער מיט צוויי פּאַספּאָרטן

דעם שענסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַ חבר, וואָס האָט בײַ אונדז פֿאַרבראַכט אין אַנטאָקאָליער טורמע געציילטע עטלעכע טעג.

ער איז געווען אַ מענטש נאָענט צו די פֿערציקער. אַ הויכער, אַ שוואַרץ־חנ'עוודיקער, אַ ביסל אַן איינגעבויגענער. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער זיך אַ ביסל זאַאיקעט. מיט זײַן קומען האָט ער אַרײַנגעטראָגן אין אונדזער טורמע אַזאַ גײַסט פֿון פֿרײַנטלעכקייט און אַזאַ געפֿיל פֿון מוט, אַז מיר האָבן אים לאַנג דערמאָנט נאָכדעם ווי מען האָט אים אַריבערגעפֿירט אין אַ צווייטער טורמע.

אַרעסטירט האָט מען אים אַזוי: ער איז געפֿאָרן ערגעץ אין אַ פּאַרטיי־שליחות, איך געדענק שוין ניט וואוהין. אויפֿן ווילנער וואָקזאַל איז ער אַרויס־געגאַנגען אויסטרינקען אַ גלאָז טיי. דאָ האָט מען אים דערזען און מען האָט אים אַרעסטירט. מען האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין זשאַנדאַרמסקע צימער טאַקע דאָ אויפֿן וואָקזאַל און געוואָלט באַזוכן. אין דער מאָמענט האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און, ליגנדיק אויפֿן רוקן און שטויסנדיק מיט די פֿיס, גענומען קײַען די פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן קעשענע. אויף די פּאַפּירלעך זײַנען געווען אַדרעסן און אַנדערע זאַכן. ווען זיי פֿאַלן אַרײַן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי, וואָלט דאָס געשאַדט דער גאַנצער פּאַרטיי. עס איז געווען נאָר איין מיטל צו פֿאַרניכטן זיי, און דאָס איז — צעקײַען און אַראָפּשלינגען.

דער חבר האָט אונדז נאָכדעם דערציילט מיט אַ פֿריילעכן געלעכטער, ווי אַזוי ער האָט געקײַט און געשלונגען.

— זיי וואַרפֿן זיך אויף מיר — איך שטופּ זיי אָפּ מיט די פֿיס און דערווײַל קײַ איך. זיי וואַרפֿן זיך אויף מיר — איך נעם נאָך אַ זשמעניע פּאַפּירלעך, שטופּ זיי אין מויל און קײַ. יענע וואַרפֿן זיך צו מײַן קאָפּ, צו מײַן מויל. איך טראַכט מיר: לאָמיך זיך נאָר האַלטן צוויי אָדער דרײַ מינוט, איז אַלץ געראַטעוועט. קאָפּיע איך זיי מיט די פֿיס, קלאַמער זיך מיט די הענט, דרײַ

זיך און ווארף זיך — און די גאנצע צייט קוי איך די פּאַפּירלעך. עס איז ניט קיין געשמאַקער ביסן, אָבער טראַכטן וועגן אַזוינע זאַכן איז ניטאָ קיין צייט. באַלד בין איך פאַרטיק געוואָרן מיטן קייען. איך בין געווען ריין. איצט האָב איך זיך אויפגעשטעלט און זאָג זיי: „מיינע הערן, איר קענט מיך באַזוכן."

זיי האָבן אים באַזוכט און האָבן געפונען צוויי פּאַסשפּאָרטן אַף צוויי פאַרשיידענע נעמען. און דאָ הויבט זיך ווידער אָן דער קאָמיזם. די זשאַנדאַרמען — פאַרשטאָפּטע קעפּ — האָבן זיך געפונען צוליב אָט די צוויי פּאַסשפּאָרטן אין אַ גרויסן קלעם. שפּיר־הינט זיינען זיי, אָבער ביוראָקראַטן זיינען זיי אויך. ווען זיי אַרעסטירן אימיצן, דאַרפן זיי אים פאַרשרייבן — מיט אַ געוויסן נאָמען, פאַמיליע און וואוין־אָרט. זאָלן זיי אַפילו דענקען, אַז דער פּאַסשפּאָרט פון אַן אַרעסטירטן איז אַ פאַלשער, פונדעסטוועגן וועלן זיי פאַרשרייבן אַלצדינג, וואָס זיי געפינען אינעם פּאַסשפּאָרט — און דאָס וועט פאַר זיי דערוויייל זיין גענוג. אָבער וואָס טוט מען מיט איינעם, וועלכער האָט צוויי פּאַסשפּאָרטן?

האָבן זיי זיך געווענדעט צום אַרעסטירטן: זאָג אונז, וועלכער איז דיין פּאַסשפּאָרט און וועלכער איז ניט דיינער?

זאָגט ער זיי:

— מיינע הערן, איר קענט זיך אויסקלייבן, וועלכן איר ווילט.

קראַצן זיי זיך די קעפּ און ווייסן ניט וואָס צו טאָן. זאָל מען פאַרשרייבן איין נאָמען, איז וואָס וועט מען טאָן מיטן צווייטן? זאָל מען פאַרשרייבן צוויי נעמען, איז דערויף ניטאָ קיין רעגולאַציע.

רופט זיך אָפּ דער אַרעסטירטער:

— ווייסט איר וואָס? פאַרשרייבט גאָר קיין נאָמען ניט און לאָזט מיך אָפּ.

געפעלט דאָס זיי ניט. אַמפּערן זיי זיך און דרייען זיך אַ קאָפּ און ווייסן ניט וואָס צו טאָן. און אַזוי האָבן זיי אים אָפּגעהאַלטן אַ שטיק צייט, ניט קענענדיק דערגיין, ווי זיי זאָלן אים פאַרשרייבן. צוליבן פאַרשרייבן האָבן זיי שוין אַפילו פאַרגעסן דעם לעבעדיקן מענטשן. און ער איז דאָך געווען אַ וויכטיקער אַרעסטירטער. ווען די העכערע נאַטשאַלסטוואָ איז געוואויר געוואָרן, אַז מען האָט אַזוינעם געכאַפּט, איז זי געווען זייער צופרידן.

דער חבר האָט דאָס אונז דערציילט אין טורמע און דערביי אַזוי האַרציק געלאַכט, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען דער פריילעכסטער שפּאַס, וואָס מען קען געפינען אַף דער וועלט. איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַ מענטשן,

וועלכער פאַלט אַריין ערנסט אין געפענגעניש און וועלכער פילט זיך אַזוי נאַטירלעך־גליקלעך און אַזוי פריילעך.

מ׳אַן האָט געזען, אַז די טורמע איז פאַר אים ווי אַ צווייטע היים און די פּאָליטישע אַרעסטירטע — ווי אַ ליבע משפּחה.

ער האָט פאַרבראַכט מיט אונז ניט מער ווי צען טאָג. אָבער די טעג זיינען געווען העל־פריילעכע פאַר אונז אַלעמען. ער האָט זיך אינטערעסירט ניט נאָר מיט דער לאַגע פון יעדן איינעם באַזונדער, נאָר אויך מיט דעם, וואָס ער לייענט, מיט זיין פּלאַץ אין דער באַוועגונג, מיט זיין אַנטוויקלונג, מיט זיינע פּלענער.

דער מאַן איז געווען אַן „איסקראַוועץ". איך בין ניט זיכער, אָבער אַף וויפיל בא מיר איז געבליבן אין געדאַנק, איז ער געווען אַ „האַרטער" (באָלשעוויק). איך בין דעמאָלט געווען אַ בונדיסט. די באַציאונגען צווישן „איסקראַווצעס" און בונדיכטן זיינען ניט געווען פון די גאָר גוטע — אידעאָ־לאָגיש. מען האָט איינער דעם אַנדערן געזאָגט שטעכווערטלעך, אַמאָל אין גוטן מוט, און אַמאָל טאַקע מיט בייזקייט. דער נייער חבר האָט זיך צו מיר פאַרהאַלטן ווי צו זיינעם אַ אינגערן ברודער. ער האָט גערעדט מיט מיר פערזענלעך. ער האָט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלן. ער האָט ביי מיר אויסגעפרעגט מיין פאַרגאַנגענהייט. ער האָט מיר אָנגעוויזן, וואָס צו לייענען, כדי צו אַנטוויקלען זיך אַפן ריכטיקן וועג. ער האָט מיט מיר און מיט אַלעמען אַ סך גערעדט וועגן פּאַרטיי־אַנגעלעגנהייטן.

מען האָט געזען, אַז דער מענטש לעבט און אָטעמט מיט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי. ער האָט געדאַרפט וויסן אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. ער איז דאָס געוואויר געוואָרן דורך געשפּרעכן מיט אונז. ער האָט אונז דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע שטעט. די אָוונטן מיט אים האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן יום־טוב פון גייסט.

מיר האָבן געוואוסט, אַז מען וועט אים לאַנג בא אונז ניט האַלטן. מען וועט אים אַריבערפירן אָדער קיין פּעטערבורג, אָדער קיין מאָסקווע. ער אַליין האָט אונז געזאָגט, אַז מען וועט אים האַלטן בא אונז נאָר אַזוי לאַנג, ביז מען וועט געוואויר ווערן, וואָס צו טאָן מיט די צוויי פּאַספּאָרטן. (אוי, די צוויי פּאַספּאָרטן, די צוויי פּאַספּאָרטן! זיי האָבן געשטעקט דער נאַטשאַל־סטוואָ ווי אַ ביין אין האַלז!)

אין איין אָוונט האָט מען אים געלאָזט וויסן, ער זאָל זיך גרייטן: מען פירט אים אָפּ. וואוהין, האָט מען ניט געזאָגט. אָבער מיר האָבן געוואוסט,

אז מען וועט אים נעווים שיקן דורך פעטערבורג קיין סיביר. אפשר נאר אף קאטארגע.

די שיידונג איז נעווען א סך שמערצלעכער, ווי מיר האבן אפילו דער־ווארט. עס איז געווען, ווי מען רייסט עפעס אפ א שטיק פון אונזער אייגענעם הארצן. קיין זאך אין טורמע האט אונז אזוי ניט וויי געטאן, ווי די שיידונג מיט דעם ליבן חבר.

נאך איין „זייט געזונט". מיר נעמען זיך ארום. מיר צעקושן זיך האר־ציק. אין אויג שטייט א טרער. „זיי געזונט, חבר"... אפשר וועלן מיר זיך קיינמאל ניט זען.

איך האב דעם חבר קיינמאל מער ניט געזען. די דערינערונג וועט בלייבן ווי לאנג איך לעב.

## זעקס־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# די לוקישקער טורמע

שטעלט אייך פאָר א געביידע אין דער פאָרעם פון א פינף־קאַנטיקן שטערן. די שפּיצן פון דעם שטערן — דאָס זיינען לאַנגע פינף־שטאָקיקע געביידעס, וועלכע קומען זיך צוזאַמען אין איין צענטער. דער צענטער איז א קיילעכדיקער זאַל, פינף שטאָק די הויך. דאָרט וואו געוויינלעכע געביידעס האָבן סטעליעס און פּאָדלאָגעס אף יעדן שטאָק, איז אין די פינף לאַנגע געביידעס — א ליידיקער פּלאַץ. יעדע געביידע פאַרמאָגט פינף רייען קאַמערן אף יעדער זייט. אין דער לענג פון די קאַמערן לויפט אף ביידע זייטן פון דער געביידע א שמאָלע גאַלעריע. די טירן פון די קאַמערן עפענען זיך אין דער גאַלעריע. ווען מ׳שטייט אף דער גאַלעריע פונעם פינפטן אָדער פערטן שטאָק, קען מען זען וואָס עס טוט זיך אונטן אף דעם ערשטן שטאָק, דאָרט וואו עס געפינט זיך די איינציקע פּאָדלאָגע פון דער גאַנצער געביידע. צווישן איין גאַלעריע און דער צווייטער איז אַריבערגעוואָרפן אין דער לופטן א שמאָלער טרעפּן־גאַנג פון שטאָלענע טרעפּ מיט פּאַרענטשעס אף ביידע זייטן. די טרעפּ דערמאָנען אָן די טרעפּ פון א פייער־עסקייפּ אין די אַמעריקאַנישע הייזער. דורך אָט די טרעפּ גייט מען פון איין גאַלעריע צו דער צווייטער, ד. ה. פון דער גאַלעריע פון איין שטאָק צו דער גאַלעריע פון אַן אַנדער שטאָק. ווען איר גייט איבער די טרעפּ, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז איר געפינט זיך אין דער לופטן, וואָרים פון ביידע זייטן איז ליידיקער רוים.

צוליב וואָס איז די טורמע געבויט אף אַזאַ סיסטעם? צוליב פאָרזיכט. ווען א וועכטער שטייט אונטן אפן ערשטן שטאָק, קען ער זען אַלע קאַמערן פון אַלע גאַלעריעס אף אַלע פינף שטאָק. אמת, די טרעפּ צווישן איין גאַלעריע און דער צווייטער שטערן א ביסל דעם אויסקוק, אָבער ניט גענוג צו פאַר־שטעלן דעם גאַנצן שטאָק. טרעט דער וועכטער אָפּ א צוויי טריט — שטערט אים שוין ניט די טרעפּ צו זען, וואָס עס טוט זיך פון אויבן ביז אַראָפּ און פון אונטן ביז אַרויף.

נאָך מער. ווען א וועכטער שטייט אונטן, אינעם צענטער פונעם צענ־טראַלן זאַל, קען ער זען, וואָס עס טוט זיך אין אַלע פינף שטאָק פון אַלע פינף געביידעס, וועלכע בילדן דעם פינף־קאַנטיקן שטערן. ער דאַרף זיך נאָר דרייען אַרום און אַרום, כדי צו האָבן א פרייען בליק אף דער גאַנצער ריזיקער טורמע.

דאָס איז אונזער נייע וואוינונג — לוקישקי.

אין יענער צייט איז די ווילנער טורמע געווען די צווייטע איז רוסלאַנד, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן לויט אַט דער סיסטעם. די ערשטע איז געווען די פּעטערבורגער טורמע, וואָס האָט זיך גערופן „קרעסטי".

מען האָט משמעות געבויט אַ טורמע גראָד אין דער פאָרמע, כדי צו קענען האָבן אַ בעסערע אויפזיכט איבער די אַרעסטאַנטן. ווען אַ טורמע איז איינגעטיילט אין שטאָקן אַזוי, אַז איין שטאָק ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אפן צווייטן, קען מען אַף איין שטאָק פּלאַנעווען אַ „פּאָביעג", בשעת די נאַטשאַלסטוואָ אפן צווייטן שטאָק זאָל דערפון ניט וויסן. ווען איין וועכטער קען האַלטן אַן אויג אַף אַ גאַנצער געביידע פון אונטן ביז אַרויף, איז שווערער צו פּלאַנעווען אַ „פּאָביעג". ווידער אַמאָל דאַרף מען אין אַזאַ טורמע ווייניקער וועכטער. אויב אין אַן אַלטמאָדישער פינף־שטאָקיקער טורמע האָט מען געדאַרפט האָבן צו צוויי און דריי וועכטער אַף יעדן שטאָק, האָט מען אין דער נייער טורמע געדאַרפט האָבן נאָר איינעם אָדער צוויי אַף אַ גאַנצן פליגל. דאָס האָט געהייסן — עקאָנאָמיע, כאָטש איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין, צוליב וואָס די פאַרשווענדערישע און רויבערישע צאַרישע רעגירונג האָט זיך גענויטיקט אין עקאָנאָמיע.

געווען אָבער אויך אַן אַנדער מאָטיוו, פאַרוואָס רוסלאַנד האָט איבער־גענומען פון דייטשלאַנד אַט די פאָרמען פון טורמע־בוי (געשטאַמט האָט די גרויסע אידייע ניט פונעם צאַר׳ס באַאמטע, נאָר פון דעם קייזערלעכן דייטש־לאַנד). אין אַן אַלט־מאָדישער טורמע איז ניט באַקוועם צו שיסן. שטעלט איך פאָר, אַז די אַרעסטאַנטן מאַכן אַ בונט און פּרואוון אויסברעכן די טירן. אין אַזאַ לאַנגע וואָלט מען געדאַרפט שיסן אין יעדער קאַמער באַזונדער. אין אַ טורמע, ווי די לוקישקער, מיט גאַלערייען און לופט־טרעפּ, איז גענוג געווען אַוועקצושטעלן איין מאַשין־ביקס אַף דער פּאָדלאָגע פון אַ פליגל צו קענען באַשיסן אַלע פינף שטאָק און דער עיקר די טרעפּ. דאָס האָט געשאַפן זיכערקייט — פאַר די וועכטער.

איז אַז מען האָט אונז אַריבערגעפירט פון אַנטאָקאָליער אין לוקישקער טורמע יענעם פרימאָרגן אין יולי, האָט אונזער נאַטשאַלסטוואָ זיך מיט אַמאָל דערפילט אַ סך מער תקיף. איצט, האָט געזאָגט דער עלטסטער פון די שליסער, וועלן מיר זיך מיט אייך אָפּרעכענען. איר וועט וויסן, „פּאַטשאָם פונט ליכאָ" (וויפיל עס קאָסט אַ פונט צרות).

און מיר האָבן טאַקע פאַרזוכט דעם טעם פון „ליכאָ".

איך וועל אָנהויבן פונעם עסן. אין אַנטאָקאָליער טורמע האָבן מיר

געקראָגן דאָס עסן פון די אַרעסטאַנטסקע ראַטעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף צווייטן און דריטן שטאָק פון דער זעלביקער געביידע. דאָס עסן איז געווען גאָר ניט שלעכט. דונקעל, אונזער טורמע־נאַטשאַלניק, האָט ניט גע־וואָלט איינפירן קיין באַזונדערע סיך: עס האָט זיך פאַר אים ניט געלוינט. דאָ, אין דער לוקישקער טורמע, האָט ער שוין געמוזט איינפירן אַן איינענע קיך. האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס מען גיט אונז אונטערן נאָמען זופּ אָדער קאַשע איז עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז גאָר דערפאַר קיין נאָמען ניטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך.

כדי מען זאָל פאַרשטיין, ווי דונקעל האָט אונז געשפּייזט, דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז די רעגירונג האָט אַסיגנירט 7 קאָפּיקעס אַ טאָג אויף אויס־צוהאַלטן יעדן אַרעסטאַנט. קריגן פלעגן מיר צוויי פונט ברויט אַ טאָג. ברויט האָט געקאָסט אין מאַרק צוויי קאָפּיקעס אַ פונט. לאָמיר אָנגעמען, אַז דאָס ליימיקע ערד־שוואַרצע און פייכטע ברויט, וואָס דונקעל האָט אונז געגעבן, האָט געקאָסט נאָר אַ קאָפּיקע אַ פונט. איז דאָך פאַרט געבליבן אויף צוויי מאָלצייטן פינף קאָפּיקעס אַ טאָג. רעכענען מיר אַרונטער כאָטש דריי קאָ־פּיקעס, וואָס דונקעל, זיין געהילף און דער אויבערשליסער האָבן געדאַרפט אוועק'גנב'ענען פון אונזערע טעגלעכע פּאַרציעס, ווערט קלאָר, אַז די צוויי „מאָלצייטן”, וואָס זיי האָבן אונז געגעבן, האָבן ניט געקענט קאָסטן מער ווי אַ קאָפּיקע אַ מאָלצייט. מען דאַרף דאָך נאָך צורעכענען האָלץ און געשיר און טראַנספּאָרט און וואָס ניט?

וואָס־זשע האָט זיך באַקומען? אינדערפרי אַ טשאַיניק לעבלעכע וואַסער אויף טיי — אָן טיי און אָן צוקער. באַטאָג — אַ קעסעלע שמוציקע וואַסער, אין וועלכער עס איז אַרומגעשוואומען אַ שטינקענדיקע גרויפּ. אין אָוונט — אַ קאַלט ביסל פון דעם זעלביקן טייערן יאַיכל — און ווייטער גאָרניט. דאָס ברויט אַליין איז געווען פון אַזאַ סאָרט, אַז אָן עפּעס צום ברויט האָט מען עס ניט געקענט עסן. מען האָט געדאַרפט האָבן כאָטש אַ שטיקל צוקער אָדער אַ ציבעלע אָדער — אַ, טייערסטער פון אַלע מאכלים — אַ שטיקל פּוטער. אָבער דאָס האָבן מיר ניט אַלעמאָל געקענט קריגן, וואָרים דער גרעסטער טייל פון אונזערע אַרעסטירטע זיינען געווען גרויסע קבצנים און דער רעוואָלוציאָנערער רויטער קרייז האָט געגעבן נאָר 50 קאָפּיקעס אַ וואָך פאַר יעדן אַרעסטירטן, אי דאָס ניט אַלע וואָך.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ערשטע דריי וואָכן האָט זיך קיינער פון אונז ניט צוגערירט צו דער קאַזיאָנער שפּייז, וועלכע איז באַקאַנט געווען מיטן נאָמען „באַלאַנדאַ”.

## זיבן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אַ פּאַסיווער קאַמף אין דער לוקישקער טורמע

אונזער לאַגע אין דער נייער לוקישקער טורמע איז געווען זייער שלעכט. מיטן עסן איז געווען גאָר ניט פריילעך. מיטן שפּאַציר איז אונז אויך געוואָרן שרעקלעך ענג. אין דער אַלטער אַנטאָקאָליער טורמע האָבן מיר געקענט שפּאַצירן פיר שעה אין טאָג. דאָ האָט מען אונז געלאָזט וויסן, אַז דער שפּאַציר וועט דויערן נאָר 15 מינוט, אַז דאָס וועט יעדער איינער פון די פּאָליטישע אַרויסגעפירט ווערן באַזונדער און וועט דאַרפן שפּאַצירן איינער אַליין אין הויף, אָן שום פאַרבינדונג מיט זיינע חברים.

מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז עס וועט ניט קלעקן דער טאָג אויף אַרויס־צופירן אַלע אַרעסטירטע. און אַזוי איז טאַקע געווען. די נאַטשאַלסטוואָ האָט אָנגעהויבן ציילן די מינוטן ניט פון דעם מאָמענט, ווען דער אַרעסטירטער איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, נאָר פון דעם מאָמענט, ווען דער שליסער איז געגאַנגען אים נעמען. אַזוי ווי עס האָט געדויערט דאָס גיין צו דער קאַמער פון דעם אַרעסטירטן, דאָס אָפּשליסן די קאַמער, דאָס אַרונטערגיין די עטלעכע טרעפּ און אַרויסגיין אין הויף, און אַזוי ווי דער וועג צוריק האָט אויך גע־דויערט, האָט זיך באַקומען, אַז געשפּאַצירט האָט מען אין הויף אפשר פיר און אפשר פינף מינוט. דאָס האָט אַרויסגערופן צווישן אונז אַזאַ גרויסע אומצופרידנקייט, אַז כאָטש מיר האָבן זיך ניט צוזאַמענגערעדט, האָבן מיר אויפגעהערט גיין שפּאַצירן.

און אַזוי האָט זיך באַקומען אַ לאַגע, אַז ניט מיר עסן, ניט מיר גייען אין הויף. אמת, די נאַטשאַלסטוואָ האָט געזאָגט, אַז זי האָט אונז אין דר'ערד: טורמע איז טורמע, געבראַכט האָט מען אונז אַהער נישט אויף אַ דאַטשע, נאָר צו באַשטראָפן אונז דערפאַר, וואָס מיר זיינען בונטאָוו־שטשיקעס, וועלכע גראָבן זיך אונטערן הייליקן פּאָטערל, דעם קייזער פון „ראָסייע”. פונדעסטוועגן האָבן זיך די מאַכט־האָבער ניט געפילט גוט. אַ טורמע, וואו אַלצדינג איז ניט כשורה, איז ווי אַ דאָרן אין דער זייט פון דער נאַטשאַלסטוואָ.

עס איז אוועק אַן ערך אַ חודש אין אַזאַ מין שטילן פאַר'עקשנ'טן קאַמף. מיר האָבן ניט אַרויסגעשטעלט קיין פאָדערונגען; מיר האָבן כלומרשט ניט געקעמפט. מיר זיינען ניט אַרויס אין קיין הונגער־סטרייק. נאָר דאָס נעקעכטס האָבן מיר אָפּגעשיקט אומבאַרירט, לאָזנדיק דאָס ברויט, און אויף שפּאַציר זיינען מיר ניט געגאַנגען. ווען די שליסער האָבן אונדז געפרעגט, פאַרוואָס מיר גייען ניט, האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן ניט קיין חשק. ווידער, האָבן מיר געזאָגט, איז ניט כדאַי: איידער מען גייט אַרויס, דאַרף מען שוין גיין צוריק. דאָס עסן, האָבן מיר געזאָגט, פאַרשאַדט אונדז און מיר קענען דאָס ניט פאַרטראָגן.

די לוקישקער טורמע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַלקן. דער וואַלקן איז געווען אַ גייסטיקער — אָנגעזאַמלטע פאַרביטערונג, פאַרצווייפלונג, עקל, אויפגערייצטקייט, גרייטקייט צו עקספּלאָדירן. אויף דער זייט פון דער נאַטשאַלסטוואָ איז דאָס געווען אַ פאַרטאַיעטער נקמה־געפיל, אַ שטימונג, אַז — וואַרט, שלעפער, היגטישע זין, מיר וועלן אייך נאָך אָנלערנען, מיר וועלן אייך ווייזן, ווער עלטער איז! דער וואַלקן איז אָבער אויך געווען אַ פיזישער. די טורמע איז די גאַנצע צייט געווען איינגעוויקלט אין אַ גראָ־לעבער פאַרע.

איך האָב שוין דערציילט, אַז די טורמע איז ניט געווען פאַרענדיקט. געמויערט האָבן זי רוסישע מויערער — און אין יענער צייט זיינען זיי ניט געווען פון די בעסטע באַלמעלאָכעס. די אויפזיכט איבערן בויען איז געווען ניט אין די הענט פון דער רעגירונג, נאָר פון אַ פּאָדריאַדטשיק (קאָנטראַקטאָר), וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אָוועקשטעלן אַ טורמע פאַר אַ געוויסער סומע. וואָס ערגערע מאַטעריאַלן ער האָט געברויכט און וואָס וויניקער דער־פאַרענע אַרבעטער ער האָט געדונגען, אַלץ מער איז אים געבליבן. דעריבער האָט מען די טורמע געבויט אַזוי, אַז זי איז געווען נאַס פון אויבן ביז אַראָפּ. מען האָט אונדז געטרייסט, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט זי אויסגעטריקנט ווערן. אַזוי האָט מען אונדז טאַקע געזאָגט: נאָכדעם ווי זי וועט זיך הייצן צוויי ווינטערס מיט צענטראַלער הייצונג, וועט זי זיין אינגאַנצן טרוקן. דערווייל, האָבן די אַרעסטאַנטן געזאָגט, דאַרפן מיר טריקענען די טורמע מיט אונזערע אייגענע לונגען.

איך האָב געליטן פון אַסטמע. דאָס איז אַ קראַנקהייט, וואו אַ מענטש קען ניט כאַפּן דעם אָטעם. איך האָב געהאַט אַזוינע אָנפאַלן, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט: אָט ווער איך דערשטיקט. דאָס ערשטן אָנפאַל אין לוקישקער

טורמע — אין אנטאָקאָל האָב איך קיין אָנפאַלן ניט געהאַט — האָב איך געשיקט רופן דעם דאָקטאָר. ניט אַזוי גיך טוט זיך עס אין טורמע, ווי עס רעדט זיך. דער דאָקטאָר איז געקומען שפּעטער מיט אַכט־און־צוואַנציק שעה. אָבער דער אָנפאַל איז געווען אַזאַ שטאַרקער און אַזאַ לאַנגדויערנדיקער, אַז דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג מען זאָל מיך אַריבערפירן אין אַ קאַמער פון פינפטן שטאָק, וועלכע קוקט אַרויס צו מערב צו. אַזוי האָט מיר מיין קראַנקהייט געהאָלפן זיך אַריבערקלייבן אין אַ בעסערער קאַמער.

די קאַמער האָט געהאַט קנאַפּע פיר טריט אין דער ברייט און אַן ערך זעקס טריט אין דער לענג. דאָס פענצטערל האָט זיך געפונען אונטער דער סטעליע. די סטעליע איז געווען אַ האַלב־קיילעכדיקע, אַ געוועלבטע. די ווענט זיינען געווען אָפּגעפאַרבט מיט אַ שווערער גראָער אויל־פאַרב. די סטעליע איז געווען אויסגעקאַלכט וויים. די פּאָדלאָגע איז געווען פון שוואַרצן אַספאַלט. דאָס בעטל און דער טיש — ניט קיין טיש, נאָר אַ ברעטל צו־געשמידט צו אַ וואַנט אין ווינקל — ווי אויך דער שטול זיינען געווען אָפּגעפאַרבט גראָ. דער זיץ־שטול מיטן „עמער" זיינען געווען שוואַרץ.

ווען דער וועטער איז געווען גוט, איז די לופט אין צימער געווען דורכ־זיכטיק. ווי אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַ וואָלקנדיקער טאָג — ווען אַפילו עס איז קיין רעגן ניט געגאַנגען — אַזוי האָבן זיך אויף דער סטעליע באַוויזן פייכטע פליאַמעס. אַזוי האָב איך געהאַט מיין אייגענעם באַראָמעטער: איך האָב פאַרשפּאָרט פרעגן, צי אין דרויסן שיינט די זון, צי עס איז וואָלקנדיק אָדער רעגנדיק. די פלעקן אויף מיין סטעליע האָבן מיר דאָס באַוויזן.

ווען אינדרויסן איז געווען זייער פייכט, פלעגט מיין פּאָדלאָגע אויך ווערן פייכט. און דעמאָלט פלעגט די לופט אין צימער ווערן אָנגעפילט מיט אַ גראָער פּאַרע. באַטאָג האָב איך די פּאַרע ניט געזען זען אַזוי דייטלעך, אָבער אין אָוונט האָט מען זי, דאַכט זיך, געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט.

קיין עלעקטריש ליכט איז ניט געווען. מיר האָבן געהאַט קעראָסין־לעמפּלעך, פינפער. מען צינדט אָן אַזאַ לעמפּל — און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט אַ וואָלקן. דאָס איז די פּאַרע, וואָס הויבט זיך פון די ווענט, פון דער פּאָדלאָגע און פון דעק. דורך דער פּאַרע דרינגען דורך די שטראַלן פון דעם לעמפּל און זעען אויס ווי אָפּגעטעמפּט, ווי פאַר־לוירן. זעצט זיך אוועק אויפן שטול לעבן טיש, לייענסט אַ בוך, פאַרגעסט זיך און שפּאַרסט זיך צו מיט דער זייט צו דער וואַנט — אַנדערש איז ניט מעגלעך צו זיצן, ווייל אָפּרוקן דעם טיש קען מען ניט — ווייזט זיך אַרויס,

אז דיין ארבל האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער וואַנט. דאַרפסטו אים אָפּרייסן מיט כח. בלייבט אויף דער וואַנט אַ צייכן. בלייבט אויפן אַרבל אַ שמיר גראָע פאַרב. ווילסטו זי אָפּוואַשן, צעשמירסטו זי נאָך מער.

לייגסטו זיך אין בעטל — איז דער ליילעך פייכט, וואַכקע. פאַרמאַכסטו די אויגן און עס דאַכט זיך דיר, אַז פון אַלע זייטן קריכן נעבלען צו דיר, נעמען דיך אַרום, לייגן זיך דיר אויפן האַרצן, קריכן אַריין אין דיינע לונגען און שטיקן און שטיקן...

## אכט־און־צוואנציקסטער קאפיטל

# דער שטילער קאמף ברענגט רעזולטאטן

עס איז געווען ריכטיק, וואס מיר האבן ניט אנגעהויבן קיין אקטיוון קאמף די ערשטע צייט אין לוקישקער טורמע. די נאטשאלסטווא האט נאר ארויסגעקוקט אף א געלעגנהייט אונז „אנצולערנען". וואלטן מיר אויפגע־הויבן א בונט (ראיאט) אדער, א שטיינער, זיך אפגעזאגט אריינצוגיין אין קאמער, ווען מען האט אייניקע פון אונז ארויסגעפירט שפאצירן, וואלט מען געמאכט אף אונז א בלוטיקן אנפאל. איז כאטש מיר האבן זיך דעמאלט ניט צוגויפגערעדט — מיר האבן די ערשטע צייט גארניט געהאט קיין מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן — האבן מיר אינסטינקטיוו געהאנדלט ווי די לאגע האט געפאדערט. מיר האבן ארויסגעוויזן א פאסיוון ווידערשטאנד. מיר האבן אויסגעדריקט אונזער אומצופרידנקייט. מיר האבן געוויזן, אז אונטער אזוינע באדינגונגען איז פאר אונז אוממעגלעך צו לעבן — אבער מיר האבן ניט געגעבן דער נאטשאלסטווא קיין אויסרייד צו מאכן צווישן אונז א בלוט־באד.

עס איז געווען א פראגע, ווער וועט גיכער זיך אונטערגעבן אין אט דעם, לאמיר זאגן, סאבאטאזש: דונקעל מיטן נייעם רעזשים, צי מיר. מיר האבן זיך פאקטיש געלאזט אויסהונגערן, אבער קיין אנדער ברירה האבן מיר אייגנטלעך ניט געהאט, ווייל עס איז בשום אופן ניט מעגלעך געווען צו עסן דאס געקעכטס, וואס מ'האט אונז דערלאנגט. מיר האבן אויך געשעדיקט אונזער געזונט דורך דעם, וואס מיר האבן ניט געשפאצירט. אבער וואס פאר א נוץ וואלטן מיר געהאט פון פינף מינוט שפאצירן. אזוי אז אין אמת'ן האבן מיר ווייניק וואס אנגעווארן דורך אונזער סאבאטאזש. אבער די נאטשאלסטווא האט זיך געפילט זייער אומבאקוועם, א סך אומבאקוועמער איידער מיר. דונקעל האט ניט ליב געהאט, וואס אין זיין טורמע קומט פאר א שטילער פארביסענער פראטעסט. די זאך האט ניט געקענט בלייבן אין די ווענט פון דער טורמע. ארעסטירטע זיינען ארויסגערופן געווארן צום זשאנדארמסקע פאלקאווניק — האבן זיי אים דערציילט, אז די לאגע אין טורמע איז שרעקלעך. דער געהילף פונעם פראקוראר פון דער סודיעבנע פאלאטע (געריכטס־קאמער), וועלכער האט געדארפט האבן אויפזיכט איבער די פאליטישע ארעסטירטע, האט פון צייט צו צייט באזוכט איינעם פון די

ארעסטירטע — און יענער האָט זיך, נאַטירלעך, באַקלאָגט. עס איז געלונגען אַרויסצושמוגלען די נייעס וועגן דער טורמע צו דער אונטערערדישער רעוואָ־לוציאָנערער פרעסע. אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן ריידן.

דאָס אַלץ איז געווען גוואַלטיק אומבאַקוועם פאַר דונקעל'ן. ער איז געווען אַן אַמביציעזער טשינאָווניק. ער איז אויפגעהויבן געוואָרן פון אַ געוויינטלעכן פריסטאַוו (פּאָליציי־אָפיציר) צום ראַנג פון אַ נאַטשאַלניק פון אַ גרויסער טורמע. ער האָט געוואָלט איינהאַלטן זיין רעפּוטאַציע פון אַ גוטן אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט געוואָלט ווייזן דעם גובערנאַטאָר, אַז ביי אים אין טורמע איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג.

דער סוף איז געווען, אַז ער איז געקומען צו מיר אין קאַמער און אָנ־געהויבן ריידן.

עס איז ניט געווען דער דונקעל פון דער אַנטאָסקאָליער טורמע. ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט נייער גדלות. ער האָט שיר ניט געפּלאַצט מיטן באַ־וואוסטזיין פון זיין גרויסקייט. סטייטש, נאַטשאַלניק פון דער נייער טורמע, דער צווייטער נאָך די פּעטערבורגער „קרעסטי״. אָבער ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיט מיר ווי מיט דעם פאַרטרעטער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

פאַר די אַלע דריי־פיר וואָכן איז קיין רייד ניט געווען וועגן פאַרטרעטער־שאַפט. דונקעל האָט געזאָגט, אַז די אַלע „צעלאָזנקייטן״ פון דער אַנטאָסקאָליער טורמע דאַרפן נעמען אַ סוף. אַן אַרעסטאַנט, האָט ער געזאָגט, איז אַן אַרעסטאַנט און ער דאַרף ניט האָבן קיין פאַרטרעטער. דאָס איז ניט קיין פּאַרלאַמענט און ניט קיין קאָמונע. אָבער איצט איז ער אַליין געקומען און האָט גערעדט צו מיר אַקוראַט ווי איך בין נאָך אַלץ דער פאַרטרעטער פון די חברים.

אויסגעלאָזט האָט זיך פון אַלע אונטערהאַנדלונגען אַט־וואָס. מען וועט דערלויבן, אַז מיר זאָלן האָבן אונזער איינענעם „קאַטיאָל״ (קעסל), דאָס הייסט — די טורמע וועט אונז געבן פיר קאָפּיקעס אַ טאָג, וואָס זי דאַרף אונז אויסטיילן אויף עסן (דאָס קאַזיאָנע ברויט — צוויי פונט אַ טאָג — איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר דריי קאָפּיקעס), מיר וועלן צולייגן אונזער אייגן געלט און וועלן אָרגאַניזירן אַן אייגענע קיך אונטער אונזער אייגענער אויפזיכט. מיר וועלן באַשטימען אַ חבר, וואָס זאָל איינקויפן אַלע פּראָדוקטן און פאַר־וואַלטן מיט דער צוגרייטונג פון אונזער שפּייז.

דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסער צוריקטריט פון דונקעל'ן און אַ גרויסער געווינס פאַר אונז. אָבער דאַן איז געקומען אַ צווייטער צוריקטריט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז שפּאַצירן שפּאַצירן מיר טאָקע ניט מער ווי פּופצן

מינוט אין טאָג, אָבער ערשטנס זאָלן די פופצן מינוט זיך רעכענען ריינע — פון דעם מאָמענט ווען מיר גייען ארויס אין הויף ביזן מאָמענט ווען מיר פאַרלאָזן דעם הויף — און צווייטנס זאָלן מיר האָבן אַ רעכט צו שפּאַצירן פופצן־צוואַנציק ארעסטירטע צוזאַמען און אין דער צייט זאָלן מיר קענען ריידן צווישן זיך און פאַרברענגען.

אַזוי איז דאָס געבליבן.

לויט די געזעצן פון דעמאָקראַטיע וואָלט איך געדאַרפט אַפּהאַלטן נייע וואַלן פון די אַלע חברים, וואָס זיינען איבערגעפירט געוואָרן אין דער לוקישקער טורמע. אָבער אַזוי ווי דאָס איז געווען אוממעגלעך און אַזוי ווי איך בין פריער געווען אויסגעקליבן אַלס „סטאַראָסטע" (עלטסטער, פאָרטרעטער), דעריבער האָב איך שוין געטראָגן מיין אַמט אויף ווייטער אויך. מיט מיין צושטימונג איז איינער פון די חברים, אַ גוטער „כאַזיאַיסטווענ..יק" (איינער וואָס פאַרשטייט זיך אויף געשעפטס־ענינים) אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן פּאָסט פון „שפּייזער", דאָס הייסט: ער האָט פאַרוואַלטעט איבער אונזערע שפּייז־אָנגעלעגנהייטן. אין זיינע הענט זיינען אַריינגעקומען די געלטער, וואָס דער רויטער קרייץ האָט אַריינגעשיקט. אייניקע חברים, וועלכע האָבן געהאַט פּריוואַטע געלטער, 20 רובל, האָבן אויך אַרויסגעהאָלפן, און אַזוי האָבן מיר זיך דערלעבט די צייט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן עסן כאָטש איין מאָלצייט אַ טאָג.

דאָס איז באמת געווען אַן אָרימער מאָלצייט. זופּ אָדער קאַשע פון אַרבעס אָדער גרויפּן אָדער הירזש מיט אַ שטיקל פלייש. דאָס פלייש איז געווען אַזוי גרויס ווי צוויי פינגער, אָבער פאָרט איז דער זופּ געווען צום עסן און דאָס פלייש האָט אויך געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג. פאַר אייגענע געלט האָבן מיר געקענט אויסשרייבן טרוקענע פּראָדוקטן, וועלכע מען האָט אונז געבראַכט איין מאָל אין וואָך („וויפּיסקאַ" האָט דאָס געהייסן).

די לוקישקער טורמע איז דערפון ניט געוואָרן טרוקענער. די פענצטער זיינען ניט געוואָרן גרעסער. דער נעבל פון דער פאַרע איז ניט געוואָרן דינער. אָבער די שטימונג איז געוואָרן אַ סך בעסער. די שטימונג האָט זיך געהויבן — און אין טורמע איז דאָס אַלצדינג. „מוט פאַרלאָרן — אַלעס פאַרלאָרן", זאָגט דער דייטש. אין ערגעץ איז דאָס ניט אַזוי גילטיק ווי הינטער אייזערנע גראַטעס.

מיר האָבן דערפילט, אַז אויך דאָ קענען מיר זיך דערשלאָגן הנחות. מיר האָבן געקוקט אויפן מאַנסטער, וואָס רופט זיך לוקישקער טורמע, און האָבן געזאָגט: אויך דיך קענען מיר באַזיגן. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס אונזער ווילן און אונזער אויסגעהאַלטנקייט זאָלן ניט קענען באַזיגן.

נײַן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אַ נאַכט פֿון וואַנזין

דעם טעם פֿון אײנצל־אַרעסט האָב איך דערפֿילט צום ערשטן מאָל אין דער לוקישקער טורמע. איך וועל זיך מודה זײַן: פֿון אָנפֿאַנג בין איך געווען צופֿרידן, וואָס איך וועל זיצן אַלײן. איך וועל האָבן צײַט צו לייענען, צו שטודירן, האָב איך מיר געטראַכט. אין יענער לוקישקער טורמע, אינעם ערשטן חודש פֿונעם זיצן דאָרט, האָב איך אָנגעשריבן מײַן ערשטע בעלעטריסטישע קאַמף־זאַך, ד. ה. די ערשטע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן און פֿאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ האַלב־לירישער עסקיז מיטן נאָמען: „געלעבט — געקעמפֿט”. אָבער אָט דאָס שרײַבן איז שוין געווען אַן ענטפֿער אויף דער אײנזאַמקײט, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אין דער אײנצל־קאַמער.

אַ מענטש איז אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַשעפֿעניש. דאָס איז אַן אַלטער כּלל. אַ מענטש קען ניט לעבן אָן מענטשן. עס איז אמת, אַז מיר זײַנען אַפֿילו אין לוקישקער טורמע, און אַפֿילו אין די ערשטע וואָכן, ניט געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן אײנער פֿונעם אַנדערן. ערשטנס, האָבן מיר געהאַלטן אין אײן זיך איבערשרייען פֿון די קאַמערן. דאָס האָבן מיר געטאָן סײַ דורך די פֿענצטער, סײַ דורך די טירן. די טירן האָבן זיך געפֿונען פֿונקט אַנטקעגן די פֿענצטער. ווען איר זײַט אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שטול און אונטערגעהויבן דעם קערפּער אויף די אָרעמס, האָט איר געקענט אַרויסקריכן אויפֿן פֿענצטער. דאָס פֿענצטער איז געווען ברייטער ווי העכער, זיצן אויף אים איז ניט געווען מעגלעך, אָבער מען האָט געקענט צוריקן דעם פּנים צו די גראַטעס און אַ געשריי טאָן אַ גרוס צו דעם חבר, וואָס שפּאַצירט אין הויף. אַגבֿ האָט איר זיך געקענט אויסקוועטשן מיטן פּנים צו דער טיר און דורכן „סוקערל” (אַ לעכל אין טיר, דורך וועלכן דער וועכטער האָט אַרײַנגעקוקט פֿון דער גאַלעריי אין קאַמער אַרײַן) אויסשרייען אײער וואָרט צו דעם חבר, וואָס זיצט אַנטקעגן. געוויינטלעך האָבן די וועכטער אָנגעהויבן אַ געשריי מיט

א נעוידל. אָבער דאָס האָבן מיר טאַקע געוואָלט. דאָס האָט געבראַכן דעם נעסענגעניש־מאַנאַטאָן.

שפּעטער אביסל האָבן מיר זיך אויסגעלערנט קלאַפּן. דאָס קלאַפּן ווערט געטאָן אזוי. דער אלף־בית ווערט אויסגעשטעלט אין א סיסטעם פון קעסטע־לעך מיט ציפערן. יעדער בוכשטאַב ווערט אויסגעקלאַפּט לויט זיין פּלאַץ אין דער נעץ.

| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | א | ב | ג | ד | ה |
| 2 | ו | ז | ח | ט | י |
| 3 | כ | ך | ל | מ | ם |
| 4 | נ | ן | ס | ע | פּ |
| 5 | ף | צ | ץ | ק | ר |
| 6 | ש | ת | | | |

למשל, אויב איר ווילט קלאַפּן דעם בוכשטאַב „ב", קלאַפּט איר 1—2. דאָס באַדייט שורה 1, בוכשטאַב 2. אויב איר ווילט קלאַפּן דעם בוכשטאַב „מ", קלאַפּט איר 3—4, באַדייט עס שורה דריי, בוכשטאַב פיר. אויב איר ווילט קלאַפּן דעם בוכשטאַב „פּ", קלאַפּט איר 4—5, הייסט ער שורה פיר בוכשטאַב פינף. (מיר האָבן געקלאַפּט אַף רוסיש, אָבער די סיסטעם איז די זעלבע.) יעדער בוכשטאַב ווערט אויסגעקלאַפּט דורך צוויי ציפערן. פון די בוכשטאַבן ווערן צונויפגעשטעלט ווערטער. ווען מען איבט זיך א ביסל, קען מען קלאַפּן גאָר שנעל. דאָס קלאַפּן הערט זיך פון קאַמער צו קאַמער און אפילו פון שטאָק צו שטאָק. דורך אָט דער סיסטעם פלעגן מיר זיך דורכריידן און פלעגן איבערגעבן אַלע נייעס.

אליין, הייסט עס, בין איך ניט געווען. שטענדיק האָב איך געפילט אַרום זיך די חברים. שטענדיק האָט מען געהערט א קלאַנג פון טריט, א שטים,

וואָס רופט, אַ געזאַנג פון איינעם אָדער אַ צווייטן, כאָטש זינגען איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

פלעגן אָבער קומען נעכט — און די נעכט האָבן זיך אָנגערוקט ווי אַ שוואַרצער זאַק, און די איינזאַמקייט פלעגט זיך אָוועקלייגן אַפן האַרצן און דריקן.

איינמאָל האָט מען צו אונז אין טורמע געבראַכט אַ משוגענעם. ער איז ניט געווען קיין פּאָליטישער. ער איז געווען אַ קרימינעלער. מען האָט אים ניט געטאָרט האַלטן אין טורמע. ער האָט געהערט אין משוגעים־הויז. אָבער צוויי טעג און צוויי נעכט האָט ער פאַרבראַכט בײַ אונז — און איך זאָג אײַך דעם אמת, וואָלט ער געבליבן לענגער, וואָלטן אייניקע פון אונז געווים אַראָפּ פון זינען.

דער מענטש איז ניט געשלאָפן די גאַנצע צײַט. זיין מויל האָט זיך אים קיינמאָל ניט פאַרמאַכט. ער האָט נאָכאַנאַנד גערעדט, געוויינט, געקלאַגט זיך, געשריגן, גערעוועט, געריסן דעם באַלקן. עס איז בײַ אים, דאַכט זיך, געווען אַ סיסטעם אַזאַ. פריער האָט ער גערעדט: האַרציק, ווייך, ליבלעך, ווי אַ פריינט באַקלאָגט זיך פאַר אַ נאָענטן פריינט. עס איז שווער געווען צו דערגיין, אַף וואָס ער קלאָגט זיך, אָבער מען האָט געקענט הערן, אַז ער פילט זיך שטאַרק געערגערט, געקריוודעט, באַליידיקט. נאָכדעם האָט ער געהויבן די שטימע און גענומען וויינען אַף אַ קול, — אָבער ווי געוויינט! מיט אַ כליפּ, מיט אַ פאַרגיין זיך, מיט אַן אויסגעצויגענעם קוויטשנדיקן „אוי". נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו די העכערע אָקטאַוועס. ער האָט געהאַט אַ סך וואָס אויפצוואַרפן אימיצן. ער האָט געשריען מיט רוגזה, מיט היץ, מיט אַ ברען, ווי איינער וואָס פאָדערט פון אימיצן אַ חוב. שפּעטער פלעגן זיינע קולות ווערן נאָך העכער, נאָך דורכדרינגענדיקער, ביז ער פלעגט זיך אַזוי ווי איבעררייסן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן רעווען, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. שוין ניט געווען קיין ווערטער, שוין ניט געווען קיין קלאָגן זיך, נאָר אַ רעווע נאָך אַ רעווע, וואָס רייסט זיך פון דער טיפעניש פון דעם האַרצן און וואָס איז שוין גאָר ניט ענלעך אַף אַ מענטשלעכער שטימע. ווען דער קראַנקער פלעגט זיך אַזוי אָנרעווען ביז ער האָט שוין, קענטיק, ניט געהאַט קיין כח, פלעגט ער ווידער אָנהויבן זיין שטיל ריידן, ווי אַ פריינט צו אַ פריינט.

דער אַרעסטאַנט איז געזעסן ניט ווייט פון מיין קאַמער. איך בין דעמאָלט געווען יונג. איך בין געווען אַ גוטער שלאָפער. איך האָב זעלטן דורכגעלאָזט אַ נאַכט שלאָף אין טורמע. אָבער יענע צוויי נעכט, ווען דער משוגענער האָט

אַנגעפּילט אונזער פּליגל מיט זיינע ווילדע געשרייען און רעוועריען, זיינען פאַר מיר געווען אַן אמת'ער קאַשמאַר.

די וועכטער — אייניקע האָבן אים געפּרואווט באַרואיקן, אַנדערע האָבן אים געפּרואווט שלאָגן. אָבער ניט איינס, ניט דאָס אַנדערע האָט געהאָלפן. דער משוגענער איז געווען אין אַזאַ וועלט, וואו מען האָט אים ניט געקענט דערגרייכן. דער איינדרוק איז געווען, אַז די קלעפּ רירן אים ניט און די ווערטער דערגרייען ניט צו זיין געהער.

מיר האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלאַפּעניש. אַלעמאָל, ווען די נערוון פון די אַרעסטירטע זיינען געוואָרן אָנגעצויגן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלאַפּעניש. עס איז געווען אַ גליק, וואָס מען האָט אים באַלד צוגענומען פון אונז.

## דרייסיקסטער קאַפּיטל

# מען האָט אונז אוועקגעיהרגעט פּלעווען

ס׳איז אַ וואונדערבאַרער געפיל! איר זיצט אין טורמע און איר ווייסט, אַז טויזנטער חברים אַף דער פרייַ רוקן די רעוואָלוציע פאָראויס, אַרבעטן פאַר אייער באַפרייאונג. איר קעמפט, וויפיל איר קענט, מיט דער צאַרישער רעגירונג אין דער געשטאַלט פון דער טורמע־נאַטשאַלסטוואָ — און איר ווייסט, אַז די רעוואָלוציע קומט אַלץ נעענטער און אַז עס איז שוין ניט וויט די צייט, ווען אָט־דער גאַנצער רעזשים וועט אַרונטערגעריסן ווערן און אַרויסגעוואָרפן ווערן אין מיסט־קאַסטן. איר טוט וויפיל איר קענט צו העלפן דער אַרבעט אַף דער פרייַ — דורך אויסאַרבעטן קאַדרען, דורך פּאָליטישער דערציאונג פון די אַרעסטירטע, דורך מיטאַרבעטן אין דער אומלעגאַלער פּרעסע — און איר ווייסט, אַז אייער חלק איז אויך דאָ אין דער גרויסער הערלעכער אַרבעט.

דאָס ווייסט ניט נאָר איר, דאָס ווייסן אויך אייערע אויבערהערשער, די, וואָס האַלטן אייך פאַרשפּאַרט. זיי האָבן דערוויל די מאַכט; איר זייט אין זייערע הענט — אָבער די גייסטיקע אויבערמאַכט איז אייערע. איר קוקט אַף זיי און טראַכט זיך: אייערע יאָרן זיינען סוף כל סוף געציילטע. נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר — איר וועט גיין. מיר, די היינטיקע אַרעסטאַנטן, וועלן דערלעבן די גרויסע פרייהייט. דאָס האָבן מיר זייער שטאַרק געפילט אין יענעם זומער פון 1904.

עס איז נעגאַנגען די מלחמה מיט יאַפּאַן. די מלחמה איז געווען איין גרויסע מפּלה פאַר די צאַרישע אַרמייען. אָנגעהויבן האָט מען זי צוליב דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געוואָלט אויסשפּרייטן איר הערשאַפט וואָס ברייטער אָפן ווייטן מזרח, אַף די ברעגן פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן, בשעת די יאַפּאַנעזישע רעגירונג האָט געזוכט צו באַפעסטיקן דאָרט איר ממשלה. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער ערשטער ליניע ווען קאָרעע, וואו די יאַפּאַ־נעזישע אימפּעריאַליסטן זיינען שוין געשטאַנען מיט אַ פעסטן פוס און וואו די צאַרישע רעגירונג האָט געוואָלט קריגן די אויבערמאַכט. אין מאַנדזשוריע

האָט דער צאַר שוין געהאַט די אויבערמאַכט. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך נײַ־יאָר 1904, אין פעברואַר 1904 — און אָנגעהויבן האָט זי זיך דערמיט, וואָס יאַפּאַנעזישע קריג־שיפן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דער רוסישער פלאָטן־באַזע פון פּאָרט־אַרטור און האָבן אויפגעריסן אַ גאַנצע רײ קריג־שיפן. די רוסישע אָפיצירן האָבן דעמאָלט געהאַט אַ באַנקעט אויפן ברעג — און קיין וואָך איז אין האַפן אַזוי נוט ווי ניט געווען. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אומגליקלעכע מלחמה — אומגליקלעך פאַרן צאַריזם און גליקלעך פאַר דער רעוואָלוציע.

ווען דער צאַריזם האָט אָנגעהויבן די מלחמה, האָט ער געקוקט אויף די יאַפּאַנעזער מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג. מען האָט זיי אַפילו ניט גערופן „יאַפּאָנטשיקי"; מען האָט זיי גערופן „מאַקאַקי" — אַזעלכע קלײנע מאַלפּע־לעך. עס האָט געהייסן, אַז „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם" — מירן זיי פאַרוואַרפן מיט די היטלען. ווען עס איז אָבער געקומען צו די שלאַכטן, האָבן די „מאַלפּעלעך" אָנגעהויבן געבן אַזעלכע קלעפּ און בוכצעס און סטוסאַקעס, אַז דער רוסישער קאָלאָס האָט זיך אָנגעהויבן צאַפּלען און וואָרפן און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

אין דער זעלביקער צייט איז געוואַקסן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

מיר אין טורמע פלעגן באַקומען די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און מיר האָבן כּסדר געלייענט: דאָ אַ סטרייק, דאָ אַ גרויסע אומלעגאַלע מאַסן־פאַרזאַמלונג, דאָ אַ נײַער סטרייק, דאָ אַ דעמאָנסטראַציע, דאָ אַן אָפּזאָג פון רעקרוטן צו גיין אין דער מלחמה, דאָ אַן אָנפאַל אויף אַרבעטער, דאָ נײַ־געגרינדעטע נײַע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — און דאָ אַ וואַקסנדיקער פּראָטעסט צווישן דער בורזשואַזער אינטעליגענץ און אַפילו צווישן אַ גרויסן טייל פון דער בורזשואַזיע גופא.

די דאָזיקע נײַעס, צוזאַמען מיט די ידיעות וועגן די מפּלות אויפן ווייטן מזרח, האָבן אונז כּסדר געהאַלטן אין אַ פרייַלעכער, אָפּטימיסטישער שטימונג.

צוליב דער מלחמה האָבן מיר זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל צו אונז אַרײַנ־לאָזן לעגאַלע צײַטונגען. דאָס איז נעטאָן געוואָרן כּלומרשט צוליב פּאַ־טריאָטישע צוועקן. זײַענדיק בירגער פון רוסלאַנד, האָבן מיר געזאָגט, און וועלנדיק, נאַטירלעך, וויסן וואָס עס קומט פאָר אויף די שלאַכטפעלדער, מוזן מיר האָבן צײַטונגען. דונקעל האָט זיך אַ קווענקל געטאָן און האָט דערלויבט אַרײַנצולאָזן, ערשטנס, די ווילנער טעגלעכע צײַטונג „ווילענסקי וועסטניק", צווייטנס, די מעסיק־ליבעראַלע מאָסקווער צײַטונג „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי". איך אַלס דער אויפזעער און דער ביבליאָטעקאַר האָב געדאַרפט פאַנאַנדער־

טילן די ציטונגען צווישן די חברים, אזוי אז קיינער זאָל ניט געקריוודעט ווערן. דאָס איז, אגב, נאָר ניט געווען אזוי לייכט.

איך האָב פארגעסן דערציילן, אז בא אונז איז געווען א טורמע־ביבליאָטעק. געגרינדעט האָט זי זיך אזוי: אין שטאָט האָט עקזיסטירט א גרויסע בוכהאנדלונג מיט א זייער גרויסער לייביבליאָטעק פון איינעם סירקין. אין דער לייביבליאָטעק האָט זיך אָנגעזאמלט א מאסע געשעדיקטע ביכער — אזוינע, וואו עס האָט געפעלט א בלעטל אָדער צוויי. אויסלייען זיי האָט מען שוין ניט געקענט, אָבער ארויסוואַרפן איז געווען א שאָד. האָט סירקין די אלע ביכער אוועקגעשענקט דער טורמע. (איך שטעל מיר פאָר, אז ער האָט סימפאטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. א געוויסע ראָלע האָט מסתמא געשפּילט זיין הויפּט־פּראָוואַלטער, מיט וועלכן איך האָב זיך נאָכדעם באקאנט פּערזענלעך און וועלכער איז נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן איינער פון די טוער אין די מלוכה־פּארלאַגן פון דעם סאָוועטן־פּארבאנד.)

זייענדיק סטאַראָסטע, בין איך אויך געווען ביבליאָטעקאָר. צוליב דעם האָב איך שוין יעדן טאָג געדאַרפט ארויסגיין אַף א שעה אונטער דער אויפזיכט פון א וועכטער און פאַנאנדערטיילן די ביכער. מיר האָבן אויך ארויסגערופן אונזערע איינענע ארעסטירטע איינבינדער און מיט זייער הילף איבערגעבונדן די ביבליאָטעקס אזוי, אז די ביכער זאָלן זיך ניט רייסן שנעל.

נו, קומט איין מאָל א טאָג — און מען גיט אונז ניט קיין ציטונגען. א צווייטער טאָג, א דריטער — ניטאָ קיין ציטונגען. וואונדערן מיר זיך. פרעגן מיר די שליסער. פרעג איך, ענדלעך, דונקעל'ן. איז ניטאָ קיין ענטפער. עפּעס גייען זיי מיר ארום געהיימניספול — און זאָגן זאָגן זיי נאַרניט. גייען אוועק אזוי גאנצע זיבן טעג. טראכטן מיר זיך, אז עפּעס האָט געמוזט פּאסירן זייער וויכטיקס אין דער פּאָליטיק פונעם לאנד.

זונטיק זיינען געקומען באזוכער צו איינעם פון די חברים און האָבן אונז דערציילט די נייעס. בליץ־שנעל איז דאָס איבערגעגעבן געוואָרן אָפּן טורמע־טעלעגראַף פון קאַמער צו קאַמער.

אַף מאָרגן, ווען דונקעל איז געקומען מיט מיר זיך דורכריידן וועגן די לויפנדיקע עניינים, זאָג איך אים:

— נאָספּאָדין נאַטשאַלניק, אויב איר גיט אונז ניט קיין ציטונגען, ווייל איר ווילט ניט, אז מיר זאָלן וויסן, אז א רעוואָלוציאָנער האָט דערמאָרדעט פּלעווע'ן, איז דאָס אַן אומנויטיקע פּאָרזיכט. מיר ווייסן דאָס שוין.

דונקעל איז געוואָרן העכער פון מיר. ווען איך האָב צו אים גערעדט, האָב איך געדאַרפט ארויפקוקן צו זיין רויטן פּרצוף. אָבער איצט האָב איך בוכ־

שטעבלעך געזען, ווי אזוי ער ווערט איינגעשרומפּן. אַ קרומער שמייכל האָט זיך באוויזן אַף זיינע ליפּן. ער רעדט ארויס זויערלעך:

— נו, מילא. אַז איר ווייסט איז פאַרפאַלן.

איבער דונקעל׳ן איז געשטאַנען דער גובערנאַטאָר. איבער אַלע גובער־נאַטאָרן איז געשטאַנען דער אַלמעכטיקער אינערן־מיניסטער און פּאָגראָם־מייסטער פאָן פּלעווע. די הענט פונעם רעוואָלוציאָנער סאַזאָנאָוו האָט געוואָרפן אַ באָמבע און אויפגעריסן פּלעווע׳ן. קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ גרעסערע פרייד פאַר פּאָליטישע ארעסטירטע?

## איין־און־דרייסיקסטער קאפּיטל
# פרייד פון זיג אין לוקישקער טורמע

ווי אן עלעקטרישער שטראָם האָט אונז אַלעמען דורכגענומען די נייעס, אַז דער אַלמעכטיקער פּלעווע איז אומגעקומען פון דער האַנט פון אַ רעוואָל־לוציאָנער. מיטאַמאָל האָבן מיר זיך דערפילט אַזוי שטאַרק, אַזוי מעכטיק, אַקוראַט ווי די ווענט פון דער געפענגעניש וואָלטן מער ניט געשטאַנען פאַר אונזערע אויגן.

פּלעווע ! דער נאָמען האָט אָנגעוואָרפן שרעק אַף דער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד. דער נאָמען האָט אַרויסגערופן האַס און גאַליקע פאַראַכטונג סיי צווישן רעוואָלוציאָנערן, סיי צווישן ליבעראַלן. פּלעווע — דאָס איז געווען דעם צאַר'ס ענטפער אַף דער וואַקסנדיקער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די מאַסן. פּלעווע — דאָס האָט געהייסן געהיים־פּאָליציי, זשאַנדאַרמען, שפּיאָנאַזש, פּראָוואָקאַציע, פּאָגראָמען.

דער מענטש, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּאָסט פונעם צאַרישן אינערן־מיניסטער פאַר פּלעווע'ן, איז געווען איינער מיטן נאָמען סיפּיאַגין. האָט מיט אים נעבעך אויך געטראָפן אַן אומגליק. דער סטודענט באַלמאַשאָוו (וועמען איך האָב, אַגב, געקענט און ליב געהאַט אין קיעווער אוניווערזיטעט — אַ פאַראַכטפולער יונג פון סיביר, מיט אַ ליידנשאַפט אַזוי טיף ווי די סיבירער טייכן און מיט אַ ווילן שטאַרק ווי אייזן) — האָט אים דערשאָסן. געשען איז דאָס זייער איינפאַך, כמעט צו איינפאַך. באַלמאַשאָוו, אַ הויכער, בלאָנדער בחור, אַ טיפּישער רוסאַק, האָט זיך אָנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון אַן אָפיציר און איז געקומען אַפן עמפאַנג צו סיפּיאַגינ'ען. ער האָט זיך גע־מעלדעט אַלס פּאָלקאָווניק דער און דער — און נאָך אַ שטיקל וואַרטן האָט מען אים אַריינגעלאָזט. ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ רע־וואָלווער, אויסגעשאָסן און געטויט דעם מיניסטער אַפן אָרט. דערפאַר האָט ער אַליין באַצאָלט מיטן לעבן. דער צאַר, וועלכער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין מאַסן־באַוועגונג, ניט פאַרשטאַנען די שטימונג פונעם פאָלק, נאָר גע־

פילט זייער שטארק די געפאר פון א קויל, האט באשלאסן אוועקצושטעלן אפן פאסטן פונעם אינערן־מיניסטער — פלעווע׳ן.

דער אינערן־מיניסטער — דאס איז געווען אזוי ווי א פרעמיער אין אנדערע לענדער. ער האט געהאט אונטער זיין אויפזיכט די גאנצע ארדענונג פונעם לאנד.

נו, פלעווע איז ניט געווען קיין נייער מענטש אין דער רוסישער פאליטיק. ער איז געווען דער קאמאנדיר פון דעם קארפוס זשאנדארמען אין א משך פון לאנגע יארן. דאס האט ער נאך אין די אכציקער יארן דורכגעפירט די מערדערלעכע אונטערדריקונג פון דער רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע „נאראדנאיא וואליא" ((פאלקס־ווילן), וואס האט דעם ערשטן מערץ 1881 אויסגעפירט די טויט־שטראף איבערן צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן. פלעווע האט די ארגאניזאציע פאקטיש פארניכטעט ניט נאר מיט דער הילף פון שפיאנען, נאר אויך מיט דער הילף פון פראוואקאטארן. אונטער זיין פירערשאפט האט ניקאלאי געשלאסן א באזונדערע ליבשאפט מיטן קארפוס זשאנדארמען. איינמאל, אף א באגעגעניש מיט די העכסטע אפיציערן פון דעם קארפוס (אין דעצעמבער, 1901), האט ניקאלאי געזאגט: „עס פרייט מיך זייער אייך צו זען, מיינע הערן. איך האף, אז דער ענגער בונד, וואס איז היינט איינגעשטעלט געווארן צווישן מיר און דעם קארפוס זשאנדארמען, וועט ווערן שטארקער פון יאר צו יאר." מיר, רעוואלוציאנערן, האבן גוט געקענט אט דעם ניקאלאיעווסקע פסוק. מיר האבן אים איבערגע׳חזר׳ט אין אונזער פראפאגאנדע. מיר האבן קלאר געמאכט פאר די מאסן, וואס דער קארפוס זשאנדארמען באדייט.

איז פלעווע געווארן אינערן־מיניסטער נאך דעם טויט פון סיפיאגינ׳ען. פלעווע האט זיך קודם־כל פארנומען דערמיט, וואס ער האט אריינגעקראגן א זייער וויכטיקן פראוואקאטאר, אזעוו׳ן. דאס איז געווען אן אינזשעניער, וועלכער האט געארבעט אין דער פארטיי סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, אין איר טעראריסטישער אפטיילונג. ער האט דאס געדארפט באשטימען, וועמען מען זאל דערשיסן אדער אויפרייסן מיט א באמבע. ער איז געווען א מיטגליד פונעם צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן און אין דער זעלביקער צייט א געטרייער דינער פון ניקאלאי דעם צווייטן אונטער דער פירערשאפט פון פלעווע׳ן.

אן אנדער אקט פון דעם זעלביקן פלעווע׳ן איז געווען — דורכפירן א שוידערלעכן אידישן פאגראם. דאס איז געווען דער קישינעווער פאגראם פון דעם פרילינג 1903. אויך דאס איז ניט געווען קיין נייעס בא פלעווע׳ן. ער

איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן — אויך אַלס אַ מיטל צו באַקעמפן די רעוואָלוציע. מיר רעוואָלוציאָנערן האָבן אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז אַ פּאָגראָם קומט ניט „פון זיך", אַז דאָס איז אַן אָרגאַניזירט שטיקל אַרבעט פון דער אָכראַנקע (געהיים־פּאָליציי) מיט דער הילף פון דעם, וואָס מען רופט אין אַמעריקע אונטערוועלט־מענטשן, און מיט דער הילף פון דער אָפענער פּאָליציי. די פאַרשטאַרקונג פון דער געהיים־פּאָליציי אונטער פּלעווע'ס אויפזיכט, דער קישינעווער פּאָגראָם און די דראָענדיקע געפאַר פון נייע פּאָגראָמען האָבן פּלעווע'ן געמאַכט פאַר־האַסט סיי צווישן אידן, סיי צווישן אַרבעטער, סיי צווישן ברייטע שיכטן פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

נאָך אַן אויפטו פון פּלעווע'ן זיינען געווען די דאָרפישע סטראַזשניקעס. ווען איך וואָלט דאָס געדאַרפט איבערזעצן אויף ענגליש, וואָלט איך דאָס גע־רופן „קאָנסטעבּיולערי". פּלעווע האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז אין דאָרף איז ניטאָ געגוג פּאָליציי. אמת, ס'איז דאָ אַ „סטאַראָסטע" און „סטאַרשינאַ" (עלטער־סטער), אָבער זיי זיינען אויך פּויערים, דערצו נאָך אויסגעקליבענע, האָט מען זיך אויף זיי ניט געקענט איינגאַנצן פאַרלאָזן. ס'זיינען געווען די אַזוי־גערופענע „זעמסקע נאַטשאַלניקעס" — פּריצים־לאַנדבאַזיצער, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליצייאישע אויבערהאַרן איבערן דאָרף. אַזאַ זעמסקי נאַ־טשאַלניק האָט געקענט אַרעסטירן אַ פּויער און ער האָט אַפילו געקענט אים היימן געבן שמיץ. אָבער ער איז געווען איינער אויף אַ פּאָר צענדליק דערפער. איז אַט, כדי צו קענען אַכטונג געבן אויף יעדן טריט פונעם פּויער, האָט פּלעווע איינגעפירט אַזאַ מין ספּעציעלע פּאָליציי, די דאָרפישע סטראַזשניקעס (אַכטונג־געבער), וועלכע זיינען אַרומגעפאָרן אויף פערד איבער די גאַסן פון די דערפער און צווישן איין דאָרף און אַנדערן און געזוכט די „קראַמאָלע" (רעוואָלט).

דאָס איז טאַקע נויטיק געווען אויך — פאַרן צאַריזם. וואָרים אום זומער פונעם יאָר 1902 האָבן די פּויערים פון פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס פּלוצלונג אויפגעהויבן אַ רעוואָלט קעגן זייערע פּריצים, אונטער־געצונדן עטלעכע פּריצישע הויפן, צוגענומען פון די פּריצישע שטאַלן אַ גאַנצע מאַסע קי און פערד און זיך גענומען טיילן מיט דער פּריצישער ערד. זיי האָבן געהאַט אַ מאָדנע פאַרשטעלונג, אַט־די פּויערים, אַז „די ערד געהערט צו גאָט און צום פאָלק" — און ניט צו די פּריצים. מען האָט זיי דערפאַר שטאַרק באַשטראָפט, אָבער קלאָר איז געווען: ס'ווערט אומרואיק אין רוסישן דאָרף. דאָס דאָרף איז געוואָרן אומרואיק.

פּלעווע האָט דאָס געדאַרפט זיין דער מלאך הגואל סיי קעגן די טע־

ראַריסטן (וועלכע זיינען באמת געווען נאַרנים געפערלעך דער גאַנצער סאָציאַלער סיסטעם, נאָר וועלכע האָבן שטאַרק דערקוטשעט דעם צאַר מיט זיינע מיניסטאָרן און גובערנאַטאָרן), סיי קעגן דער פויערים־באַוועגונג (וועלכע איז דווקא יאָ געווען געפערלעך פאַר די פריצים און פאַרן צאַר, דעם „ערשטן צווישן די פריצים"), סיי קעגן דער ארבעטער־באַוועגונג (וועלכע האָט זיך געשטאַרקט אַלץ מער און וועלכע האָט אום זומער פון 1903 אויסגעבראָכן אין אַ גענעראַל־סטרייק אין דרום־רוסלאַנד — וואָס דאָס איז שוין געווען גאָר געפערלעך פאַרן צאַריזם, פאַר די פריצים און פאַר די קאַפּיטאַליסטן).

קומט צו אונז אין טורמע די נייעס, אַז אָט־דעם פּלעווע'ן, אָט־דעם מיניסטער־פּראָוואָקאַטאָר, מיניסטער־פּאָגראָמשטשיק, מיניסטער־שפּיאָן, מיניסטער־אונטערדריקער, מיניסטער־הענקער פונעם רוסישן פאָלק, האָט מען אָפּגעראַמט פונעם וועג. אַי, איז דאָס געווען אַ פרייד פאַר אונז! אַי, האָבן מיר געגליט אין אונזערע קאַמערן, ווי מען וואָלט אין יעדן איינעם פון אונז אַריינגעשטעלט אַ זון! אַי, זיינען אונזערע טריט געוואָרן זיכערער, אונזערע אויגן ליכטיקער, אונזערע קעפּ העכער און אונזערע ווערטער—וואָגיקער! אַי, האָבן מיר געקוקט מיט אַ פאַרטאַיעטן שמייכל אויף אונזערע וועכטער, אויף אונזער נאַטשאַלניק און אויף דער גאַנצער פּאַסקודנער טורמע־באַליאַסטרע! אַי, איז דאָס געווען אַ פרייד! אַי, איז דאָס געווען אַ נחת! הלוואי אויף אַלע רעוואָלוציאָנערן אין אַלע טורמעס פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַלד אַ העלפט פון אַזאַ נצחון־געפיל.

צוויי־און־דרייסיקסטער קאפיטל

# מיר זעען זיך מיטן טויט אין לוקישקער טורמע

געשטאָרבן איז פון אונז קיינער ניט אין יענע וואָכן. אָבער מיטן טויט האָבן מיר זיך געזען עטלעכע מאָל פנים אל פנים.

געווען איז דאָס אַזוי. מיר זיינען אַ ביסל געוואָרן „צעלאָזט". די נייעס וועגן דעם, אַז עס רודערט זיך אויף דער וועלט, האָט פאַרשטייט זיך, אָפּגעשוואַכט די טורמע־דיסציפּלין, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען צו־שטאַרק צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. פּראָסט־פּשוט, מיר האָבן געקוקט אויף דער גאַטשאַלסטוואָ מיט ביטול. יענע, פון איר זייט, האָט ניט געוואָלט ליידן, וואָס מיר ווערן „פרעך", וואָס מיר לאָזן זיך ניט בויגן, וואָס מיר רייסן זיך „ווי הינט אויף אַ קייט" (אַזוי האָט זיך טאַקע אויסגעדריקט דונקעל, שרייענדיק אויף איינעם פון אונזערע חברים). האָבן די מאַכט־האָבער באַשלאָסן, אַז מען דאַרף „פאַרשרויפן די האַיקעס (ריוועטס) אַ ביסל שטייפער", כדי מיר זאָלן דערפילן, אַז עס דריקט. אַזוי האָבן זיי טאַקע געזאָגט עפנטלעך: פאַר־שרויפן וואָס שטייפער די האַיקעס.

דאָס האָט געהייסן, אַז די אויפזעער האָבן גענומען שרייען פאַר יעדער קלייניקייט. ס'איז געווען אַ „קוקערל" אין דער טיר. די טיר איז געווען ווי אַלע טירן: זי האָט זיך פאַרהאַקט אויף אַ שלאָס. ווען דער שלאָס האָט זיך צוגעשלאָסן, האָט זיך געהערט אַ קלונג. עפענען די טיר פלעגט מען נאָר דעמאָלט, ווען מ'האָט נעדאַרפט אַרויספירן דעם אַרעסטאַנט אָדער ווען מ'איז געקומען מאַכן אַ זוכונג אין זיין קאַמער. אַלע איבעריקע פאַר־בינדונגען צווישן דעם אַרעסטאַנט און דער אויסנוועלט פלעגן פאָרקומען דורכן פענצטערל אין דער טיר. דאָס איז געווען אַ מין טירל פון אַנדערהאַלבן שפאַן די לענג און אַנדערהאַלבן שפאַן די ברייט. דאָס טירל האָט זיך גע־עפנט אויף זאַוויעסעס פון אויבן אַרונטער, אין דרויסן אַרויס. ווען מען פלעגט דאָס אויפמאַכן, האָט זיך געבילדעט אַ קוואַדראַטנער לאָך, דורך וועלכן אַ וועכטער האָט קוים געקענט אַריינשטעקן דעם קאָפּ. דורך אָט דעם פענצטערל פלעגט מען אונז דערלאַנגען דעם „קיפּיאַטאָק" ((הייסע וואַסער אויף טיי, וואָס

איז קיינמאָל ניט געווען הייס, נאָר דערפאַר האָט זי געשמעקט מיט בעזעמ־לעך) און דאָס שיסעלע מיטן „אַביעד".

אין דעם פענצטערל אינמיטן איז געווען אַ לעכל, די גרויס, לאָמיר זאָגן, פון אַ פופציק־סענטיקער זילבערנער מטבע, דורך וועלכן דער וועכטער פלעגט אַריינקוקן צו אונז אין קאַמער פון דער גאַלעריי אין דרויסן. זיצסט אַזוי מיטן פּנים צום פענצטער און לייענסט אָדער טראַכסט אָדער פאַרריכסט זיך די הויזן אָדער פאַרנעמסט זיך מיט אַן אַנדער טורמע־אַרבעט און דערפילסט זיך אומרואיק. אַקוראַט ווי עפּעס וואָלט נעקראָכן אויף דיין פּליצע. ווייסט ניט, וואָס דאָס איז, אָבער פילסט זיך עפּעס לאַ־עליכם'דיק. טוסט דיין אַרבעט און פילסט אַלץ מער, אַז דיר איז ניט גוט. קיין זאַך איז, דאַכט זיך, ניט געשען, אָבער ס'איז דיר פּריקרע. ענדלעך קוקסטו זיך אַרום און זעסט, אַז אַן קוקערל שטייט אַן אויג. דאָס קוקערל איז ניט גרעסער פונעם אויג. באַקומט זיך ווי די מיר וואָלט אויף דיר געקוקט מיט אַן אויג, וואָס איז אַריינ־געפּאַסט אין דעם קיילעכדיקן לעכל.

האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, פיינט געהאַט די קוקעניש. פלעגן אייניקע פאַרהענגען דעם לאָך פון אינעווייניק מיט אַ שטיקל פּאַפּיר אָדער אַ לייוונט. איז אַמאָל פלעגן זיך די וועכטער מאַכן ניט־ווייסנדיק. אָבער איצט, אַז ס'איז באַשלאָסן געוואָרן „צו פאַרשטייפן די שרויפן", האָט מען זיך גענומען טשעפּען. ווייבאַלד אימיצער האָט פאַרהאַנגען דאָס קוקערל, איז ער שוין אַ פאַרברעכער. הויבט מען אים אַן שלעפּן אין קאַנטאַר. זידלט אים דער שליסער און עס שרייט אויף אים דער אויבערשליסער און עס טופּעט אויף אים מיט די פּיס דער טורמע־נאַטשאַלניק דונקעל, און ער איז נאָך גליקלעך, אויב מען זעצט אים ניט אַריין אין קאַרצער. ווערן דאָך די חברים אומרואיק, הויבן זיי אָן קלאַפּן, הויבן אָן די וועכטער אַרומלויפן ווי פאַר'סמ'טע מייז, קלינגען זייערע געקאָוועטע שטיוול אויף די שטאָלענע בּרעג צווישן איין גאַלעריי און דער צווייטער, ענטפערן די חברים אויף אַ זידל־וואָרט מיט אַ קללה, אויף אַ באַליידיקונג מיט אַ צאָרן־אויסרוף. ווערט די טורמע אָנגעפילט מיט אומרו.

דער עיקר האָט מען זיך גענומען צו דעם ריידן דורך די פענצטער. די פענצטער האָבן זיך געפונען אונטערן באַלקן. זיי זיינען געווען נידעריק און ברייטלעך. באַלד האָבן מיר אויסגעפונען, אַז ווען מען קאַרטשעט זיך צונויף אַזוי, אַז די קני קומען אויס לעבן קין, איז מעגלעך צו ליגן אויפן פענצטער. די פיס סטאַרטשען דעמאָלט אַרויס פון היינטן אויף אַ זייט — אָבער וועד קוקט זיך אום אויף די פיס? מיר האָבן אויסגעפונען, אַז ליגנדיק אַזוי אויפן

פענצטער, קען מען ריידן מיטן שכן אין דער נעקסטער סאמער זייער געמיט־לעך. מען האָט אפילו ניט געדאַרפט העכערן די שטים. די שמרעקע איז געווען ניט מער ווי, לאָמיר זאָגן, אַ פינף־זעקס פוס. איז אויב ער ליגט אויך אַפן פענצטער מיטן קאָפּ אהער, בשעת איר ליגט אַפן פענצטער מיטן קאָפּ אהין, קענט איר זייער גוט פירן אַ געשפּרעך.

גו, האָבן די וועכטער פון אונטן, דאָס הייסט די וועכטער, וואָס זיינען געשטאַנען אין הויף, גענומען פאָדערן: „אַראָפּ פון די פענצטער!"

זיי האָבן דאָס געפאָדערט פריער אויך, אָבער ס'איז געווען אַזוי: אַ וועכטער טוט אַ רוף, קריכן מיר אַראָפּ, מיר לאָזן דורך אַ פּאָר מינוט און קריכן ווידער אַרויף און הויבן אָן ריידן. דעם וועכטער ווערט מיאוס צו שרייען — און אונז ווערט גאָר ניט מיאוס צו ריידן. און אַזוי איז דאָס געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט.

מיין שכן פון רעכטס איז געווען חבר אנדרעי. מיט אים האָבן מיר זיך זייער נאָענט באַפריינדעט אין טורמע. ער איז געווען אַן אַלטער רעוואָלוציאָ־נער, ניט אַלט אין יאָרן — קוים אַריבער דרייסיק — אָבער אַלט אין דער־פאַרונג. ער האָט געשטאַמט פון טיף־ראַסעיע און איך האָב געוואוסט, אַז דער נאָמען, וועלכן ער טראָגט אין טורמע און וועלכן די זשאַנדאַרמעריע האָט ניט פאַרדעכטיקט, איז געווען אַ פאַלשער נאָמען. ער האָט געהאַט אַ ווייכע שטימע און גראָע גרויסע פאַר'חלום'טע אויגן. עס איז געווען אַ באַ־זונדערע ווייכקייט אין זיינע מאַניר̈ן — אַ ווייכקייט, וואָס קומט פון גרויסער פיזישער קראַפט. דער מענטש איז געווען אַטלעטיש געבויט, און צוליב דעם איז די טורמע אַף אים געפאַלן שווערער, ווי אַף אַ מענטשן מיט אַ שוואַכן געזונט. זינט מען האָט אונז אַריבערגעפירט אין לוקישקע, האָבן מיר זיך פערזענלעך ניט געקענט זען. ער האָט געשפּאַצירט אין אַן אַנדער גרופּע, ניט אין דער, צו וועלכער איך האָב געהערט. זען האָבן מיר זיך ניט געקענט, אָבער הערן די שטימען האָבן מיר געהערט.

דער עיקר האָבן מיר ליב געהאַט צו שמועסן פאַרנאַכט. דער גערויש פונעם טאָג איז אַריבער. אַ פּאַס הימל, וואָס זעט זיך אַרויס דורכן פענצטער איבערן טורמע־מויער, איז פריער צונטער־רויט, דערנאָך ראָזע, דערנאָך גרינגלעך, דערנאָך פיאָלעט. דער הימל אין דער הויך איז בלאַסלעך־בלאָ. לאַמטערנס צינדן זיך אין שטאָט. אַפן האַרצן איז די זיסע טורמע־בענקשאַפט. אנדרעי קריכט אַרויף אַפן פענצטער און רופט מיך אַרויס. איך קלעטער אַרויף, קאָרטשע זיך צוזאַמען, און עס הויבט זיך אָן אַ שמועס.

איין אָוונט שרייט דער וועכטער: „קריכט אַרונטער!" קוקן מיר זיך

ניט שטאַרק אום. רופט ער ווייטער: „קריכט אַרונטער, אַניט וועל איך שיסן!" האָבן מיר דאָס אויך שוין געהערט. בויג איך זיך אַרונטער אויף אַ פּאָר מינוט און קריך ווידער אַרויף. נאָר וואָס מיר הויבן אָן ריידן, אַהאַ — באַץ, באַץ, מען שיסט. אַז מען שיסט שוין טאַקע, דאַרף מען אַרונטערקריכן. איך קוק זיך אַרום — אין דעם באַלקן פון מיין קאַמער איז דאָ אַ לאָך. דאָס האָט די קויל, וואָס דער וועכטער האָט אַריינגעשאָסן פון אונטן, דערלאַנגט אין באַלקן. די קויל איז צוריקגעשפּרונגען פון באַלקן און זיך אָנגעשטויסן אָן דער פּאָדלאָגע. דאָ איז זי צעפּלעטשט געוואָרן — און אַזוי האָב איך זי אויפגעהויבן. אַ שטיקל צעפּלעטשט בליי. איך האָב מיר געמוזט זאָגן, אַז די קוילן, וואָס ווערן דאָ געברויכט, זיינען ניט פון די מאָדערנסטע. מאָדערנע אַרמיי־קוילן ווערן ניט צעפּלעטשט.

דאָס שטיקל אייזן האָב איך געהאַלטן אַ לאַנגע צייט — פּאַר אַן אָנדענק.

אין אַנדרעי'ס קאַמער האָט מען אויך געשאָסן, אָבער ניט געטראָפן. פון דרויסן האָבן מיר נאָכדעם געזען, אַז אַ קויל האָט אָפּגעשלאָגן אַ שטיקל ציגל פון דער וואַנט לעבן זיין פענצטער. שלעכטע שיסער — די וועכטער, האָבן מיר געזאָגט מיט שפּאָט. אָבער אויב איר מיינט, אַז מיר האָבן אויפגעהערט ריידן, האָט איר אַ טעות. ניט מער — די אַטמאָספערע איז געוואָרן מיט יעדן טאָג שווערער, אָנגעלאָדן מיט אויפרייס־שטאָף.

## דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

# מיר ווינען הונגעריק

מיר ווינען געווען אַריבער 200 אַרעסטאַנטן אין לוקישקער טורמע — און אין אַ משך פֿון חדשים האָבן מיר ניט געגעסן צו זאַט. איך קאָן זאָגן, אַז די גאַנצע צייט ווינען מיר געווען הונגעריק.

מען האָט אונז געגעבן צוויי פֿונט שוואַרצע ברויט אַ טאָג. אַחוץ דעם האָבן מיר פֿון אונזער אייגענעם קעסל באַקומען איין מאָל אין טאָג אַ מאָל־צייט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ שיסעלע זופּ אָדער קאַשע מיט אַ מיקראָ־סקאָפּיש שטיקל פֿלייש. דער וואַרימער מאָלצייט איז אויך ניט געווען גענוג אַפֿילו צו זעטיקן אַ נאָרמאַלן דערוואַקסענעם מענטשן. אָבער מען דאַרף דאָך האָבן ניט איין מאָלצייט, נאָר דריי.

נו, גוט. אינדערפֿרי דערלאַנגט מען אונז הייסע וואַסער. אין דער וואַסער שיטן מיר אַריין יעדערער אַ ביסל טיי. צוקער האָבן מיר ניט קיין סך, אָבער „ווּפּריקוסקו" איז גענוג. צו דער טיי עסט מען ברויט. איידער מען קוקט זיך אַרום, האָט מען אויפֿגעגעסן אַ העלפֿט פֿון דער פּאַרציע ברויט. הייסן האָט עס געהייסן, אַז מען ניט אונז צוויי פֿונט ברויט. אָבער די טורמע־נאַטשאַלסטוואָ האָט דאָך געדאַרפֿט עפּעס אַראָפּ'גנב'ענען אויך. דערצו איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן ווייך פּוכקע ברויט און האַרטן ליימיקן שוואַרץ־ברויט, וואָס זעט אויס ווי ערד. דאָס ברויט איז שווער, אָבער עס פֿאַרנעמט ווייניק פּלאַץ. עס זעטיקט נישט. מיטן מיטאָג פֿלעגט די מערהייט אויפֿעסן דאָס איבערגעבליבענע פֿון דעם ברויט.

הייסט עס: מ'האָט זיך געדאַרפֿט צוקויפֿן פּאַר אייגענעם געלט. ווער עס האָט געהאַט עטלעכע רובל אין קאָנטאָר (אַפּיס), האָט זיך געקאָנט אויס־שרייבן ווייסע בולקע און פּוטער און וואורשט און אַ הערינג און קעז. דאָס פֿלעגט מען ברענגען איין מאָל אין וואָך. מען האָט געקאָנט אויסשרייבן אַ גאַנצן לאַבן מחיה'דיק ווילנער ברויט, וואָס בעט זיך אַליין, מען זאָל עס עסן. אָבער אויף די אַלע זאַכן האָט מען געדאַרפֿט האָבן געלט. און געלט איז געווען זייער קנאַפּ. אַ גרויסער טייל פֿון די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן

נאָר קיין זייטיקע הילף ניט באַקומען. די 60 קאָפּיקעס אַ וואָך, וואָס דער פּאָליטישער רויטער קרייץ האָט געגעבן, זיינען אַוועקגעגאַנגען אויף דעם שותּפותדיקן קעסל. פאַר די אומפאַרמעגלעכע איז דעריבער מער קיין געלט ניט געבליבן.

איך בין געווען צווישן די אומפאַרמעגלעכע. אחוץ דעם ברויט, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער טורמע, און דעם איינעם מאָלצייט אין טאָג, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונזער שותּפותדיקן קעסל, האָב איך געהאַט אויף אַלע באַדערפעניש פונעם לעבן עפּעס אַן ערך פערציק קאָפּיקעס אַ וואָך.

וואָס האָט זיך באַקומען? איך בין געווען הונגעריק. טעג און נעכט בין איך געווען הונגעריק. איך האָב ניט געפילט קיין נאָגן פון הונגער, אָבער איך בין געווען אָפּגעשוואַכט פון ניט־דערעסן. איך האָב ניט געהאַט צו וועמען צו שרייבן, אַז מען זאָל מיר שיקן געלט. טאַטע־מאַמע זיינען געווען גרויסע קבצנים. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אומלעגאַל. בײַ זיך אין אַ בוך, אינעם איינבונד, האָב איך געהאַט איינגעקלעפּטע 500 רובל, וואָס אַ פריינט האָט מיר צוגעשיקט פון מיין היים־שטאָט קיעוו. אָבער די סומע האָב איך נעדאַרפט האַלטן אומבאַרירט אויף דעם פאַל, ווען עס וועט זיך מיר מאַכן אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן.

איך בין געווען הונגעריק. אינדערפרי — מען שטייט אויף נאָך אַן אומרואיקער נאַכט; דער נעבל אין קאַמער הויבט זיך אָן צוזייען, ווען די זון גייט אויף; כדי זיך צו דערוואַרימען און כדי צו מאַכן אַ ביסל גימנאַסטיק, שפּאַצירסטו איבער דער קאַמער הין און צוריק אַ דריי־פיר־פינף הונדערט מאָל. ס'איז שוין באַלד טיי־צייט, ד. ה. „קיפּיאַטאָק"־צייט: די וועכטער וועלן ברענגען די וואַרימע וואַסער, וואָס דאַרף דינען פאַר טיי. אָט האָט מען דיר אַריינגערוקט דורכן טיר־פענצטערל דיין ביסל וואַסער: מ'האָט עס מיט אַ קווערטל אַריינגעגאָסן פונעם גרויסן עמער אין דיין בלעכענעם טשאַי־ניק. דו פאַרשיטסט אַ ביסל טיי. דעקסט איין דעם טשאַיניק מיט דער קאָלדרע, כדי ער זאָל נישט אָנווערן די היץ. אָבער קיין היץ האָט ער שוין לאַנג ניט. די טיי איז וואַרימלעך. הויבסט אָן טרינקען און פאַרבייסן מיט קאַזיאָנע ברויט. ווייזט זיך אַרויס, אַז דו ביסט אַזוי הונגעריק, אַז דו וואָלסט, דאַכט זיך, אויפגעגעסן צוויי מאָל צוויי פונט ברויט. מוזסט אָבער זיין שפּאָרעוודיק. בלייבסטו — אַ האַלב־הונגעריקער. און אַזוי גייט עס אַ גאַנצן טאָג. אפילו נאָכן הויפּט־מאָלצייט פון בייטאָג ביסטו אויך האַלב־הונגעריק.

ס'איז מיט מיר איינמאָל געשען אַזאַ מין זאַך. איך האָב געמאַכט אַ

„וויפיסקא", ד. ה. אויסגעשריבן אלערליי פּראָדוקטן — פאַר אַ גאַנצן האַלבן רובל. די פּראָדוקטן האָט מען מיר געבראַכט ארום אַכט אַזייגער אין אָוונט — באַלד נאָך דער וועטשערע. צווישן די פּראָדוקטן האָט זיך געפונען אַ צענדליק ווייסע קאָפּיקענע בולקעלעך. אין יענע צייטן פלעגט מען אין ווילנע קריגן פאַר אַ קאָפּיקע אַ היבש בולקעלע — בערך אַ ביסל קלענער ווי דער קולאַק פון אַ מאַנסביל. די בולקעלעך זיינען געלעגן אָפן טיש — און איך האָב געלייענט אַ בוך. ס'איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, נאָך וועטשערע — אַזוי אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעגעסן מיין אָוונט־ברויט. איך האָב אליין ניט באַמערקט, ווי איך האָב גענומען קייען די בולקעלעך. געלייענט דעם בוך זייער געשמאַק — און געקייעט. איך ווייס ניט וואָס ס'איז געווען געשמאַקער — דער בוך אָדער די בולקעלעך. אַזוי צי אַזוי, דער בוך האָט מיר יענעם אָוונט אויסגעזען געוואַלטיק געשמאַק. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזען, אַז איך האָב אויפגעגעסן אַלע צען בולקעלעך. איך האָב זיך אליין געוואונדערט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער דעם פאַקט האָב איך ניט געקענט לייקענען. איך האָב אליין געהאַט איבערגעציילט די בולקעלעך, ווען איך האָב זיי באַקומען פונעם שליסער.

דאָס האָט נאָר באַוויזן, ווי אויסגעהונגערט איך בין געווען.

איין זאַך איז מיר געלונגען זיך צו דערשלאָגן: הייסע טיי. „ביליוו איט אָר נאַט" — איך האָב מיר געקאָכט טיי אין טורמע־קאַמער. ווי איז דאָס געווען מעגלעך? איך האָב געהאַט אַ בלעכענעם טשאַיניק מיט אַ דינעם דנאָ. איך האָב אויסגעפונען, אַז אויב איך גיס אָן אין טשאַיניק איין גלאָז וואַסער און האַלט אים איבער דעם גלעזל פונעם קעראָסין־לאָמפּ אויף אַ געוויסער הויך, וואו די היץ איז אַמגרעסטן, וועט די וואַסער אויפזידן אין אַ שעה צייט.

שעה'ען האָט מען געמוזט אין טורמע. ווי נאָר איך האָב אַנטדעקט אָט דעם „פּעטענט", האָב איך זיך גענומען קאָכן טיי אַלע אָוונט. מען האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר די וועכטער, וואָרים דאָס קאָכן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מען האָט געדאַרפט האַלטן דעם טשאַיניק אַ שעה איבערן פייער. מען האָט אים געדאַרפט האַלטן אויף אַ געוויסער הויך, ניט העכער און ניט נידעריקער, ווייל סיי העכער, סיי נידעריקער פון דעם גרעסטן היץ־פונקט האָט די וואַסער בכלל ניט געקענט פאַרזידן. אָבער אַז מ'האָט אַמאָל אַכצן איבערגעריסן די אָפּעראַציע צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך אויף יענער זייט געהערט די טריט פון די וועכטער, און אַז מ'איז אַזוי אָפּגעשטאַנען ניט איין

שעה, נאָר אמאָל אָנדערהאַלבן אָדער צוויי, האָט די וואַסער אין טשאַיניק טאַסע אַף אַן אמת אָנגעהויבן זידן. אין דער זידנדיקער וואַסער האָב איך אַריינגעוואָרפן עטלעכע טייעלעך — און ווער איז צו מיר געווען גלייך, ווען איך האָב געטרונקען די אמת'ע הייסע טיי? איך האָב זיך מיט איר געבריט — און דאָס איז געווען דער גרויסער פאַרגעניגן. עס האָט געשמעקט ווי אמת'ע היימישע טיי אין אַ גלאָז.

פונקט אַזוי ווי איך, האָט האַלב־געהונגערט אַ העלפט פון דער לוקישקער טורמע. דאָס האָט אונז כסדר געהאַלטן אין אַ צערייצטער נערוועזער שטימונג. מיט דעם וואוקס פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אַף דער פרייער וועלט איז אונזער צערייצטקייט געוואַקסן.

## פיר־און־דרייסיקסטער קאפיטל

# דער פאליטישער „פרילינג"

בא אונז אין לוקישקער טורמע איז די אטמאספערע געווארן געדיכטער, אין לאנד אבער האט געהערשט דער „פרילינג".

ס'איז געווען א מאדנע פרילינג. געקומען איז ער פונעם צארישן פאלאץ. נאכדעם ווי דער אינערן־מיניסטער פלעווע איז דער'הרג'עט געווארן פון א סאציאליסט־רעוואלוציאנער, האט ניקאלאי דער צווייטער באשטימט אויף פלעווע'ס ארט דעם פרינץ סוויאטאפאלק־מירסקי. דער דאזיקער נייער הערשער איבער אונזערע לעבנס איז ניט געווען קיין פנים חדשות אין רוס־לאנד. ער איז לאנגע יארן געווען דער שעף פון די זשאנדארמען. ער האט אבער געהאט א רעפוטאציע פון א „ליבעראל".

מאלט אייך, א ליבעראל אין צארישן הויף איז געווען א מאדנע ברואה. ער האט געשמיסן מיט דער נאגאיקע, אבער די נאגאיקע האט ער איינגעוויקלט אין א זיידן טיכעלע. ער האט אנגעהאלטן שפיאנען און פראוואקאטארן, אבער אין דער זעלביקער צייט האט ער גערעדט „ווייכע" רייד, כדי צו בא־רואיקן די מאסן. ער האט פונקט אזוי איגזינען געהאט די אינטערעסן פון דעם צאר, די פריצים און די קאפיטאליסטן, ווי עס האבן זיי איגזינען געהאט די „קאנסערוואטארן". אבער דערביי האט ער געזאגט, אז מיר לעבן אין „געענדערטע צייטן".

איז אז אט דער סוויאטאפאלק־מירסקי איז באשטימט געווארן פארן אינערן־מיניסטער, איז ער ארויסגעקומען מיט א דעקלאראציע וועגן „צוטרוי". אזוי האט ער טאקע געזאגט אין א רעדע. פון היינט אן און ווייטער וועט די רעגירונג פארמאגן אן „אמת וואויל־מיינענדיקע און אויפריכטיק־צוטרוילעכע באציאונג צו די געזעלשאפטלעכע און קלאסן־אינסטיטוציעס און צו דער באפעלקערונג בכלל". קורץ און גוט: ער האט געזאגט, אז די צארישע רעגירונג וועט האבן א וואוילע באציאונג און א צוטרוי צו אלעמען. ער האט חלילה ניט געזאגט, אז מען וועט עפעס געבן דער באפעלקערונג. ער האט זיך

אפילו ניט פארהיקעט ווענן רעפארמען. ער האט נאר געזאגט, אז מען וועט אונז „גלויבן".

דערפון אליין איז אין לאנד געווארן „פרילינג". די ליבעראלן און די בכבוד'יקע געזעלשאפט בכלל האט זיך דערפילט גליקלעך. נייע ציטן קומען. די רעגירונג וועט זיך מער ניט קריגן מיט די געזעלשאפטלעכע און די קלאסן־אינסטיטוציעס.

וואס דאס זיינען געווען פאר אינסטיטוציעס, מוזן מיר דערקלערן. געווען אן אינסטיטוציע, וואס האט זיך גערופן „זעמסטווע". דאס איז געווען א מין זעלבסט־פארוואלטונג, וואס האט זיך געמענגט באשעפטיקן נאר מיט לאקאלע ענינים. ס'איז געווען א גובערניאלע זעמסטווע אין יעדער גובערניע און אן אויעזדנע זעמסטווע אין יעדן אויעזד (קאונטי). יעדע זעמסטווע איז אויסגעקליבן געווארן פון דער ארטיקער באפעלקערונג, אבער מיט אזא חשבון, אז די פריצים און פאבריקאנטן האבן געהאט די גרעסטע איבערהאנט. פארטרעטער פון ארבעטער און פון ארעמע פויערים זיינען בכלל אין די זעמסטוועס ניט געווען. די זעמסטוועס פלעגן זיך פארזאמלען איין מאל אין יאר און באטראכטן אזוינע זאכן, ווי שאסייען, פאטשט, מעדיצין פאר דער באפעלקערונג, שולן. דאס זיינען אייגנטלעך געווען די וויכטיקסטע פונקציעס פון די זעמסטוועס. מיט קיין בריטערע פראגן האבן זיי זיך ניט געטארט באשעפטיקן. צווישן איין צוזאמענפאר און דעם צווייטן האט געארבעט א זעמסקע אופראווע (קאונסיל). די אופראווע האט געהאט א סטעף געדונגענע ספעציאליסטן־אינטעליגענטן: דאקטוירים, נוירסעס, אגראנאמען, לערער, סטאטיסטיקער, רעדאקטארן פון די זעמסקע אויסגאבן. די דאזיקע „ספעצן" האבן ניט געהאט קיין דעה אין דער זעמסטווע, דערפאר האבן זיי געהאט א גרויסן איינפלוס אף דער באפעלקערונג. א סך זיינען געווען רעוואלוציאנער געשטימט. אין דער זעמסטווע האט מען זיי גערופן „דער דריטער עלעמענט" (די ערשטע צוויי עלעמענטן זיינען געווען די פריצים און די שטאטישע אייגנטום־באזיצער). דער דריטער עלעמענט איז געווען ווי א דארן אין די אויגן פון דער צארישער רעגירונג.

די זעמסטוועס גופא זיינען ניט געווען צום הארצן דעם צאריזם. איינגעפירט האט מען זיי נאך דער באפרייאונג פון די פויערים אין אנהויב פון די זעכציקער יארן, ווייל ס'איז דאך נויטיק געווען, אז איטיצער זאל פארוואלטן מיט די ארטיקע אנגעלעגנהייטן פון דער פויערים־מאסע. דורך ביוראקראטן־טשינאווניקעס וואלט די רעגירונג זיך ניט ספראוועט. כדי צו בא־

וואָרענען זיך קעגן די זעמסטוועס, אויב זיי זאָלן, חלילה, אַנטוויקלען אַ גייסט פון ליבעראַלער אָפּאָזיציע, האָט דער צאַריזם איינגעפירט אַזוי, אַז, ערשטנס, האָבן די פּריצים אין די זעמסטוועס געשפּילט די הויפּט־ראָל; צווייטנס, האָט דער גובערנאַטאָר, אַ צאַרישער טשינאָווניק, געקענט וועטאָאירן אַלע זייערע באַשלוסן; דריטנס, האָט מען געקענט באַפוילן, אַז די זעמסטוועס זאָלן זיך בכלל ניט צוזאַמענקומען; פערטנס, האָט די רעגירונג געקענט באַזייטיקן יעדן איינעם פון דער זעמסקע אופּראַווע.

גוט באַוואָרנט, ניין? און פונדעסטוועגן איז די שטימונג אין לאַנד געווען אַזוי שאַרף קעגן צאַריזם, אַז אפילו די זעמסטוועס זיינען געוואָרן צענטערס פון אָפּאָזיציע. זיי זיינען אודאי ניט געווען רעוואָלוציאָנער. זיי האָבן אפילו ניט געוואָלט קיין רעפּובליק. זיי האָבן געוואָלט אַ מעסיקע קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. זיי וואָלטן זיך באַנוגנט מיט ווייניקער. אָבער זיי האָבן געבורטשעט. נאָך מער: זיי האָבן דערלאַנגט פּעטיציעס. די גובערניאַלע זעמסטוועס האָבן געהאַט אַ רעכט צו שיקן פּעטיציעס צום צאַר. אין די דאָזיקע פּעטיציעס האָבן זיי געמעגט ריידן נאָר וועגן לאָקאַלע ענינים. אָבער זיי פּלעגן זיך אַן עצה געבן. זיי פּלעגן אָנשרייבן, למשל, אַז כּדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די פּויערים, כּדי צו באַוואָרענען קעגן הונגער אָדער טיפוס־עפּידעמיע, איז נויטיק צו „קרוינען די געביידע", ד. ה. איינפירן אַן אַלרוסישע זעמסטווע, ד. ה. — אַ פּאַרלאַמענט. אָט אַזוי פּלעגן די „אַל־אונטערטעניקסטע" און „אַלגעטרייסטע" פּעטיציעס מאָנען: „גיט אונז פּאָ־ליטישע פרייהייט." די זעמצעס פּלעגן דערביי נאָך צוגעבן: אויב ס׳וועט ניט זיין קיין קאָנסטיטוציע, וועט, חלילה, זיין אַ רעוואָלוציע. אַליין האָבן זיי טאַקע ניט געוואָלט קיין רעוואָלוציע, און זיי האָבן באמת געגלויבט, אַז אויב מען זאָל איינפירן באַטש אַ ביסל רעפאָרמען, וואָלט מען אָפּגעשטעלט דעם מאַרש פון דער רעוואָלוציע. האָבן זיי וועגן דעם געוואָרנט דעם צאַר.

איצט, אַז סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי איז געוואָרן אינערן־מיניסטער, האָט עס געהייסן, אַז ער האָט „צוטרוי" צו די זעמסטוועס. פּלעווע האָט פאַרשיקט קיין סיביר אַ סך זעמצעס. סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי איז צו זיי גוט. ער איז אַ טאַטע. האָבן זיך אָבער די זעמצעס ניט באַנוגנט מיט אויסהערן גוטע ווערטער. זיי האָבן זיך געווענדעט צום נייעם אינערן־מיניסטער מיט אַ פאָר־שלאָג, אַז מען זאָל דערלויבן אַן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די זעמסטוועס.

פּלעווע האָט אַזאַ צוזאַמענפאָר ניט דערלויבט. סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי האָט געמוזט דערלויבן. ער האָט אַנדערש ניט געקענט. און אַזוי הויבט מען זיך אָן גרייטן סוף זומער 1904 צו אַן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר, וועגן וועלכן אַלע

וויסן, אז ער וועט פאָדערן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדענונג אין רוסלאַנד.

מיר זיצן אין טורמע, לייענען די צייטונגען — און עס הויבט אונז פון די ערטער. אָט האָט מען אונז אַוועקגעשיקט צו די „פּלעווע׳ן״. אָט האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן „צוטרוי״. און אָט גרייט מען זיך פּראַנק און פריי צו אַן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר אַף אַרויסצושטעלן פאָדערונגען, פאַר וועלכע מען האָט ערשט ניט לאַנג פאַרשיקט קיין סיביר.

דאָ האָט איר איין סאָרט פרילינג — דעם פרילינג פון די ליבעראַלן, אַ פרילינג וואָס איז געקומען פון אויבן און איז אויפגעבלאָזט געוואָרן דורך דער אומצופרידענער בורזשואַזיע. עס איז אָבער געווען אַן אַנדער פרילינג — אַזוינער וואָס איז געגאַנגען פון אונטן, פון די אַרבעטער, פון די פּויערים, פון די סטרייקס, פון די דעמאָנסטראַציעס, פון די מפּלות אַפן שלאַכטפעלד.

## פינף־און־דרייסיקסטער קאפּיטל

# עס רוישט און ברויזט אין רוסלאַנד

רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז אַ סאָרט מלחמה. איר ווילט ברעכן דעם שונא, דער שונא וויל ברעכן אייך, ד. ה. אייער אָרגאַניזאַציע און אייער קלאַס. ווען דער שונא פאַרלירט, פרייט איר זיך. ווען דער שונא געווינט, איז דאָס פאַר אייך אַ קלאַפּ. ווען דער שונא כאַפּט קלעפּ, איז דאָס אייער טריאומף.

זיצנדיק אין טורמע יענעם זומער פון 1904, האָבן מיר, פּאָליטישע אַרעסטירטע, איבערגעלעבט איין פרייד נאָך דער אַנדערער.

די צאַרישע אַרמיי האָט געכאַפּט קלעפּ. דאָס קען פּאַסירן מיט יעדער אַרמיי. אומעטום, וואו עס גייט אַ מלחמה, פאַרלירט איין צד און דער צווייטער געווינט. אין דער מלחמה פון 1914—1918 האָט דייטשלאַנד פאַרלאָרן און די „עלאַים" האָבן געוואונען. אָבער דער פאַרלוסט פון דער דייטשישער אַרמיי איז ניט געווען קיין שענדלעכער. די דייטשישע אַרמיי האָט סוף כל סוף געמוזט אָפּטרעטן פאַר אַ שטאַרקערער קראַפט. די צאַרישע אַרמיי פון 1904־1905 האָט באַקומען שענדלעכע קלעפּ. זי האָט געליטן אַזוינע מפּלות, וואָס האָבן זי געמאַכט לעכערלעך.

קענט איר זיך פאָרשטעלן אַן אַרמיי, וועלכע האַלט אין איין אָפּטרעטן? די צאַרישע אַרמיי האָט זיך געפונען אונטער דער פירערשאַפט פון דעם גענע־ראַל קוראָפּאַטקין. דער גענעראַל איז געוואָרן אַ שפּריכוואָרט אין רוסלאַנד צוליב זיין כסדר'דיקן גיין אַף צוריק. ער איז נישט נעגאַנגען — ער איז געלאָפן. און דאָך האָבן אים די יאַפּאַנעזער נאָכגעיאָגט און געגעבן אַזוינע קלעפּ, פון וועלכע עס האָט געציטערט די גאַנצע רוסישע אימפּעריע.

מיר, רעוואָלוציאָנערן, זיינען געזעסן אין טורמע און געלייענט די ציימונגען. מיר האָבן געזען, אַז אונזער שונא, די צאַרישע רעגירונג, ווערט געשלאָגן. דאָס איז געווען אונזער גרויסע פרייד.

אין אויגוסט האָט שוין קוראָפּאַטקין פאַרמאָגט אַן ערך 200 טויזנט סאָלדאַטן. די יאַפּאַנעזער האָבן פאַרמאָגט ניט מער ווי 130 טויזנט. קוראָ־פּאַטקין האָט זיך באַפעסטיקט אין אַ לאַנגער לעבן ליאַאָיאַן. די יאַפּאַנעזער

האָבן אַטאַקירט דעם לאַגער. קוראָפּאַטקין האָט זיך געפּרוּווט האַלטן. צוויי טעג זיינען אַנגעגאַנגען די שלאַכטן. אַפן דריטן טאָג איז איינע פון די יאַפּאַ־נעזישע אַרמייען פאַרגאַנגען קוראָפּאַטקינ׳ען פון הינטן. יענער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט איינגאַנצן אַרומגערינגלט ווערן און זיך מוזן אונטערגעבן. האָט ער געהייסן די סאָלדאַטן זיך אָפּטראָגן. יענע האָבן איבערגעלאָזט פאַר די יאַפּאַנעזער דעם גאַנצן לאַגער מיט אַ ריזיקער מאַסע געווער, אַמוניציע און שפּייז־פּראָדוקטן.

ליאַאָיאַן איז ניט געווען קיין מפּלה. אָבער עס איז געווען אַ שענדלעכער צוריקטריט. דער צאַר האָט געהייסן קוראָפּאַטקינ׳ען וואָס שנעלער נעמען די אָפענסיווע. נו, האָט ער אָנגעהויבן אַן אַטאַקע אויף די יאַפּאַנעזער און האָט אין משך פון איין וואָך פאַרלוירן ניט מער און ניט ווייניקער ווי 45 טויזנט סאָלדאַטן — טויטע און פאַרוואונדעטע. דאָס איז געווען אַ קנאַפּער פערטל פון זיין גאַנצער אַרמיי. די יאַפּאַנעזישע אַרמיי האָט אויך געליטן, אָבער אַ סך ווייניקער. די יאַפּאַנעזער האָבן אָנגעהויבן באַהערשן די סיטואַציע.

און אַזוי גייט עס שוין פון וואָך צו וואָך און פון חודש צו חודש. יעדע מפּלה פון די צאַרישע אַרמייען איז אַ נייע שמחה אין טורמע. מיר גייען אַרום, ווי מען זאָגט אויף רוסיש, „ווי געבורטסטאָג־קינדער". מיר זאָגן זיך: דאָ ווייזט זיך אַרויס די צעפוילטקייט פון דעם פאַרפלוכטן רעזשים.

ווי ווייט עס איז פאַרגאַנגען די פאַראַכטונג צו די צאַרישע גענעראַלן, קען מען זען דערפון, וואָס אַפילו דער טורמע־נאַטשאַלניק דונקעל און זיינע אַרויסהעלפער האָבן פון זיי געמאַכט חוזק. און וואו? דווקא אין געשפּרעכן מיט אונז, פּאָליטישע אַרעסטירטע. דונקעל פלעגט זיך אָוועקשטעלן לעבן מיר אין דער קאַמער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַ ביבליאָטעק, און האָט דערציילט אַלערליי אַנעקדאָטן וועגן דער מלחמה. איינעם אַזאַ אַנעקדאָט געדענק איך נאָך איצט. עס האָט געדאַרפט אָנקומען אַ וואַגאָן מיט באַרעמ־הערציקע שוועסטער פאַרן פראָנט. אַזוי האָט דער וואַגאָן טאַקע געהייסן אָפיציעל: „וואַגאָן פון ספּעציעלער באַשטימונג מיט מעדיצינישן פּערסאָ־נאַל". פאַר אים האָט מען, לויט אַ באַפעל פון אויבן, אָפּגעראַמט דעם וועג: מען האָט אים געגעבן דאָס „רעכט פון וועג" פאַר יעדן אַנדערן וואַגאָן. מען האָט פאַרהאַלטן צוגן מיט אַמוניציע און אַפילו מיט האַרמאַטן, כדי דער מעדיצינישער וואַגאָן זאָל וואָס שנעלער אָנקומען צום פראָנט. ווען ער איז ענדלעך געקומען אַפן פלאַץ פון זיין באַשטימונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ וואַגאָן מיט פּראָסטיטוטקעס פאַר די אָפיצירן.

דונקעל האָט געלאַכט. זיין גרויסער בויך האָט זיך געשאָקלט. זיין גע־

לעכטער האָט געהילכט איבערן גאַנצן קאָרידאָר. זיין געהילף־נאַטשאַלניק האָט אונטערגעהאָלפן מיט אַ דין געלעכטערל. דער אויבערשליסער האָט פאַר־זיכטיק אריינגעשמוכט אין די נעדיכטע וואָנצעס. איך האָב מיר געטראַכט: איר לאַכט? אַז אַך און וויי איז צו אייער געלעכטער.

פון דונקעל'ן האָב איך דעמאָלט געהערט אַן אַנדער אַנעקדאָט, וואָס קלינגט ניט אַזוי שיין, נאָר וואָס איך וויל איבערגעבן, ווייל עס באַווייזט, ווי דעמאָראַליזירט עס איז געווען די צאַרישע ביוראָקראַטיע פון אויבן ביז אַראָפּ. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם דערמאָרדעטן פּלעווע'ן. דער אַנעק־דאָט האָט זיך דערציילט אומגעפער אַזוי: די באָמבע, וואָס האָט צעריסן פּלעווע'ן אַף שטיקלעך, האָט צעריסן אויך זיין קוטשער. לויט אַ באַפעל פון צאַר האָט מען געדאַרפט צונויפקלייבן די הייליקע שטיקלעך פון פּלעווע'ן באַ־זונדער און די שטיקלעך פונעם קוטשער אויך באַזונדער. מען האָט ניט געטאָרט דערלאָזן, אַז דער „ווייסער ביין" (אַרעליקע) זאָל זיך אויסמישן מיטן „שווארצן ביין" (פּראָסטער מענטש). האָט מען געזאַמלט הענט און פיס און קעפּ און אַנדערע גלידער. עקספּערטן האָבן געדאַרפט אַנטשיידן, וועלכער טייל געהערט צו פּלעווע'ן און וועלכער — צום קוטשער. איז מען געקומען איין מאָל צו אַ ספק: איין גרופּע עקספּערטן האָט געזאָגט אַזוי, אַן אַנדערע אַנדערש. מען האָט ניט געקענט אַנטשיידן, צו וועמען עס געהערט אַ געוויסער פערפּ...־טייל. רופט זיך אָפּ איינער פון די הויף־לייט: „זאָל מען רופן די קייזערין־אלמנה. זי וועט וויסן."

דונקעל'ס פּעטער בויך הויבט זיך און פאַלט פון אַ זאַטן שמאָלציקן געלעכטער. זיין קול הילכט איבער דער ליידיקער סאַמער און טראָגט זיך אַרויס אין קאָרידאָר. מיך עקלט פון אָט דער העסלעכקייט. אַ שקלאַף לאַכט אָפּ פון זיינע באַלעבאַטים. אַליין אַ פּאַסקודנער ביוראָקראַט, אַ סאַדיסט און אַ גראָביאַן, שפּאַסט ער הינטערוויילעכס פון די, וועמעס הענט ער איז גרייט צו קושן.

שפּעטער, שוין נאָך 1917, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז די רעוואָלוציע האָט פאַר'משפט דונקעל'ן צום טויט. ער איז געשטאָרבן פון די הענט פון רעוואָלוציאָנערן. ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך געזאָגט אַף רוסיש: „סאָבאַקע סאָבאַטשיאַ סמערט" (דעם הונט — אַ הינטישער טויט).

### זעקס־און־דרייסיקסטער קאפּיטל

## טעג פון אומעט, נעכט פון בענקשאַפט

מען אינדרויסן רוישן דער פּאַליטישער „פרילינג״ ; מען דאָס הארץ פון די פּאָליטישע ארעסטירטע זיין אויפגעשטורעמט פון די נייעסן וועגן דער אויסנוועלט ; די טורמע גופא שטייט ווי א גרויסע שטיינערנע פעסטונג. דאָס לעבן אין טורמע גייט זיך זיין גראַעז, שווערן, שטויביקן וועג.

מיט יעדן טאָג לייגט זיך די טורמע אַף אונזער הארץ מיט א גרעסערער משא. מיר קענען אָלץ ווייניקער כאַפּן דעם אָטעם.

נאַטשאַלסטוואָ איז נערוועז. די וועכטער גייען ארום צערודערטע. מירן עסענען זיך און פארקלאַפּן זיך מיט אַן אומרו. מען זוכט אין די קאַמערן. בא איינעם פון חברים האָט מען צעטרענט דעם מאַטראַץ, אויפגעריסן די פּאָדלאָגע, אויפגעשניטן אָלע נאָטן פון די קליידער. וואָס מען האָט געזוכט, וויסן מיר ניט. געפונען האָט מען, דאַכט זיך, גאָרנישט. אָבער דער אומרו איז געוואקסן. דאָס שיסן פון הויף איז געוואָרן שיר ניט א טאָג־טעגלעכע זאַך. מיר האָבן פארדעכטיקט, אז די וועכטער ווילן ניט מרעפן אין די ארעסטאַנטן. זיי שיסן גלאַט אזוי, כדי אונז אָנצושרעקן. אָבער קיין גרויס נחת האָט אונז די שיסעריי ניט פארשאַפט. עס האָט שוין געטראָפן א פּאָר מאָל, אז אין קאָרידאָר האָבן אויך די וועכטער אויסגעשאָסן — דיר ניט, מיר ניט. ווען איך האָב נאָכדעם געפרעגט, וואָס איז דאָס געווען פאר א שיסעניש, האָט מען מיר ניט געוואָלט זאָגן. דער עלטסטער פון די שליסער האָט נאָר אריינגעשמייכלט אין זיינע דיקע וואָנצעס און געענטפערט זיין קלוגיטשקן ענטפער : „רעוואָלוּוערן טראָגט מען ניט פאר קיין שפּילכל. רעד־וואָלווערן דאַרף מען אַף צו שיסן.״ פון דער חכמה איז מיר גרינגער ניט געוואָרן.

און דאָ דריקט די אסטמע. איך ווייס ניט, ווי ס׳איז מעגלעך צו באַ־שרייבן, וואָס עס לעבט איבער א מענטש אין טורמע, ווען ער האָט אַן אסטמע־אַנפּאַל.

דער אַנפּאַל באַשטייט אין דעם, וואָס דער קראַנקער קען ניט כאַפּן דעם

אָטעם. די לונגען ווערן בּאַ אים אויפגעבּלאָזן און פּרעסן אָפּן בּרוסט־קאַסטן פון אַלע זייטן. זיי דריקן אויך אַף זיין מאָגן און געדערים און מער נאָך אָפן האַרצן. דעם האַרצן ווערט אַלץ שווערער צו פּאָמפּען בּלוט דורכן קערפּער. דער אָטעם ווערט איין גרויסע פּיין. יעדער אָטעם־צוג פאַרשאַפט דעם גרעסטן אָנשטרענג. אַ מענטש קען ניט ליגן און קען ניט זיצן, ווייל עס שטיקט אים אַזוי, ווי אימיצער וואָלט אים פאַרשטאָפּט פון אינעווייניק דעם גאָרגל. איך האָב אויסגעפונען איין פּאָזיציע, אין וועלכער דער דרוק פון דער אַסטמע איז געווען מיט עטלעכע פּראָצענט קלענער. איך זאָג: דרוק — ווייל איך האָב טאַקע געפילט, אַז אַף דער בּרוסט און אַף דעם רוקן ליגט אַ משא פון עטלעכע טאָן אייזן. איז אַז איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט איבּערן טיש האַלבּ־אָנגעהויבּן, מיט דער בּרוסט אָפּן קאַנט פון טיש און מיטן קאָפּ אַף די הענט, פלעגט מיר זיין קוים, קוים אַ בּיסל גרינגער. פלעג איך אַזוי אָפּשטיין גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

אַסטמע איז שלעכט אַפילו אין אַ גראַמען צימער און אַפילו אונטערן פרייען הימל, וואו ס'איז דאָ גענוג לופט. אין קאַמער איז ניט געווען גענוג לופט אַפילו פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן. ווען די אַסטמע פלעגט מיך דער־שטיקן, האָבּ איך זיך געפילט ווי אין אַ שטיינערנעם זאַק. עס האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז דער שוואַרצער אַספאַלט בּאַגראָבּט מיך לעבּעדיקערהייד.

איך פלעג רופן דעם דאָקטאָר, כאָטש איך האָבּ געוואוסט, אַז ער וועט מיר וויניק־וואָס העלפן. דער דאָקטאָר איז געווען אַ יונגער. זיין דערפאַרונג איז מסתמא ניט געווען גרויס. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם אַסטמע־אָנפאַל, האָט ער זיך דערשראָקן. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דערווייל ניט אַזוי געפערלעך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איך בּין אַ זייער קראַנקער מענטש, אַז די טורמע איז פאַר מיר שיר ניט אַ טויט־שטראָף.

שפּעטער איז מיר אָט די מיינונג פונעם דאָקטאָר שטאַרק צוניץ געקומען. אַ דאַנק זיין צייגעניש בּין איך אין נאָוועמבּער אַרויס אַף זאַלאָג (בּעיל). אָבּער וועגן דעם וועל איך נאָך דערציילן.

דער דאָקטאָר איז געווען מאַכטלאָז. די מעדיצין איז בּכלל געווען מאַכט־לאָז קעגן אַסטמע. איך האָבּ זיך געדאַרפט בּאַוואָפּענען מיט געדולד און טראָגן די אָנפאַלן. וואָס ווייטער זיינען זיי געוואָרן לענגער. אין סעפּטעמבּער און אָקטאָבּער, ווען עס האָבּן זיך אָנגעהויבּן די שלעכטע וועטערן, האָט אַן אָנפאַל געדויערט דריי טעג. ווען ער איז אַריבּער, בּין איך געווען בּלאַס, אָפּגעצערט. הענט און פיס האָבּן געציטערט. אָבּער די שטימונג האָט זיך

באלד געהויבן. דאָס לעבן האָט אויסגעזען טויזנט מאָל שענער אַפילו אין טורמע.

איך דערמאָן זיך נאָר איין זאַך, וואָס האָט זיך געקענט פאַרגלייכן מיט די קראַנקהייט־אָנפאַלן. דאָס איז געווען די סצענע, ווי אַזוי דונקעל האָט געשלאָגן אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט.

עס איז געווען אין קאָרידאָר. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז געווען נאָר איין עטאַזש מיט אַ פּאָדלאָגע — דאָס איז דער ערשטער עטאַזש. די פּאָדלאָגע איז געווען אָפּגעפאַרבט מיט שוואַרצער אויל־פאַרב און אַרעסטאַנטן האָבן זי געדאַרפט פּוצן אַלע טאָג, כדי זי זאָל גלאַנצן ווי אַ שפּיגל. פאַרוואָס שוואַרץ און פאַרוואָס גלאַנצן — האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין. אָבער אין טורמע פרעגט מען ניט קיין קשיות. באַפעל איז באַפעל.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען אין טורמע איז אָנגעקומען אַ טראַנס־פּאָרט ביכער פון סירקין׳ס ביבליאָטעק. דעם טראַנספּאָרט האָט מען אַוועק־געליינט אין קאָרידאָר אין אַ ווינקל. איך בין אַרונטערגעגאַנגען מיט אַ וועכטער פאַנאַנדערצוסאָרטירן די ביכער. עטלעכע קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן געפּוצט די פּאָדלאָגע. דונקעל איז אָנגעקומען. ער האָט גענומען שרייען. אַלעמאָל האָט ער געשריגן. דערביי איז זיין רויטער אָנגעגאָסענער פּנים גע־וואָרן רויטער. באַלד האָט ער איינעם פון די אַרעסטאַנטן גענומען שלאָגן.

איך האָב אין מיין לעבן נענוג געזען, ווי מענטשן שלאָגן זיך. איך בין אויסגעוואַקסן צווישן פויערים אין דאָרף און אין וואַלד. איך ווער ניט נתפּעל פון געשלעגן. איך האָב געדינט אין סאָלדאַטן, וואו אַ קלאַפּ איז ניט קיין זעלטענע זאַך. ס׳איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן קלעפּ, וואָס מענטשן דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן, און קלעפּ, וואָס איינער דערלאַנגט און דער צווייטער מוז אָננעמען שטילשווייגנדיק.

אונזער לאַגע איז געווען אַזעלכע, אַז מיר זיינען נאָך ניט געווען גרייט אויפצוהייבן אָן אָרגאַניזירטן קאַמף אין יענעם מאָמענט. מען האָט דעם קאַמף ניט געטאָרט פּראָוואָצירן.

ערשט אַנהויב נאָוועמבער איז אויסגעבראָכן אונזער בונט. וועגן דעם — שפּעטער.

## זיבן־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

# חבר זאַסלאַווסקי — מיין גאַסט אין טורמע

אַ גרויסע פרייד איז בײַ מיר געווען, ווען מען האָט געבראַכט חבר דאַוויד זאַסלאַווסקי'ן און אים אַריינגעזעצט מיט מיר אין איין קאַמער.

חבר זאַסלאַווסקי איז געווען מיינער אַ גוטער פריינט. מיר האָבן זיך געקענט נאָך פון קיעווער אוניווערזיטעט. מיר האָבן זיך צוזאַמען באַטייליקט אין די סטודענטן־אומרוען. צוזאַמען האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג. ווען איך בין געזעסן אין טורמע, איז ער געקומען קיין ווילנע פאַרנעמען מיין אָרט. אָבער איך האָב וועגן דעם ניט געוואוסט. איך האָב אַלץ נאָך גערעכנט, אַז ער געפינט זיך אין קיעוו.

אין איין שיינעם זומער־טאָג ווערן מיר געוואויר, אַז מ'האָט געבראַכט אַ נייע פּאַרטיע פון עטלעכע צענדליק אַרעסטירטע. אין טורמע איז דאָס, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע געשעעניש. עס וועלן צוקומען פרישע פּנים'ער. מיר וועלן הערן לעבעדיקע נייעס. מיר וועלן באַקומען גרוסן פון פריינט אין דער באַוועגונג. מיר וועלן אפשר הערן אַ באַריכט, אויב דאָס וועט זיך איינגעבן דורכצופירן אין די שטרענגע טורמע־באַדינגונגען. פאַרשטייט זיך, אַז אָביעקטיוו טוט אונז לייד, וואָס חברים זיינען דורכגעפאַלן. אוודאי זיינען מיר אומצופרידן, וואָס נאָך עטלעכע צענדליק וועלן זיך געפינען אין די צאַרישע לאַפּעס. אָבער דאָס איז נאַר, אַזוי צו זאָגן, טעאָרעטיש. פּאַקטיש זיינען מיר דווקא זייער פריילעך, וואָס אונזער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט. דער באַדויער צוליבן שאָדן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרשטעלט ניט דעם פאַרגעניגן פון באַגעגענען זיך מיט נייע חברים.

איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען דער אַרעסט. ס'איז געווען אַ פאַרזאַמלונג הינטערן שטאָט, אין וואַלד. מען האָט דווקא אויסגעשטעלט וואַך־פּאָסטנס צו פאַרהיטן פאַר אַן אָנפאַל. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען עטלעכע הונדערט אַרבעטער. מיין פריינט זאַס־לאַווסקי האָט געדאַרפט זיין איינער פון די רעדנער. איך שטעל מיר פאָר, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקי האָט אַרויסגעגעבן די פאַרזאַמלונג. קאַפּ־

לינסקי, א דינער פון דער צארישער נעהיים־פאליציי, האט פארנומען א וויכטיקן פאסט אין דער בונדישער ארגאניזאציע. איך האב א פארדאכט, אז אויך מיך האט ער ארויסגעגעבן. ווי די מעשה זאל ניט זיין, — די וואך־פאסטנס האבן פלוצלונג געגעבן דעם סיגנאל: „קאזאקן!". די ארבעטער זיינען זיך צעלאפן אין פארשיידענע ריכטונגען. נאר עטלעכע צענדליק האבן די קאזאקן ארומגערינגלט און זיי פארנומען. צווישן זיי איז אויך געווען חבר דאוויד זאסלאווסקי.

איך בין געווען פארשטייער פון די ארעסטירטע — און עס איז געווען פאר זאסלאווסקי'ן גאנץ נאטירלעך צו פאדערן, אז דער סטאראסטע זאל אים קומען זען. עפנט דער שליסער דאס פענצטערל פון מיין טיר און לאזט מיר וויסן, אז דער ארעסטירטער זאסלאווסקי וויל מיך אומבאדינגט זען. ער פאדערט דאס שוין עטלעכע שעה, נאך פון איינדערפרי אן. ווי דער וועכטער זאגט מיר דאס, כאפט מיך ארום א גרויסע פרייד. איך גלויב זיך ניט, אז דאס זאל זיין טאקע חיי'ן זאסלאווסקי. אבער איך איל זיך ארויסגיין פון דער קאמער און צוגיין אף דער אנדערער זייט גאלעריי. איך עפן אויף זאס־לאווסקי'ס פענצטערל, שטעק אריין דעם קאפ, מיר צעקושן זיך זייער פריילעך און ער הויבט מיך אן עפעס פרעגן. זאג איך אים: „ווארט, איך וועל מאכן אזוי, אז מען זאל דיך איבערפירן צו מיר אין קאמער." וואונדערט ער זיך: וויל וועל איך דאס מאכן?

איז אבער די מעשה געווען אזוי: אין טורמע איז ניט געווען גענוג ליידיקע קאמערן. האט מען די נייע ארעסטירטע געמוזט פאנאנדערזעצן מיט די אלטע. עס האט זיך באקומען צו צוויי און אפילו צו דריי ארעסטירטע אין איין קאמער. צו מיר האט מען ניט אריינגעזעצט קיינעם, ווייל איך האב זיך גערעכנט אף דער פריווילעגירטער לאגע פון א קראנקן. דערצו בין איך געווען סטאראסטע. אבער איך האב געוואוסט, אז אויב איך וועל זאגן דעם עלטסטן שליסער, אז ער זאל איבערפירן צו מיר אין קאמער איינעם פון די ארעסטירטע, וועט ער זיך ניט אפזאגן.

אזוי איז טאקע געווען. איך האב זיך דורכגערעדט מיטן אויבער־שליסער. יענער האט זיך א קרים געטאן — און איך האב ניט געקענט וויסן, צי איז ער מסכים, צי ניט. ערשט ארום ניין אזייגער אין אוונט, הערט נאך פאווערקע, הער איך ווי מען רוקט דעם שליסל אין שלאס פון מיין קאמער; די טיר עפנט זיך; אף דער שוועל שטייט זאסלאווסקי מיטן מאטראץ און מיטן בינטל בעבעכעס. ער לייגט אוועק דעם מאטראץ אף דער פאדלאגע, טוט

א וואָרף דאָס בינטל. די מיר פאַרהאַקט זיך. דער שלאָס גיט א קלונג. מיר קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן און פּלאַצן אויס אין א הילכיקן געלעכטער.

מיר האָבן געלאַכט דעם גאַנצן אָוונט. זאַסלאַווסקי — איצט א זייער באַקאַנטער סאָוועטישער שרייבער, איינער פון די עלטסטע און בכבוד'יקסטע מיטאַרבעטער פון דער „פּראַווּדאַ" — איז א מענטש מיט א לעבעדיקן הומאָר־נעפּיל. אין היפּוך צו אַנדערע הומאָריסטן, איז ער אַליין א פרייליכער מענטש. ער האָט מיר געהאַט אָן א שיר וואָס צו דערציילן — און אַלצדינג וואָס ער האָט דערציילט, האָט אַרויסגערופן געלעכטער.

מיר האָבן זיך ממש געקאַטשעט פאַר געלעכטער, ווען ער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי מען האָט אים אַרעסטירט. צוויי הויכע קאָזאַקן אַף פערד האָבן אים אָפּגעשטעלט אינמיטן וואַלד און גענומען אַרומזוכן. געוואוסט האָט ער, אַז ער האָט ביי זיך גאָרניט. מען גייט דאָך ניט אַף אן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג מיט פאַרבאָטענע זאַכן. נו, האָט ער זיך דערלויבט א ביסל חוזק מאַכן פון די כאַפּערס. ווען זיי האָבן אַרומגעטאַפּט זיינע קעשענעס, האָט ער זיי גאַנץ ערנסט געזאָגט: „מיינע הערן, איר האָט ניט אַרומגעזוכט מיינע שיך. עס קען דאָך מעגלעך זיין, אַז אין די שיך זאָל זיך געפינען די גאַנצע רעוואָלוציע." יענע זיינען געווען אַזוי טעמפּ, אַז זיי האָבן ניט פאַר־שטאַנען דעם חוזק. האָבן זיי אים געהייסן אויסטאָן די שיך. ער האָט אויסגעטאָן די שיך — זעען זיי: ס'איז ניטאָ גאָרניט. ווילן זיי אים שוין נעמען. זאָגט ער צו זיי: „מיינע הערן, איר ווייסט ניט ווי צו זוכן. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין די שקאַרפּעטקעס זאָל ליגן די גאַנצע רעוואָלוציע." הייסן זיי אים אויסטאָן די שקאַרפּעטקעס.

לאַכן מיר. אפשר איז די חכמה ניט אַזוי גרויס, אָבער ס'לאַכט זיך. ס'איז א פרייד צו געפינען א גוטן פריינט אינמיטן דרינען בא זיך אין קאַמער. אויס איינזאַמקייט. אויס נעבל. אויס שטילקייט.

מיר ריידן. מיר באַמערקן ניט, ווי ס'ווערט טאָג. מיר פילן זיך ניט שלעפעריק. מיר פילן זיך מונטער, אויפגעלייגט. עס גייט אוועק דער גאַנצער טאָג אין געשפּרעכן. אין אָוונט ווילן מיר זיך שוין לייגן שלאָפן. אָבער דער שלאָף נעמט אונז ניט. מיר ריידן און מיר ריידן. מיר לאַכן אָן א שיר.

ערשט נאָכדעם ווי די צווייטע נאַכט איז אַריבער, זיינען מיר איינ־געשלאָפן אַף א קורצער צייט.

טאָקע יענעם טאָג האָט מען זאַסלאַווסקי'ן איבערגעפירט אין אן אַנדער קאַמער. דאָס נעקסטע מאָל האָבן מיר זיך שוין געטראָפן אַף דער פריי.

אכט־און־דרייסיקסטער קאפיטל

# איך באקום מיט מזל א כלה

די גאנצע צייט, וואס איך בין געזעסן אין געפענגעניש, האב איך מקנא געווען די מענטשן, וואס האבן געהאט באזוכער. נים אלע ארעסטירטע פלעגן קריגן די דערלויבעניש צו זען זיך מיט פריינט און באקאנטע. אייגנטלעך פלעגט מען קיין באקאנטע ניט צולאזן. מען פלעגט נאר צולאזן לייבלעכע קרובים. אבער מען גיט זיך דאך אן עצה: אלע מאל זיינען געקומען מענטשן, וואס האבן געטראגן דעם טיטל „פעטער" און „פלימעניק" און „שוואגער" און וואס ניט.

ווען איך בין ארויפגעקראכן אפן פענצטער פון מיין קאמער, פלעג איך קענען זען, ווי אזוי די באזוכער גייען דורך איבערן הויף. דאס איז געווען איינמאל אין וואך, זונטיק נאכמיטאג. אין יענער שטונדע פלעגט מען שוין די ארעסטירטע ניט קענען אפרייסן פון די פענצטער. די ארעסטירטע האבן אויך ווייניקער מורא געהאט פארן שיסן פון די וועכטער אונטן, ווייל מען האט געקענט אננעמען, אז אין דער שעה, ווען באזוכער גייען און קומען, וועט מען ניט שיסן. איך פלעג ליגן אפן פענצטער — און כאטש פונעם פינפטן שטאק האט מען ניט געקענט קלאר זען די פנים'ער פון די פארביי־גייענדיקע, איז דאך געווען א פרייד צו קוקן אף דער פיגור פון א פרייען מענטשן. אונז האט זיך אויסגעדאכט, אז זיי באוועגן זיך גאר אנדערש, זיי האלטן גאר אנדערש דעם קאפ, זיי קוקן מיט אנדערע אויגן.

דער זונטיק בייטאג איז געווען א צייט פון פארגרעסערטער בענקעניש פאר מיר און פאר די אנדערע ארעסטירטע, וואס האבן קיין באזוכער ניט געהאט.

היינט שטעלט זיך פאר מיין פארוואונדערונג, ווען איין זונטיק עפנט זיך די טיר און דער שליסער זאגט מיר מיט א פריילעכן שמייכל:

— אייער כלה איז אייך געקומען זען. גייט ארויס.

איך האב ניט געהאט קיין כלה — ניט אין ווילנע און נים אין ערגעץ אף דער וועלט. איך האב זיך באלד אנגעשטויסן, אז דא האט די ארגאני־

זאָגט מיר צוגעשיקט איינע, וועלכע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ כלה. אַזוינע זאַכן פלעגט מען טאָן, כדי איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט אַן אַרעסטירטן.

ווערט דאָך מיר אודאי פריילעך אויפן האַרצן, און אַז איך גיי, זינגען די טרעפּ אונטער מײַנע פיס. אָבער איין זאַך באַאומרואיקט מיך: ווי וועל איך דערקענען מײַן כלה? איך האָב געוואוסט, אַז די זעאונגען קומען פאָר אין אַ צימער אויפן ערשטן שטאָק. אין דעם צימער זאַמלען זיך אָן סײַ די געסט, סײַ די אַרעסטירטע. איך האָב געוואוסט, אַז אין איין און דער זעלביקער צײַט געפינט זיך אין דעם צימער אפשר צוואַנציק אָדער מער געסט. ווי וועל איך וויסן, ווער ס'איז מײַן באַשערטע?

אָבער דאָ האָב איך מיך באַטראַכט, אַז מ'וועט מיר שוין ווײַזן. איך וועל צוגיין צו דער ערשטער בעסטער יונגער פרוי, וואָס שטייט איינע אַליין. אויב עס איז ניט די ריכטיקע, וועט דער וועכטער ניט פאַרדעכטיקן, אַז איך קען ניט מײַן כלה. ער וועט פאַרדעכטיקן, אַז דאָס וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט און זיך דורכריידן מיט נאָך אימיצן. וועט ער, פאַרשטייט זיך, ניט לאָזן. וועל איך שוין אויף אַזאַ אופן אויסגעפינען מײַן באַזוכערין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב ניט געדאַרפט אָנקומען צו אָט די מיטלען. איך בין געווען איינער פון די לעצטע, וואָס זײַנען אַרײַן אין דעם זעאונג־צימער. אַלע געסט זײַנען שוין געשטאַנען און גערעדט מיט זייערע אַרעסטירטע. געווען נאָר איין יונגע פרוי, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זײַט און האָט געקוקט מיט אומרואיקע אויגן אַרום און אַרום. זי האָט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געוואוסט, ווי אַזוי זי וועט מיך דערקענען. בין איך צוגעגאַנגען צו איר און איר גלײַך האַרציק געדריקט די האַנט און איר אַ שעפּטשע געטאָן, אַז דאָס בין איך — און ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

זי איז געווען אַ דאַנטיסטקע, אַ זעלבסטשטענדיקע, ד. ה. זי האָט געהאַט איר אייגענע קוואַרטיר, און זי האָט סימפּאַטיזירט מיט דער באַוועגונג. זי איז אָבער ניט געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע. אַזוי אַז איר באַזוך אין טורמע האָט ניט געקענט שאַטן די חברים אין שטאָט. זי האָט באַקומען דעם אויפטראַג צו פאַרבינדן זיך מיט מיר, כדי צו זען: אפשר וועט איר געלינגען מיך אַרויסנעמען פון דער טורמע אויף זאַלאָג (בעיל). געוויינטלעך פלעגט מען קיין פּאָליטישע אַרעסטירטע ניט אַרויסלאָזן אויף זאַ־לאָג. אָבער, ערשטנס, איז געווען דער פּאָליטישער „פרילינג" און די נאַ־טשאַלסטוואָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל וואַקלען; צווייטנס, האָב איך געהאַט דעם אויסרייד, אַז איך בין געפערלעך קראַנק. טאַקע וועגן אָט דער קראַנקהייט איז זי געקומען זיך דורכריידן מיט מיר. איך האָב געדאַרפט

דערלאַנגען אַ שריפט דעם פּראָקוראָר פון דער סודעבנאַיאַ פּאַלאַטאַ (געריכט־קאַמער) און אים בעטן מיך באַפרייען צוליב מיין געפערלעכער קראַנקהייט, וועלכע דראָט מיין לעבן. איך האָב אויך געדאַרפט זיך ווענדן צום טורמע־דאָקטאָר מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל מיר אַרויסגעבן דאָס באַטרעפנדיקע צייגעניש וועגן מיין קראַנקהייט.

די חבר׳טע, וועלכע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר מיין כלה, האָט דורכ־געפירט איר שליחות זייער ענערגיש. זי האָט עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד אָפּ־געקלאַפּט די שוועלן פון די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס: געגאַנגען צום פּראָקוראָר, צום געהילף־פּראָקוראָר, צום זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניק, צום טורמע־אויפזעער, צום טורמע־דאָקטאָר. געגאַנגען איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל — און זיך באַקלאָגט אויף מיין ביטערער לאַגע און אָנגעוויזן, אַז איך גיי אויס, איך וועל נים קענען איבערלעבן דעם ווינטער. שטאַרק געהאָלפן האָט איר די שריפט פונעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז די טורמע איז טאַקע פאַר מיר אַ לעבנס־געפאַר.

עס איז אויך נויטיק געווען איבערצוגעבן אין אירע הענט די פינף הונדערט רובל, וואָס איך האָב געהאַלטן בא זיך אין קאַמער איינגעקלעפּט אין דעם איינבונד פון אַ בוך. דאָס געלט האָט מיר אַ פריינט צוגעשיקט פון קיעוו צו העלפן מיר אַנטלויפן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר קענען פאַרווענדן דאָס געלט אויף זאַלאָג. סי־ווי וועט דאָס הייסן, אַז איך אַנטלויף פון דער טורמע.

מיין „כלה" איז געווען דער ערשטער פריער מענטש, וואָס איך האָב געזען פאַר די עטלעכע לאַנגע חדשים פון מיין געפאַנגענשאַפט. די באַגעגעניש האָט מיך אויפגעטרייסלט. עס איז געווען סיי די אויסזיכט אויף באַפרייאונג, סיי דער געדאַנק, אַז די חברים שלאָפן ניט, אַז זיי טראַכטן וועגן מיר און זוכן מיטלען מיר צו העלפן.

מיר האָבן געהאַט סך־הכל פופצן מינוט צו רעדן וועגן אַלצדינג. מיר האָבן געהאַט אַ סך וועגן וואָס צו ריידן. אין יענער צייט האָט די ווילנער לוקישקער טורמע נאָך ניט געהאַט קיין דאָפּל־גראַטעס, דורך וועלכע אַרעס־טירטע זאָלן זיך זען. מען האָט געקענט שטיין פּנים אל פּנים און ריידן. דערביי זיינען געווען וועכטער אויך, אָבער זיי האָבן זיך ניט געקענט איינהערן אין אַלצדינג.

איך מוז באַוואונדערן דעם מוט פון דער חבר׳טע, וועלכע האָט געמאַכט אירע ערשטע טריט אויפן וועג פון העלפן רעוואָלוציאָנערן. זי נעמט זיך געזעגענען מיט מיר און פאַרוואַרפט מיר די הענט אַרום האַלז. איך טראַכט

מיר: וואָס איז דאָס פאַר אַ צערטלעכקייט? אָבער דאָ פיל איך, אַז זי שטופּט מיר הינטערן קאָלנער פון דער בלוזע עפּעס אַ פּעקל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט מיטגעבראַכט די נייסטע אומלעגאַלע ליטעראַטור צונויפגעסייקלט אין אַ קאָמפּאַקטן פּעקעלע, די גרויס, לאָמיר זאָגן, ווי אַ פּעקל סיגאַרעטן אין אַמעריקע. זי האָט דאָס די גאַנצע צייט געהאַלטן אין אירע קליידער און באַם געזעגענען זיך האָט זי דאָס מיר אַריינגערוקט.

איך פיל, ווי דאָס פּעקעלע גליטשט זיך איבער מיין פּלייצע. איך ווייס, אַז עס וועט זיך פאַרהאַלטן באַם גאַרטל. איך טראַכט מיר: „מאַלאַדיעץ״. איך זאָרג זיך נאָר — אפשר וועלן די וועכטער מיך אַרומזוכן באַם פאַרלאָזן דעם צימער. אָבער זיי האָבן ניט אַרומגעזוכט. זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אַף מיין יושר.

יענע וואָך האָט די גאַנצע טורמע געהאַט וואָס צו לייענען. די פרישע ליטעראַטור האָט אַף אַ וואונדערלעכן אופן געשפּאַצירט פון קאַמער צו קאַמער.

## ניין־און־דרייסיקסטער קאפיטל

# העסלעכקייט אין טורמע

פאַרוואָס איז טורמע שלעכט? פאַרוואָס דריקט עס אַזוי אויף דער נשמה? ניט נאָר דערפאַר, וואָס מ'איז אָפּגעריסן פון דער וועלט. ניט נאָר דערפאַר, וואָס די כחות פונעם מענטשן זיינען נעצאַמט. ניט נאָר דערפאַר, וואָס מען דאַרף אויסשטיין פיזישע אומבאַקוועמלעכקייט. מער נאָך דערפאַר, וואָס די טורמע איז העסלעך.

עס איז העסלעך דער צוואַנג פון אַ מענטשן איבער אַ מענטשן. עס איז העסלעך, וואָס אימיצער קען אויף דיר אָנשרייען, דיך איינשפּאַרן אין קאַרצער, דיך פאַרשמידן אין קייטן, אין בעסטן פאַל באַשפּאָן קענען דיר אַ סיסטעם פון רעגולאַציעס — און דו מוזסט פאָלגן. אַפילו אין די קאַמפּן, וואָס פלאַקערן אויף אין טורמע און וואָס זיינען פול מיט דער שיינקייט פון העלדנטום, איז אויך דאָ עפּעס, וואָס באַליידיקט: עס איז דאָך אַ באַליידיקונג, ווען מענטשן קעמפן דורך לאַנגזאַמען זעלבסטמאָרד (הונגער־סטרייק) אָדער ווען אומבאַוואָפנטע מענטשן שטעלן אַרויס זייערע ברוסט קעגן באַוואָפנטע מיט אַן אַרויסרוף: נאַ, שיס! אַ סך אַ גרעסערע באַפרידיקונג וואָלט שוין געווען, ווען די אַרעסטירטע באַוואָפנען זיך מיט רעוואָלווערן און מאַשין־ביקסן און הויבן אָן אַן אמת'ע שלאַכט. אָבער אין יענער צייט האָבן מיר ניט געקענט אַריינשמוגלען אין טורמע קיין מאַשין־ביקסן און רעוואָלווערן. וועגן דעם איז אַפילו ניט געווען קיין פראַגע.

נאָר לאָזן מיר די גייסטיקע זייט. פיזיש איז די טורמע אויך זייער העסלעך. און דאָ איז פאַראַן ווייניק אונטערשייד צווישן אַ צאַרישער טורמע אין 1904, אַ דייטשישער טורמע אין 1914 אָדער אַן אַמעריקאַנישער טורמע היינט. אַ טורמע איז אַ פּלאַץ צו מאַטערן מענטשן. איינס פון די מאַטער־מיטלען איז — ניט צולאָזן גאָרניט, וואָס זאָל קענען דערפרישן די נשמה.

איך וואונדער זיך באמת, וואָס אין די אַמעריקאַנישע טורמעס דערלויבט מען ראַדיאָס. צוריק געערדט פאַרשטיי איך זייער גוט, אַז ווען עס זיצן צוואַנציק אַרעסטאַנטן אין איין קאַמער און ס'איז דאָ בלויז איין ראַדיאָ, ווערט

מען זי כסדר אָנשטעלן אַף דזשעז און אַף אַנדערע ביליקע נומערן און אַ מענטש מיט אַ חוש פֿאַר מוזיק וועט מסתמא איבערלעבן אַן אמת'ן מאַרטער. אַן עמפּינדלעכער מענטש קען אַראָפּ פֿונעם זינען ווען מען שפּילט אים דזשעז אַלע שטונדן, וואָס זיינען פֿריי פֿון אַרבעט.

אונז אין לוקישקער טורמע האָט געדריקט די העסלעכקייט. ניט געווען אַף וואָס אָפּצורוען דאָס אויג. ניט געווען מיט וואָס צו דערקוויקן דאָס עסטעטישע געפֿיל. גרויע פֿאַרוויינטע ווענט. פֿליאַמעוואַטע גראָלעכע סטעליעס. אַ פֿאַרגראַטעט פֿענצטערל, וואָס זעט אויס בעלמעוואַטע. אַן אַספֿאַלט־פּאָדלאָגע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן פֿונעם ערשטן חודש אָן און וואָס האָט זיך באַלד באַדעקט מיט גריבער. אַ בעטל, וואָס האָט נאָר צוויי פֿיס, ווייל מיט די אַנדערע צוויי ווינקלען איז דאָס אַריינגעמויערט אין דער וואַנט. די דאָזיקע צוויי ווינקלען זיינען געמאַכט אין דער פֿאָרמע פֿון זאַווייעסעס. קען מען דאָס בעטל אויפֿהויבן אַזוי, אַז עס טוליעט זיך צו דער וואַנט. ווי נאָר מ'הויבט עס אויף פֿאַרקלאַפּט זיך אויבן דער שלאָס, וואָס איז איינגעמויערט אין דער וואַנט, אַזוי אַז אַף צו עפֿענען דאָס בעטל מוז מען שוין האָבן אַ שליסער. אין אַ געוויסער צייט קומט דער שליסער מיטן שליסל און עפֿנט דאָס בעטל, לאָזט זיך עס דעמאָלט אַראָפּ און שפּאַרט זיך אָן מיט די צוויי פֿיס אַף דער פּאָדלאָגע. ווען דאָס בעטל איז פֿאַרמאַכט, און פֿאַרמאַכט איז דאָס אַ גאַנצן טאָג, הענגען די צוויי אייזערנע פֿיס ווי איבערגעבראָכענע — עפּעס אַזוי הילפֿלאָז און כמעט בעטנדיק: וואָס האָט מען צו אונז? אין אַ ווינקל — אַ גראָ קליין טישל, אויך צוגעשמידט צו דער וואַנט. לעבן טישל — אַ גראָ פּיצל טאַבורעטל.

ניטאָ אַף וואָס אָפּצושטעלן דאָס אויג. ניטאָ מיט וואָס צו דערקוויקן די נשמה. איך האָב ניט דערמאָנט אַז אַנדער שטיק מעבל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל בא דער טיר — אַן עמער איינגעשלאָסן אין אַ קעסטל.

קוקט מען אַרויס אין דרויסן — איז אויך קיין סך ניטאָ וואָס צו זען. דער הויף איז אַ קליינער. ער איז געמאַכט אין דער פֿאָרמע פֿון אַ דריי־עק. דאָס איז אַ שמאָלע צווישן איין טייל פֿון דער פֿינף־קאַנטיקער געביידע און אַ צווייטן. די אַנדערע הויפֿן — עס דאַרף זיין פֿינף אַזעלכע פֿאַר אַלערליי גרופּן אַרעסטאַנטן — זיינען נאָך ניט פֿאַרטיק. די אַנדערע פֿליגלען פֿון דער געביידע זיינען אויך נאָך ניט פֿאַרטיק. פֿון מיין פֿענצטער קען איך זען אָנגעוואָרפֿענע הורבעס ציגל, קופּקעס קאַלך, הויפֿנס געלע ליים, סטאָסעס האָלץ און מיסט אַרום און אַרום. בא דער געביידע אַרבעט מען ווייניק. מען איילט זיך ניט. משמעות, אַז וואָס מער מען ציט, אַלץ מער געלט קריגט

מען. דעריבער איז ניטאָ קיין ענדערונג אין דעם אויסזען פון די מאַטעריאַלן. וואָלטן כאָטש דאָרטן געאַרבעט עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָלטן מיר פון די קאַמערן געקענט אַף זיי קוקן, זען ווי זיי טראָגן ציגל און שטיינער, נאָכ־פאָלגן ווי זיי הויבן זיך אַף די טרעפּ, באַטראַכטן ווי עס וואַקסט די וואַנט. דאָס וואָלט געווען פאַר אונז אַן אמת'ע פרייד. אָבער אין יענעם הויף אַרבעט מען נאָר ווייניק. זעלטן ווען עס באַווייזט זיך דאָרט אַן אַרבעטער. דערצו נאָך קענען מיר זען נאָר איין ווינקל פונעם הויף. אַנדערע, וואָס זיצן ווייטער פונעם צענטער, קענען נאָך ווייניקער זען. מיין קאַמער האָט זיך דווקא געפונען אין אַזאַ טייל געביידע, פון וואַנען איך האָב געקענט אַריינקוקן ניט נאָר אינעם צווייטן הויף, נאָר אויך זען אַ קליין ווינקעלע פונעם דריטן. ס'איז אָבער ניט געווען וואָס צו זען. אין סעפּטעמבער האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס — האָט מען נאָר געקענט זען, ווי דאָס וואַסער פאַלט פון אויבן אַף די ציגל, וואַשט די שטיינער, נעמט דורך דאָס געהילץ און פאַרוואַנדלט דעם שטויב פונעם הויף אין אַ בלאָטע.

גייט מען אַרונטער שפּאַצירן. איז אויך דאָ ווייניק נחת. דער הויף איז קליין. פון איין זייט — אַ וואַנט פון אַן אַנדער פליגל פון דער געביידע. פון דער דריטער זייט — אַ געמויערטע וואַנט מיט אַ טויער אינמיטן. דער טויער איז אַן אייזערנער. ער איז רויט־געפאַרבט. דאָס איז די איינציקע העלע פאַרב, וואָס מיר זעען. אָבער די רויטע פאַרב איז אַ ציטווייליקע. יעדע אייזערנע זאַך מוז מען פריער אָפּפאַרבן מיט אַזאַ מין רויטן שטאָף איידער מען באַדעקט זי מיט איר פּערמאַנענטער פאַרב. דאָס איז כדי דאָס אייזן זאָל ניט זשאַווערן. עס גייט מאַקע אַוועק עטלעכע וואָכן — און דער טויער איז איבערגעפאַרבט אין גראָ. דאָס איינציקע ביסל העלע פאַרב איז אויך שוין פאַרשוואונדן. די ווענט פון די געביידעס זיינען געלבלעך־שמוציק. עס איז מערקווירדיק, ווי שנעל אַ טורמע ווערט שמוציק. ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אין אַ נייער טורמע. די אַנדערע טיילן פון דער טורמע־געביידע זיינען נאָך ניט פאַרטיק. אָבער דער טייל, וואו מיר וואוינען, איז שוין אַזוי אויסגע'חזיר'ט, אַז אין הונדערט יאָר וואָלט מען ערגער ניט געקענט פאַרפּאַטשקען. פון וואַנען נעמט זיך דאָס? פשוט, ס'איז אַ מיאוס'ער פּלאַץ — און קיינער איז ניט פאַראינטערעסירט צו האַלטן אים אין אָרדענונג. די שליסער אויך ניט. אַבי נאָר מען פאָדערט פון זיי ניט די אָדער יענע זאַכן, וועלן זיי טאָן גוטן ווילן ניט אונטערנעמען נאַרנים.

גייען מיר שפּאַצירן — אַ פּאָר צענדליק חברים. זעט מען אַף יענע, ווי אויסגעמאָגערט מען איז געוואָרן, ווי אָפּגעריסן עס זיינען די קליידער, ווי

פארוואקסן עס זיינען די פנים'ער. מיר זאגן איינער דעם אנדערן, אז מען דארף זיך „פאדטיאנוטסיא" — זיך מענטשלען, זיך האלטן אין די הענט. עס איז מיין איבערצייגונג, אז מענטשן אין טורמע דארפן אכטונג געבן אף זייער אויסזען, אף זייערע קליידער, ווייל דאס העלפט אויסהאלטן די מונטערע שטימונג. פאראן אבער אזוינע ארעסטירטע, וואס האלטן, אז דאס איז אומ־נויטיקער „עסטעטיזם". אזוינע דערלאזן, אז זייערע קליידער זאלן ווערן טראנטעס, זייערע שיך זאלן מאנען עסן און זייערע פנים'ער זאלן פארוואקסן ווערן מיט דריי פינגער מאך.

:: :: ::

פאראן אבער אויך מאמענטן — איינצלנע מאמענטן — פון גרויסער שיינקייט אין טורמע.

## פערציקסטער קאַפּיטל

# שיינקייט אין טורמע

צווישן גראָע ווענט אינמיטן אַ העסלעכער וועלט, אין אַ לעבן פול מיט שטויביקער פּיין, פלעגט אַמאָל אַ בליץ טאָן אַ שטראַל פון שיינקייט. פלעגט דאָס אַזוי דערוואָרעמען די נשמה, אַז אַף טעג און טעג איז מעגלעך געווען צו פילן זיך בעסער.

אַף יענער זייט געפּענגעניש איז געלעגן אַ פּוסטער פּלאַץ. אַף יענער זייט פּלאַץ זיינען געשטאַנען הייזלעך. דאָס זיינען געווען, קענטיק, אָרעמע אַלטע הייזלעך. פון מיין פענצטער אַפן פינפטן שטאָק האָב איך געקענט זען די אויבערשטע עטאַזשן פון צוויי אָדער דריי אַזעלכע הייזער. זעלטן ווען איך האָב געזען מענטשן אין די פענצטער. ס'רוב זיינען די פענצטער געווען פאַרהאַנגען. אַפּנים, אַז די טורמע איז ניט געווען צום האַרצן די איינוואוינער פון יענע צימערן. האָבן זיי ניט געוואָלט אַרויסקוקן אַפן שטיינערנעם בייז־וואונדער. אין אָוונט פלעגן זיך אָנצינדן לאָמפּן אין די פענצטער — אָבער געזען האָב איך פון דער ווייטנס נאָר אַ שוואַכן שיין.

איז געקומען אַ זומער־אָוונט — און פון ערגעץ דאָרט האָט זיך דער־הערט דאָס שפּילן אַף אַ פּיאַנאָ. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געהערט מוזיק אין טורמע. ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך ניט, פאַרוואָס האָט מען געשפּילט נאָר איין אָוונט.

ווייך, פאַר'חלום'ט, זאַנפט האָבן געקלונגען שאָפּען'ס נאָקטיורן. אימי־צער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער טרוימערישער מוזיק. נאָכמע נאָך נאָכמע, אַקאָרד נאָך אַקאָרד האָבן זיך געשלענגלט, געוויגט, אַרויפגעפלויגן ווי ליכטיקע פינטעלעך אין דער טונקעלער לופט, זיך צויבערלעך צוזאַמענ־געהעפט און פאַרקלונגען. העכער וואַקסן די ליבע־טענער. שאַרפער קלאַנגט זיך די בענקשאַפט. הייסער טרויערט די ליידנשאַפט. עס רופט אימיצער אין אַ ווייטער ווייטקייט אַריין. די נאַכט נאַכט איז ווי באַצויבערט געוואָרן. זי האָט זיך צונויפגעקייקלט ווי אַ קליין טונקל באַשעפעניש. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט פאַר די פיס פון דעם שפּילער. ס'איז געוואָרן אויס טורמע.

ניט געווען מער קיין גראטעס. אין א פרייען פעלד, אונטער א שטערנדיקן הימל, אין דער שכנות פון הויכע בוימער, וואס הויבן זיך שטיל און באזאכט אין דער בלאער לופט ארוין, שטייט אימיצער און זינגט ארויס דאס ליד פון ליבע, דאס ליד פון פיין, דאס ליד פון שטילער שעמעוודיקער אבער מעכטיקער בענקשאפט.

ניט נאר איך — די גאנצע טורמע איז געווען געפלעפט. אקוראט ווי אן אומבאקאנטער פריינט האט אונז געשיקט א גרוס. א ווארעמע האנט האט געגלעט אייער קאפ, אייער פנים. א שטימע האט געזאגט: זארג זיך ניט, פריינט; ס'וועט אריבער די שווערע צייט; ס'וועלן זיך עפענען די ווענט פון דער תפיסה; ליכטיק וועט ליגן דער וועג פאר אונז אלעמען. דארט, אין עס וועג, וועלן מיר דערגיין צו דער זון.

די נאכטיורנען געענדיקט. דער מוזיקאנט שפילט א פריילעכע בראוואור־מעלאדיע. טענער טאנצן, טענער שטיפן, טענער באגעגענען זיך, שטויסן זיך צונויף, שפרינגען אפ איינער פונעם אנדערן און לאכן, לאכן. ס'איז דא אן אומגעצאמטע פרייד אין דער יאגעניש פון די טענער. עס פאר'שיכור'ט. עס הויבט פונעם ארט.

אויסגעלאזט האט זיך נאר ניט פאעטיש. די מוזיק האט אזוי צערודערט די פארשפארטע, אז אייניקע מער נערוועזע האבן אנגעהויבן קלאפן אין די טירן. ס'איז געווארן א טומל איבער דער גאנצער טורמע. ווערכטער האבן גענומען שלעפן די „רו־שטערער" אין קארצער. די איבעריקע האבן געוואלט וויסן, וואס דא טוט זיך. אין טורמע האט זיך אנגעהויבן איינער פון די געוויינטלעכע „בעזופאריאדקעס" (אומארדענונגען).

:: :: ::

איך פלעג אויפשטיין געוויינטלעך ארום זיבן אזייגער — צו דער ערשטער פאוויערקע. אבער איינמאל האט מען אונז געלאזט וויסן, אז מיר וועלן פארן אין שטאט ארײן זיך באדן אין דער קהל'שער באד (די טורמע האט נאך קיין אייגענע באד ניט געהאט). מיר האבן געדארפט קומען אהינצו אין צייט, ווען קיין אנדער פובליקום איז ניטא. האט די נאטשאלסטווא באשלאסן אונז אוועקצופירן זיך באדן זעקס אזייגער אינדערפרי. האבן מיר געדארפט אויפ־שטיין פינף אינדערפרי. איך שטיי אויף און ווער פארגאפט. איך גלויב ניט מיינע אויגן. מיין גאנצע קאמער איז אנגעפילט מיט גאלד. די סטעליע זעט אויס ווי א גאלדענער פלאם. איך פארשטיי נאר ניט וואס דא קומט פאר. ערשט אין עטלעכע מינוט ארום אריענטיר איך זיך, אז דאס איז דער אפשיין

פון דער אויפגייענדיקער זון. עס ווייזט זיך ארויס, אז ווען די זון גייט אויף, ווארפט זי א שטראל דירעקט אין מיין קאמער. דער שטראל, א גענוג שטארקער, א גאלדענער, ליינט זיך אף דער ווייסער סטעליע און פארבט זי אפ אין גאלד. פון דער סטעליע באקומט זיך אן אפשיין איבער דער גאנצער קאמער. די קאמער לייכט.

טראכט איך מיר: און איך האב גאר ניט געוואוסט, אז בא מיר אין קאמער איז דא אזא טייערער גאסט אלע פרימארגן. עס כאפט ארום אזא פרייד. עס איז דא אזא שיינקייט אין אט דעם גאלדענעם ליכט. פון דעמאלט אן קען איך שוין ניט שלאפן נאך פינף אזייגער. עס ווילט זיך זען דעם ליבן גאסט. דעם גאנצן טאג איז דאך אין מיין קאמער קיין זון־שיין ניט אריינגעדרונגען. ווי קען דאס זיין, ווען דאס פענצטערל איז הויך אונטערן באלקן.

:: :: ::

איך וויל נאך דערציילן דעם עפיזאד מיט די בלומען. ניט קיין לעבעדיקע בלומען — אויסגעמאלטע, אבער שיינע. פריינט האבן מיר צוגעשיקט א בוך וועגן באטאניק. אין דעם, אף באזונדערע בלעטער, זיינען געווען שיינע אילוסטראציעס: בלומען אויסגעמאלטע אין אלערליי פארבן. די צייכענונגען זיינען ניט געווען קיין ביליקע: דאס איז געווען ארבעט פון גוטע מייסטערס.

איך האב מיך מישב געווען, אז אנשטאט צו האלטן די בלעטער אין בוך, וועל איך זיי בעסער אויפהענגען אף דער וואנט. האב איך ביסלעכווייז ארויסגענומען די אילוסטרירטע בלעטער, ארומגעברעמט יעדן בלאט מיט קאלירנדיק פאפיר (וואס איך האב אוועקגעשלעפט פון דער איינבינדעריי) — און בא מיר האט זיך באקומען א בילדער־גאלעריי. עס איז געווען א סך אנגענעמער צו קוקן אף די קינסטלעריש־געמאלטע בלומען, ווי אף דער גרויער וואנט.

מערקווירדיק: די וועכטער האבן ניט געזאגט א ווארט. דאס איז שוין געווען שפעט אין הארבסט, ווען די אטמאספערע אין טורמע איז געווארן אלץ ערגער — און די בלומען אף דער וואנט זיינען פאר מיר געווען אן אמת'ע דערלייכטערונג. אייניקע פון די וועכטער האבן אפילו געלויבט די „גאלעריי".

ווייזט אויס, אז דאס איז אריינגעגאנגען אין דונקעל'ס חשבונות. איינ־מאל אין אוונט איז ער ארומגעגאנגען מיט אן אינספעקטאר איבער ווייזן די

טורמע. די טיר פון מיין קאמער האט זיך געעפנט. דונקעל ווייזט אן דעם אינספעקטאר אויף מיין ציכטיק־צוגעקליבענער קאמער מיט דעם נעט־פארבעטן בעטל, מיט די ביכלעך אפן טיש און מיט די בלומען אפן וואנט. דונקעל זאגט:

— איר זעט, ווי באקוועם עס האבן זיך ביי אונז איינגעריכט די ארעס־טאנטן. דאס זעט דאך אויס ווי א פריוואטער קאבינעט.

דער באאמטער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ.

איז דאך גוט? אפן צווייטן טאג איז ארויס א באפעל — ארונטער־נעמען די בילדער פון דער וואנט.

וואס איך האב דעמאלט אנגעוואונטשן דונקעל'ן, פארשפאר איך דער־ציילן.

## איין־און־פערציקסטער קאפיטל

# סטוק - סטוק - סטוק - סטוק

די טורמע האט נעקלאפט. די שטימונג איז געווארן אלץ מער געדריקט. גאטשאלסטווא איז געווארן אלץ בייזער, און וואס ערגער עס האבן זיך געפילט די ארעסטירטע, אלץ מער האט מען זיך דורכגערעדט דורכן טורמע־טעלעגראף: מען האט נעקלאפט.

דאס קלאפן איז אויסגעבילדעט געווארן אין א סיסטעם. באלד האבן מיר זיך נעקענט צונויפריידן מיט יעדן איינעם אין טורמע פון אויבן ביז ארונטער.

דאס לייכטסטע און איינפאכסטע איז — א געשפרעך מיטן שכן דורך דער וואנט. איר ליגט אפן בעטל אין אייער קאמער. דער שכן געפינט זיך אף זיין בעטל אף יענער זייט וואנט. די וואנט איז א דיקע — עטלעכע פוס. אבער דאס האלט ניט אפ דעם קלאנג. איר באוואפנט זיך מיט א בלייער אדער א קנעפל אדער אן אנדער שטיקל אינסטרומענט. איר ליגט איבער־געדעקט מיט דער קאלדרע און עס דאכט זיך פון דער ווייטנס — איר שלאפט. איר קלאפט זייער שטיל. איר גיט דעם סיגנאל: דריי לאנגזאמע קלעפ. דער שכן ענטפערט פון דער אנדערער זייט מיט דעם זעלביקן סיגנאל. הייסט עס: „איך הער". דער געשפרעך הויבט זיך אן. אף יעדן בוכשטאב דארפט איר קלאפן צוויי ציפערן, אבער ערשטנס איז קיין ציפער ניט לענגער פון זעקס, צווייטנס דארפט איר ניט אויסקלאפן דאס גאנצע ווארט. ווי נאר איר האט אויסגעקלאפט די ערשטע צוויי אדער דריי בוכשטאבן, קלאפט אייך דער שכן: איינס, צוויי! הייסט עס: „איך פארשטיי שוין". הויבט איר אן דאס צווייטע ווארט. איידער נאך איר האט פארענדיקט דעם זאץ, קלאפט ער אייך ווידער: איינס, צוויי! הייסט עס — ער האט שוין פארשטאנען, וואס איר ווילט זאגן מיטן זאץ. איר קענט אנהויבן א צווייטן. איז דעריבער מענלעך צו פירן א לאנגן געשפרעך. דערצו לערנט איר זיך אויס קלאפן אזוי

שנעל, אז עס נעמט ווייניק צייט. אין א חודש־צוויי ווערט איר אן עקספערט. עס גייט אוועק א קלאפעניש — אף וואס די וועלט שטייט.

קלאפן איז געווען פארבאטן. דאס מאכט א תל פון דעם איינצל־ארעסט. אויב איר קענט זיך צוזאמענריידן מיט אייער שכן, זייט איר דאך ניט אליין. נו, האבן די וועכטער אכטונג געגעבן, אז מיר זאלן ניט קלאפן. אבער גיי, באווארן. ליגנדיק בא דער וואנט אף די בעטלעך, האבן מיר געקענט קלאפן אזוי שטיל און אזוי אומבאמערקבאר, אז דער וועכטער אף דער גאלעריי זאל נאר ניט דערהערן.

עס פלעגן זיך אויך צוזאמענרעדן מענטשן, וואס זיינען געזעסן איינער איבערן אנדערן. דאס איז געווען א ביסל שווערער, אבער ס׳האט זיך געלאזט מאכן. איר גיט א ספעציעלן קלאפ אין דער פאדלאגע. אייער שכן אונטן הערט דאס איבער זיין קאפ. ער ענטפערט אייך מיט א קלאפ אין זיין אייזערן בעטל. דאס הערט איר אפילו דורך דער פאדלאגע. הייסט עס: ער איז גרייט. דער געשפרעך הויבט זיך אן. איר זיצט בא זיך אפן שטול און קלאפט אויס אייערע בוכשטאבן מיטן פוס אף דער פאדלאגע. יענער ענטפערט, קלאפנדיק אין דער סטעליע מיט א שטעקל אדער אפילו אין זיין וואנט, נאר א ביסל שטארקער. דאס ריידן גייט ניט אזוי שנעל, אבער איר קענט זיך צונויפריידן. איר קענט זיך אפילו צונויפריידן מיט איינעם, וועלכער געפינט זיך מיט צוויי שטאק העכער אדער מיט צוויי שטאק נידעריקער. איר גיט נאר א סיגנאל דעם שכן אינמיטן, אז ער זאל שווייגן. למשל, אויב איר זיצט אפן צווייטן שטאק און ווילט זיך צוזאמענרעדן מיט א חבר אפן פערטן שטאק, וועלכער זיצט איבער אייך, קלאפט איר אויס אין דער סטעליע א סיגנאל צו אייער שכן אפן דריטן שטאק, אז ער זאל איבערגעבן דעם חבר אפן פערטן שטאק, אז איר ווילט ריידן, און ער אליין, דער שכן פונעם דריטן שטאק, זאל שווייגן. דאס איז מעגלעך אפילו ווען דער שכן געפינט זיך ניט דירעקט איבער אייך, נאר א קאמער אדער צוויי אן א זייט. די קלאנגען צעטראגן זיך איבער דער טורמע. עס הערן זיי אנדערע אויך, אבער פאר חברים האט איר דאך ניט קיין באזונדערע סודות.

אזוי האט די טורמע נאכאנאנד געהאלטן אין איין קלאפן. עס איז געווען נאך איין מיטל פון צוזאמענריידן זיך — און דאס איז געווען: קלאפן אף די ראדיאטארס. די טורמע האט געהאט צענטראלע הייצונג. אין יעדער קאמער איז געשטאנען א ראדיאטאר. רערן פון דער באהייצונג זיינען גע־גאנגען איבער דער גאנצער טורמע. ווען מען האט א קלאפ געגעבן אין איין ארט, האט אפגעקלונגען איבער אלע עטאזשן. האבן מיר טאקע אט די

סיגנאַליזאַציע אויסגענוצט נאָר אין פאַל פון געזעלשאַפטלעכע מעלדונגען. דעמאָלט האָט דער חבר, וואָס האָט געדאַרפט מאַכן אַ מעלדונג, אָנגעקלאַפּט אָן דעם ראַדיאַטאָר. אַלע חברים האָבן אויפגעהערט דאָס קלאַפּן און זיך איינגעהערט. די מעלה פון דעם קלאַפּן אָפּן ראַדיאַטאָר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט געהערט אַפילו אין די קאַמערן, וואָס אַנטקעגן. מען האָט נאָר געדאַרפט צוליינען דעם אויער.

די נאַטשאַלסטוואָ האָט אונז געוואָלט איזאָלירן. אָבער מיר זיינען שטענדיק געווען פאַרבונדן איינער מיט אַלע און אַלע מיט איינעם. איך וועל שוין ניט ריידן וועגן דער ביבליאָטעק. עס איז געווען אַ טורמע־ביבליאָטעק, וועלכע מיר אַליין האָבן געהאָלפן איינשטעלן. מיר האָבן איינגעפירט אַ כלל, אַז ווען אימיצער גייט אַרויס פון טורמע, לאָזט ער איבער אַלע זיינע ביכער פאַר דער טורמע־ביבליאָטעק. אַזוי ווי די אַרעסטירטע פלעגן באַקומען פון דער פריי זייער אַ סך וואָס צו לייענען, און אַזוי ווי עס פלעגן כסדר באַפרייט ווערן אַרעסטירטע נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעזעסן אַ שטיקל צייט, פלעגן מיר אַריינקריגן אין דער ביבליאָטעק אַלץ מער ביכער. חברים, וואָס זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, האָבן אויך ניט געקענט מיטנעמען אַלע זייערע ביכער. האָבן זיי די מערסטע געלאָזט פאַר דער ביבליאָטעק.

איז די ביבליאָטעק געוואָרן אַ מיטל פון פאַרבינדונג צווישן די אַרעסטאַנטן. אין אַ בוך האָט מען אַלעמאָל געקענט אַריינשמוגלען אַ צעטעלע. מען האָט עס אַריינגעשטעקט אינעם רוקן פונעם באַנד אָדער מען האָט עס צוגעקלעפּט באַ די ברעגן צו אַ בלאַט אינעווייניק. דער ביבליאָטעקאַר איז אין דער זעלביקער צייט אויך געווען דער פּאָסטמייסטער, — און איר מעגט זיכער זיין, אַז ער האָט געהאַט גענוג אַרבעט.

ביינאַכט, ווען אימיצער שטעלט זיך אַוועק אויף די טרעפּ אינמיטן דעם ליידיקן שטח צווישן די רייען קאַמערן און הערט זיך איין, וואָלט אים די טורמע געמאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק. עס האָט זיך געדאַכט אַקוראַט ווי די גאַנצע גרויסע געביידע רודערט זיך. אַקוראַט ווי יעדער שפּאַן פון די ווענט און פּאָדלאָגעס ווערט צעגראָבן פון אינעווייניק דורך אַזוינע איידעלע אינסטרומענטן. ווען, אַ שטיינער, אַ צען טויזנט מייז וואָלטן געגריזשעט די ווענט פון דער טורמע, וואָלט זיך מסתמא באַקומען אַזאַ קלאַנג. און וואָס איז דאָס געווען? דאָס האָבן זיך די אַרעסטאַנטן איבערגעקלאַפּט איינער מיטן צווייטן. פון קאַמער צו קאַמער, פון קאָרידאָר צו קאָרידאָר, פון עטאַזש צו עטאַזש איז געגאַנגען דער סטוק־סטוק־סטוק.

אף די גאלערייען דרייען זיך ארום די וועכטער. זיי דארפן דאס פאר־באַטן. זיי וועט דערפאר „ארייגפליען" פון דעם טורמע־נאטשאלניק. די גע־פענגעניש דארף זיין שטיל. גייען זיי פון קאמער צו קאמער. הערן זיך איין. שטייען הינטער מיין טיר, ליינן צו אן אויער: אהא, אט דער און דער קלאפט! זיי טוען אן עפן אויף די קאמער, רייסן זיך אריין. „דו האסט געקלאפט, דו אזוינער און אזוינער!" דער באטרעפנדיקער מאכט אן אומ־שולדיקע מינע. וואס? ווער? ווען? מען האט אים גאר אויפגעוועקט פונעם שלאף. דערווייל איז דער שכן פון דער אנדערער זייט אנטשוויגן גע־ווארן. איר האט אים געגעבן דעם געפאר־סיגנאל. דער סיגנאל איז געווען א צוויי טוץ שנעלע קלעפ איינער נאכן אנדער.

אט אזוי האט די נאטשאלסטווא געפרואווט אונז כאפן און מיר האבן זיך ארויסגעדרייט.

אבער לעבן איז אונז פונדעסטוועגן אלעמאל געווארן שווערער.

## צוויי־און־פערציקסטער קאַפּיטל

# דער שטורעם אין טורמע

זומער איז נאָך געווען ווי ניט איז צו דערליידן. אָבער ווען דער האַרבסט איז געקומען, די טעג זיינען געוואָרן קאַלט און רעגנדיק, דער הימל איז כסדר געווען פאַרהאַנגען מיט וואָלקנס, איז די לאַגע אין טורמע געוואָרן ערגער.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם וועטער. עס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער פּאָליטישער סיטואַציע אין לאַנד. די מאַסן־באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די מפּלות פון דעם צאַר'ס אַרמיי אין ווייטן מזרח זיינען געוואָרן אַלץ שענדלעכער. די אַרעסטירטע זיינען געוואָרן אַלץ מער אומרואיק. די נאַטשאַלסטוואָ איז געוואָרן אַלץ מער נערוועז.

מען האָט אָנגעהויבן באַשטראָפן. די קלענסטע שטראָף איז געווען — פאַרשליסן דאָס בעטל פאַרן טאָג. געוויינטלעך האָט מען זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק און געלאָזט דאָס בעטל ניט פאַרשלאָסן. האָט אַ מענטש זיך געסעצט אויסצייען אָפן בעטל באַטאָג. כדי צו באַשטראָפן, האָט נאַטשאַלסטוואָ פאַרשלאָסן די בעטלעך. אָבער דאָס איז געווען אַ קלייניקייט. די נעקסטע מדרגה פון שטראָף איז געווען — צונעמען דעם מאַטראַץ. האָט שוין דער אַרעסטירטער געדאַרפט שלאָפן אויף די אייזערנע פרעגטעס פונעם בעטל, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין לייב. די נעקסטע שטראָף איז געווען — פאַרשליסן דאָס בעטל און צונעמען ביים אַרעסטאַנט די קאָלדרע מיטן מאַנטל, אַזוי אַז ער האָט געמוזט שלאָפן אויפן פייכטן און קאַלטן אַספאַלט. נאָך אַ גרעסערע שטראָף איז געווען — לאָזן אַ מענטשן אין קאַמער מיט אַ פאַרשלאָסענעם בעטל אָן אַ קאָלדרע און אָן אַ מאַנטל און דערצו נאָר אויף ברויט מיט וואַסער.

די נעקסטע מדרגה איז געווען — קאַרצער.

די קאַרצערס האָבן זיך געפונען אין קעלער־שטאָק פון דער טורמע. אַ קאַרצער איז געווען אַן אויסגעמויערטער זאַק — פיר שפּאַן די לענג, דריי שפּאַן די ברייט און אַזוי הויך, אַז אַ געוויקסיקער מענטש האָט דאַרט ניט געקענט שטיין גלייך. קיין ווענטילאַציע איז ניט געווען. אַ שפּאַלט צווישן צוויי ציגל האָט געדאַרפט אַריינלאָזן לופט. אָבער לופט איז אַריינגעקומען זייער ווייניק. דער קאַרצער איז געווען אַ ניט־געהייצטער. אַזוי ווי די טורמע איז געווען אַ נייע און אַ פייכטע, איז אין קאַרצער אויף דער פּאָדלאָגע כסדר געשטאַנען וואַסער. קיין שטול אָדער בעטל איז ניט געווען. אַן אַרעסטירטער האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָוועקצוזעצן זיך אויף דער פּאָדלאָגע, ווייל

דאָרט איז געווען וואַסער. האָט ער געמוזט שטיין אַף די פּיס. פון דער וואַסער פלעגן געשוואָלן ווערן די פּיס.

אַ טאָג אין קאַרצער איז געווען גענוג צו מאַכן אַ מענטשן קראַנק. אַ וואָך אין קאַרצער איז געווען גענוג אַף איבערצופירן זיין געזונט אַף אַ לאַנגער ציים, אויב ניט אַף שטענדיק. און געווען זיינען בײַ אונז אַרעסטירטע, וואָס מ׳האָט זיי אָפּגעהאַלטן אין קאַרצער העכער צוויי וואָכן.

אויב אין די ערשטע טעג נאָך פּלעווע׳ס טויט (יולי 1904) האָט די נאַ־טשאַלסטוואָ זיך געפילט אַ ביסל אומרואיק ; אויב אין די ערשטע וואָכן פונעם פּאָליטישן „פּרילינג״ האָט זי געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל פון ליבע־ראַליזם, האָט זי איצט פאַרצוינגן די לייצעס. דערצו זיינען אונזערע נערוון אויך שוין געווען אָנגעצויגן. אַריבערגעפירט האָט מען אונז אין לוקישקער טורמע אין יולי. אַרום אָקטאָבער זיינען מיר שוין געווען גענוג אויס־געהונגערט, גענוג אויסגעמאַטערט, גענוג דערצאָרנט.

עס איז געקומען אַ צייט — און מיר האָבן באַשלאָסן מאַכן אַ בונט. אַף ענגליש וואָלט מען דאָס גערופן : „ראַיאָט״.

דער בונט איז צוגעגרייט געוואָרן מיט אַלע פּרטים. עטלעכע טעג איז געגאַנגען אַ פאַרשטאַרקטע קלאַפּעניש פון קאַמער צו קאַמער, פון שטאָק צו שטאָק, פון איין זייט געביידע צו דער צווייטער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז לויט אַ סיגנאַל, וועלכער וועט געגעבן ווערן דורך דריי שטאַרקע קלעפּ איבער דעם ראַדיאַטאָר, זאָלן מיר אָנהויבן יעדער איינער מאַכן אַזאַ גרויסן טומל, ווי מיר וועלן נאָר קענען. דער פּלאַן איז געווען — צעברעכן די גאַנצע מעבל אין יעדער קאַמער, צעברעכן די בלים, אויסשלאָגן די פענצטער און בכלל פאַרוואַנדלען די גאַנצע געפענגעניש אין איין גרויסן שטיק בונט.

אַזוי איז געווען.

אין דרויסן האָט גערעגנט. אין די קאַמערן איז געווען אַ זיסלעכע פאַר־דומפּענע לופט. די פענצטער האָבן מיר געמוזט האַלטן פאַרשלאָסן — אַזוי איז געווען דער באַפעל פון נאַטשאַלסטוואָ. די לעמפּלעך האָבן שוואַך באַ־לויכטן די קאַמערן. די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַט אָפּגעגעסן זייער אָרעמע וועטשערע. אַלע זיינען געווען אָנגעשטרענגט, געוואַרט אַף דעם סיגנאַל. ס׳האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינטלעכע שטילקייט. קיין שאָרך, קיין קלאַפּ. מען האָט געקענט הערן, ווי דאָס איינציגע בלוט זשומעט אין קאָפּ. מען האָט געקענט פילן, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מינוטן זיינען געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, כאָטש די צייט איז געלאָפן שנעל. ווען וועט שוין קומען דער סיגנאַל ?

און מיטאמאל: גלין—גלאַן—גלאָן! דער חבר אויף דער אַנדערער זייט פון דער געביידע האָט אָנגעהויבן. איידער ער האָט נאָך פאַרענדיקט דעם דריטן קלאַפּ, האָט זיך דערהערט אַ בייזער הייזעריקער געשריי פונעם וועכטער: „וואָס קלאַפּסטו? איך וועל דיר צעקלאַפּן דעם קאָפּ!" — און די טורמע האָט געענטפערט מיט דעם גרויסן שטורעם.

באַ מיר אין קאַמער איז דעמאָלט געזעסן חבר אפרים. אַזוי ווי עס איז געווען ווייניק פּלאַץ פאַר דער וואַקסנדיקער צאָל אַרעסטאַנטן, האָט מען שוין געהאַלטן צוויי אין אַ קאַמער. די נאַטשאַלסטוואָ האָט ריכטיק אויס־גערעכנט, אַז עס איז בעסער צו האַלטן צוזאַמען אַזוינע אַרעסטירטע, וואָס ווערן באַשולדיקט אין דער זעלביקער „דיעלאָ" (קעיס). סיי־ווי זיינען מיר דאָך שוין פריער געזעסן צוזאַמען און מיר וואָלטן קיין נייעס איינער דעם אַנדערן ניט געקענט מיטטיילן, בשעת מענטשן מיט פאַרשיידענע „דיעלאָס" קענען נאָך אפשר העלפן איינער דעם צווייטן.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בונט, האָבן חבר אפרים און איך גענומען צעברעכן דעם שטול. קיין סך אַרבעט האָבן מיר ניט געהאַט. באַלד האָט ער זיך באַוואָפנט מיט איין פיסל פונעם שטול און איך מיט אַ צווייטן און מיר האָבן גענומען באַראַבאַנעווען איבער דער טיר. דער פּלאַן איז געווען — אויב מעגלעך אויסברעכן די טיר.

מיר האָבן פון אָנפאַנג ניט געהאַט קיין צייט זיך איינצוהערן, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע קאַמערן. מיר זיינען געווען צו פאַרנומען מיט אונזער איינענעם חלק פון דער אַרבעט. אפרים האָט אויסגעפונען, אַז מיר מאַכן ניט גענוג טומל. האָט ער אָפּגעבראָכן דאָס דעקל פונעם עמער און גענומען קלאַפּן איבערן קעסטל. דערפון איז געוואָרן אַ גרעסערער טומל. איך האָב נאָכאַנאַנד געפּויקט איבער דער טיר. איך האָב כאָטש געוואָלט אויסזעצן דאָס פענצטערל, אַזוי אַז עס זאָל זיך עפענען אַ לאָך צו דער גאַלעריי. איך האָב זיך קאָנצענטרירט אויף דער טיר. אפרים אָבער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מער דערפינדערישקייט. ער האָט צעבראָכן דאָס בלעכענע קעסעלע, וואָס האָט געהערט דער טורמע. ער האָט דאָס זייער שנעל פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ שטיקל שרויף: ניט אומזיסט איז ער געווען אַ בלעכער. די רעשטן פונעם טאַבורעטל האָט ער צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך און זיי אָנגעהויבן וואַרפן אין פענצטער אַריין. באַלד האָבן געפּלאַצט די שויבן. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פרישער ווינט. מיר האָבן זיך גענומען פאַר דער קלאַפּ־אַרבעט מיט באַנייטן ברען.

## דריי־און־פערציקסטער קאפיטל

# דער בונט און די שטראָף

ווען מיר האָבן זיך איינגעמאַטערט פון דעם קלאַפּן, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. דעמאָלט ערשט האָבן מיר געקענט הערן, וואָס עס טוט זיך אין טורמע.

די טורמע האָט געקלאַפּט, געהודושעט, געברומט, געקראַכט. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ בריאַזג פון שויבן. דאָ און דאָרט האָט אימיצער מיט אַ שווערער מעטאַלענער זאַך געקלאַפּט איבערן ראַדיאַטאָר און יענער האָט אַזש געקוויטשעט. דאָ און דאָרט האָט אימיצער מיט זייער אַ שווערער זאַך געפויקט איבער דער טיר. עס האָט זיך באַקומען אַלערליי מאָרטן פויקעריי: לאַנגזאַמע און שנעלע, כמעט סטאַקאַטאָ, קלעפּ נידעריקע, און קלעפּ הויכע און ציטערדיקע, קלעפּ ברייטע ווי געגעבן מיט אַ מעכטיקער האַנט, און קלעפּ גאָר לייכטע, פלינקע. אינמיטן האָט עפּעס געשקראַבעט און געשאַרט און געשיפּעט און געקרעכצט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע טורמע פון אויבן ביז אַראָפּ איז איין שטיק ברעכעריי. אַקוראַט ווי די גאַנצע געביידע ווערט אַרונטערגעריסן. אַקוראַט ווי אַן אַרמיי האָט זיך גענומען צו איר, ניט צו לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין.

אַמבעסטן האָבן געקלאַפּט די חברים, וועמען עס איז געלונגען אויסצוברעכן אַן אייזערן פּיסל פון עם בעט. געווען אַזוינע, וואָס האָבן דאָס באַוויזן. געווען שטאַרקע יאַטן. ווען אַ מענטש האָט זיך באַוואָפנט מיט אַזאַ מין שטיק אייזן, האָט ער טאַקע געקענט קלאַפּן אין דער טיר מיט דער האָפענונג זי אויסצוזעצן. סוף כל סוף זיינען די טירן גאָר געווען איינגעמויערט אין ציגל. ווען מען קלאַפּט פעסט גענוג, האָט זיך געדאַכט, קען מען אַרויסרייסן די טיר.

מיר, אין אונזער קאַמער, האָבן זיך סוף כל סוף באַגרענעצט מיטן פענצטערל. דאָס פאַרהאַסטע פענצטערל! דאָס גלעזל פון עם קוקער האָבן מיר שוין לאַנג צעבראָכן. איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי! אונזער ענערגיע פאַרשטאַרקט זיך מיט יעדער מינוט. מיר פאַלן אַריין אין אַ מאָדנע עקסטאַז

פון קלאפעריי. אָבער די גאַנצע צייט פאַרגעסן מיר ניט צו שטיין אָן דער זייט פון דער טיר. עס איז פון אָנפאַנג אָן באַשלאָסן, אַז ווען מיר קלאַפּן, זאָלן מיר שטיין בײַ די זייטן, כּדי טאָמער וועט מען שיסן פון דער גאַלעריי דורך דער טיר, זאָל מען אונדז ניט טרעפן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. נאָכדעם ווי עס איז אַוועקגעגאַנגען עטלעכע מינוט מיט דער קלאַפּעריי, נאָכדעם ווי די וועכטער האָבן אומזיסט געשריען: „האַלט! גענוג!" האָבן זיך מיטאַמאָל דערהערט שאָסן. באַך, באַך, באַך! די שאָסן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט איבערגעריסן אויף צווייען דאָס גרויסע געשווירבל פון קלאַפּעריי. אויף אַ האַלבער מינוט איז געוואָרן שטיל. אפשר נאָר אויף עטלעכע סעקונדן. מיר האָבן פריער אָפּגערעדט, אַז אויב מען וועט שיסן, זאָלן מיר ניט אָפּשטעלן די קלאַפּעריי.

העי, ווי דאָס שיסן האָט אונדז צעהיצט! העי, ווי די געפאַר האָט פאַרדאָפּלט אונדזער ענערגיע! קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ, באַך, באַך, באַך! שטאַרקער, טיפער, העכער! ברום, טיר! קלינגט, זשוויעסעס! ציטער, פענצטערל! אונדזער גאַנצן האַס, אונדזער גאַנצע גאַל, אונדזער גאַנצן פייער לייגן מיר אַריין אין אונדזערע פינגער, אין אונדזערע קלאַפּ־אינסטרומענטן. קלאַפּ, קלאַפּ, טראַך, טראַך, טראַך! באַם, באַם, באַם! דאָס פענצטערל הייבט זיך שוין אָן וואַקלען. מיר האָבן קענטיק אָפּגעשוואַכט די זשוויעסעס אויף יענער זייט. דאָס זיינען דיקע אייזערנע זשוויעסעס, אָבער זיי גיבן זיך שוין אונטער. קלאַפּ־זשע ווייטער! בוך, באַך, באַך! מיטאַמאָל טוט עפּעס אַ ברען פאַר די אויגן, אַקוראַט ווי אַ בליץ איז דורכגעפלויגן. דאַכט זיך דאָס אונדז נאָר? מיטאַמאָל אַ צווייטער. דערביי טוט אונדז אַ פּלעם אין די אויערן, ווי אימיצער וואָלט אונדז דערלאַנגט איבערן קאָפּ. וואָס איז דאָס? יאָ, די וועכטער האָבן פון דרויסן אַריינגעשאָסן צוויי קוילן דורך אונדזער טיר. אידיאָטן! גלויבן זיי טאַקע, אַז אימיצער וועט שטיין פּונקט פאַר דער טיר, בילדן אַ ציל־ברעט פאַר די קוילן?

דער שטורעם דויערט. די טורמע פלאַקערט אין איין העלישן פייער פון פּראָטעסט. דערביי הערן מיר אויסרופן. חברים רופן זיך איבער פון קאַמער צו קאַמער. חברים וואַרפן די וועכטער צאָרנדיקע ווערטער. אַלצדינג וואָס ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דער נשמה דורך לאַנגע חדשים, געפינט דעם אויסדרוק.

און באַלד הערן מיר — אַ טרומייט. ווייסן מיר, וואָס דאָס באַדייט: סאָלדאַטן.

איך טו אַ קוק אַפּן זייגער. נאָך ניט אַריבער קיין צוואַנציק מינוט זינט

מיר האָבן אָנגעהויבן דעם בונט — און שוין זײַנען דאָ סאָלדאַטן. מסתמא האָט מען זיי געבראַכט פון אַ ניט־ווײַטער קאַזאַרמע.

מיר שטעלן אָפּ דאָס קלאַפּן. מיר זיצן און וואַרטן. מיר ווייסן — די שטראָף וועט קומען. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז דער פּראָטעסט וועט האָבן זײַן ווירקונג. נאָך דער שטראָף וועט ווערן גרינגער. מיר וועלן זיך אויס־קעמפן אַ ביסל מער פרייהייט הינטער אײַזערנע גראַטעס.

מיר הערן זיך אײַן. מיר קענען שוין אַלע קלאַנגען. מיר ווייסן, ווער עס קומט. מיר דערקענען דאָס לויט די קאָמאַנדע־רופן: „סמירנאָ!" מיר ווייסן, אַז די גאַנצע שטאָטישע אַדמיניסטראַציע איז דאָ פאַרזאַמלט. ס'איז דאָ, פאַרשטייט זיך, דער טורמע־נאַטשאַלניק. ס'איז דאָ דער פּראָקוראָר פון דער סודעבנאַיאַ פּאַלאַטאַ (געריכט־קאַמער). ס'איז דאָ דער זשאַנדאַרמסקע פּאָל־קאָווניק. ס'איז אפשר אויך דאָ דער גובערנאַטאָר. געוויס זײַנען דאָ די אַנדערע זשאַנדאַרמסקע אָפּיצירן און אַנדערע. דער קאָמאַנדיר פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג מוז דאָ זײַן. די גאַנצע טורמע איז אויפגעלעבט.

מען גייט פון קאַמער צו קאַמער. וואָלט די צאָל פּראָטעסטאַנטן געווען אַ קליינע, וואָלט מען זיי נעקענט גיכער באַשטראָפן. אָבער דאָ, באַם איצטיקן בונט, איז ניט געווען קיין „סלעקערס". אַלע האָבן געקלאַפּט, אַלצדינג איז צעבראָכן געוואָרן אין אַלע קאַמערן. ניי, באַשטראָף.

פונדעסטוועגן האָט מען נעדאַרפט אָנלערנען די אַרעסטאַנטן. האָט מען אויסגעקליבן עטלעכע פון זיי. איך האָב זיך נעוואונדערט, וואָס אָף מיר איז ניט געפאַלן קיין גרויסע שטראָף. מיר האָט מען נאָר פאַרשלאָסן דאָס בעטל. אייניקע פון די אַרעסטירטע האָט מען אַרײַנגעזעצט אין קאַרצער. ביי אייניקע האָט מען צוגענומען די מאַטראַצן. אייניקע האָבן די סאָלדאַטן געבונדן מיט שטריק און זיי האָבן געמוזט אָפּליגן אין זייערע קאַמערן גע־בונדענע אַ גאַנצע נאַכט. נאָך אייניקע האָט מען געדראָט, אַז מען וועט זיי אָוועקשטעלן פאַרן געריכט. אָבער אין אמת'ן האָט מען קיינעם צום געריכט ניט איבערגעגעבן.

ביים ליכט פון דעם רויכערדיקן לעמפּל (דאָס גלעזל איז צעבראָכן געוואָרן אינעם נערודער) האָט מען שפּעט בייַנאַכט געשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע־באַריכט וועגן די געשעענישן. מען האָט דערציילט די אַרבעטער פון ווילנע, צו וואָס פאַר אַ צושטאַנד די נאַטשאַלסטוואָ האָט דערפירט די אַרעסטירטע. מען האָט איבערגעגעבן וועגן די שטראָפן. מען האָט פאָרמולירט די פאָדערונגען. ווי אַזוי די פּראָקלאַמאַציע וועט אַרויסגעשמוגלט ווערן פון דער טורמע, האָט

מען נאָך ניט געוואוסט. איינס אָבער האָט מען געוואוסט אַף געווים — אַז אַ וועג וועט זיך געפינען.

און אַ וועג האָט זיך געפונען. אַפן שפּאַציר־גאַנג מאָרגן — זייער ווייניק זיינען אַרוים שפּאַצירן; דער גרעסטן טייל האָט מען דאָס פאַר־ווערט — איז דאָס צונויפגעקייקלטע פּאַפּירל מיט די ענג־אָנגעשריבענע שורות איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון איינעם, וועמען זיין ווייב פלעגט ברענגען מיטאָג אַלע טאָג.

די נאַטשאַלסטוואָ האָט דערלויבט אייניקע אַרעסטאַנטן צו קריגן מיטאָג פון די היימישע. פלעגט די פרוי צושטעלן אַ טעפּל קאַשע מיט אַ שטיקל פלייש און אַ שטיק ברויט. די וועכטער פלעגן גראָבן אין דער קאַשע און קאַלופּען דאָס ברויט, צי ליגט דאָרט ניט עפּעס באַהאַלטן. אָבער ווען דער מיטאָג איז געווען געענדיקט און די טעפּלעך זיינען אומגעקערט געוואָרן דער וואַרטנדיקער פרוי, איז דאָרט געווען דער טעקסט פונעם אויפרוף.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געווען אָפּגעדרוקט אומלעגאַל און פאַר־שפּרייט איבער ווילנע.

## פיר־און־פערציקסטער קאפיטל

# איך ווער באַפרייט

צוויי טעג נאָך דעם בונט, שוין שפּעט אין אָוונט, רופט מען מיך ארויס אין קאנטאָר. דאָרט געפין איך מיין „כלה". זי זאָגט מיר אָן, אז אין צוויי טעג ארום וועט מען מיך באפרייען.

עס וויזט זיך ארויס, אז איר ארבעט איז ניט געווען אומזיסט. זי האָט איבערצייגט די באאמטע, אז די טורמע איז פאַר מיר א לעבנס־געפאַר. זי האָט זיך דערשלאָגן פאַר מיר דאָס, וואָס ס'האָט אויסגעזען אוממעגלעך: מען וועט מיך באפרייען אף „זאלאָג" (בעיל). מען דאַרף אריינלייגן פינף הונדערט רובל. אין יענער צייט האָב איך שוין געהאט ארויסגעגראָבן פונעם איינבונד די פינף הונדערט רובל, וואָס מ'האָט מיר צוגעשיקט פון קיעוו, און האָב זיי געהאַלטן אין מייַע קליידער. איצט האָב איך זיי איר איבערגעגעבן, כמעט אָפן. עס איז ניט געווען מער וואָס זיך צו היטן. עס איז געווען א פראַגע נאָר פון עטלעכע פאָרמאַליטעטן, האָט זי מיר געזאָגט. ווען איך וועל אונטערשרייבן נאָך א פּאָר פּאַפּירן און זי וועט זיי ברענגען אין נעזויסע אנשטאַלטן, וועל איך ווערן פריי.

צוריק אין מיין קאמער בין איך געגאַנגען שוין ניט אף דער נאַסער ערד, נאָר אין די וואָלקנס. אַזאַ לייכטקייט אין די פיס, אַזאַ ליכטיקייט אין קאָפּ.

זאָל איך זאָגן, אַז איך האָב זיך געפרייט? דאָס וואָלט ניט געווען דאָס פּאַסיקע וואָרט. מאָדנע. גראָד יענעם אָוונט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין מיין קאַמער, האָט מיך ארומגעכאַפּט א שווער געפיל. איך קען דאָס ניט באַשרייבן. געוויס האָב איך זיך געפרייט. דאָס האַרץ האָט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט און געקילט פון פרייד. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז עפּעס ווי א לאַסט געלעגן אף דער נשמה. זאָל דאָס הייסן, אַז מיר האָט באַנג געטאָן, וואָס די חברים בלייבן ארעסטירט? דאָס וואָלט אפשר ניט געווען אמת. איך ווייס ניט, צי איך בין געווען אַזוי סענטימענטאַל. איך ווייס נאָר, אַז עפּעס האָט געגאַנגט, עפּעס האָט וויי געטאָן. געווען די עמפּינדונג, אַז עפּעס איז שלעכט. מיטאַמאָל האָב איך געקענט א קוק טאָן אָביעקטיוו אף דער גאַנצער טורמע מיט דעם גאַנצן קאַמף, א קוק טאָן, אַזוי צו זאָגן, פון דער זייט, פון דער ווייטנס, ווי איך האָב דאָס פריער ניט געקענט. און דאָס, וואָס איך האָב דערזען, האָט פיינלעך באַרירט.

אָט זיצן עטלעכע הונדערט מענטשן, מערסטנס יונגע. פיינע מענטשן,

לעבעדיקע, זוכנדיקע, מיט אידייען, מיט אידעאלן. מענטשן, מיט וועלכע יערע געזעלשאַפט וואָלט געקענט שטאָלצירן. זיי קומט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פונעם לעבן. און וואָס האָבן זיי? אייזערנע גראַטעס, גראָע, נאַסע ווענט, בייזע וועכטער, אַ גראָ לייטיק תפיסה־לעבן. פאַרוואָס קומט דאָס זיי? ווער האָט דאָס באַשטימט אַזוי פיל צרות אויף זייער גורל? פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פיל נויט און עלנט אויף דער וועלט? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, אַז די וואָס ווילן זען אַ שענערע וועלט, מוזן שמאַכטן אין די אייזערנע נעגל פון אַ פאַסקודנער חיה?

די קאַלטע נאָוועמבער־נאַכט האָט זיך געגאָסן איבער דער טורמע. די אַרעסטאַנטן זיינען שוין לאַנג געשלאָפן און געזען אַלערליי צעקרימטע חלומות. די וועכטער זיינען געגאַנגען איבער די גאַלעריען: סטוק, סטוק, סטוק, סטוק. אָט גייט דער עלטסטער וועכטער איבער די טרעפּ. ער פאַרטשעפּעט זיך מיט זיין שטיוול אויף אַן אייזערנעם טרעפּל. זיין שטיוול איז אונטערגעקאָוועט מיט אייזערנע פּאָדקאָוועס. פונעם שטויס פון אייזן אָן אייזן הערט זיך אַ קלונג. דורך אָט דעם קלונג דערקענען מיר דעם עלטסטן וועכטער. ס'איז שוין, הייסט עס, נאָך האַלבער נאַכט. איך קוק אַרויס אין דרויסן. ווייט איז ווילנע. די הייזלעך נאָענט זעען אויס ווי נעדיכטערע שטיקלעך פינצטערניש. אַ ביסל ווייטער, ווייס איך, געפינט זיך דער צירק. אין אַ העלן טאָג האָבן מיר געקענט זען אַ טייל פונעם דאַך פון דער גרויסער קיילעכדיקער געביידע. באַנאַכט קען איך נאָר זען דעם עלעקטרישן לאַמטערן, וואָס לייכט ניט ווייט פונעם צירק. דער לאַמטערן איז אַרומגעוויקלט מיט אַן אָרעאָל פון נעבל און דערפון זעט אויס דער עלעקטרישער לאַמטערן ווי אַ פּערל. אַ האַלב־דורכזיכטיקער שיינענדיקער פּערל. איבערמאָרגן אָדער נאָך מיט אַ טאָג שפּעטער וועל איך קענען אַרומגיין איבער די גאַסן. איך וועל גיין צו אָט דעם לאַמטערן. פרואוון פון דאָרטן אַ קוק טאָן אויף דער טורמע. שיקן אַ גרוס די געבליבענע חברים.

עס ווערט מיטאַמאָל אַזוי גוט, אַז ס'פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

איך בין שוין ניט געשלאָפן די צוויי פאַרבליבענע נעכט.

אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט, צוויי טעג שפּעטער, האָט מען מיך באַפרייט. די חבר'טע, וואָס האָט געשפּילט מיין „כלה", איז געקומען מיך אָפּנעמען פון טורמע.

זי האָט מיך געבראַכט צו די זאַקהיימס, וועלכע האָבן געלעבט טאַקע אויף זווערינעץ און וועלכע איך האָב געקענט פון פריער.

:: :: ::

איך בין ארומגעגאנגען איבער די נאסן יענעם אוונט, גערעדט מיט מענטשן, געהערט פאקטן וועגן דעם וואוקס פון דער באוועגונג, געקוקט אף די הייזער, אף די לאמפן, אף די פארבייגייענדיקע פרייע מענטשן — און עס איז מיר געווען שווער אפן הארצן. איך האב זיך ניט געפילט אפן ארט. איך האב זיך געפילט ווי א פרעמדער. עס איז א געפיל, וואס ניט איינער האט איבערגעלעבט, ווען ער איז ארויס פון געפענגעניש. איך האב דאס זעלביקע איבערגעלעבט, ווען איך בין געקומען פון סאלדאטן. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז די גאנצע וועלט האט זיך א רוק געטאן פאראויס און איך בין געבליבן פון הינטן. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז קיינער דארף מיך ניט האבן.

דאס געפיל האט לאנג ניט געדויערט. שוין אפן צווייטן טאג האב איך זיך געזען מיט א מיטגליד פונעם צענטראל־קאמיטעט. אפן פערטן־פינפטן טאג האב איך געהאט א נייעם פאספארט, איצטיקס מאל א גוטן, „אייזערנעם" פאספארט, און בין אוועקגעפארן אין דווינסק — זיך באטיליקן אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

די פינף הונדערט רובל האב איך געלאזט אין די הענט פון „מיין" פאדפאלקאוונים פאטאראקי.

:: :: ::

דערמיט וואלט איך אייגנטלעך געדארפט פארענדיקן די געשיכטע פון מיין ארעסט. אבער די געשיכטע ענדיקט זיך ניט דא. ס'איז נאך געבליבן א שלום. איך בין דאך ווידער געווארן אומלעגאל. מיינע פאפירן, וועלכע פאטאראסקי האט ארויסבאקומען פון מיין היים, געפינען זיך אין זיינע הענט. איך וואוין אין דווינסק אף א פרעמדן נאמען — און די פאליציי און די זשאנדארמעריע זוכן דעם „אומדאנקבארן" פארברעכער, וועלכער האט געלאזט אין זייערע הענט דעם „זאלאג" און איז אנטלאפן.

מיינע פאפירן האב איך באקומען פון פאטאראסקי'ס הענט מיט א יאר שפעטער — אין דער צייט פון דער רעוואלוציע פון 1905. איך וויל דערפירן ביז יענעם מאמענט, ווייל נאר דעמאלט, רעכן איך, איז דער אינצידענט מיט מיין ארעסט באמת פארענדיקט. אבער צוליב דעם וועל איך דארפן דערציילן אין קורצן וואס מיט מיר איז געשען אין משך פונעם יאר. איך האב ניט בדעה צו געבן א געשיכטע פון דער רעוואלוציע פון 1905 — כאטש דאס וואלט אפשר געווען זייער נויטיק. איך וויל נאר איבערגעבן א פאר עפיזאדן, וואס איך אליין האב איבערגעלעבט, ביז ס'איז געקומען דער טאג, ווען די רעוואלוציע האט מיר צוריקגעגעבן מיינע פאפירן.

## פינף־און־פערציקסטער קאפּיטל

# דאָס אייז ברעכט זיך

קודם־כל וועגן דער פּאָליטישער שטימונג. לענין האָט אַמאָל געשריבן וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע. אין קורצן איבערגעגבן זיינע ווערטער, וועט זיך באַקומען אַט־וואָס: אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, זאָגט לענין, איז ווען די הערשער אויבן קענען מער ניט און די באַהערשטע אונטן ווילן מער ניט. מיט אַנדערע ווערטער: ווען אין לאַנד איז אַזאַ שטימונג, אַז די רעגירונג פילט זיך אומזיכער, זי קען שוין ניט נעמען אַזוינע רעפּרעסיווע מיטלען, ווי פריער, און ווען די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג פילן, אַז זיי ווילן מער ניט פּאָלגן, וואָס ס'זאָל מיט זיי ניט פּאַסירן. דעמאָלט ווערט דערשיטערט די דורות־לאַנגע אָרדענונג. עס ווערן געבראָכן געזעצן, וואָס האָבן אויסגעזען הייליק. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דאָס אייז ברעכט זיך און הויבט אָן רירן נאָך אַ לאַנגן ווינטער.

אָט דאָס איז געווען די לאַגע אין נאָוועמבער פון 1904, ווען איך בין אַרויס פון דער טורמע.

דער קאָנגרעס פון די זעמסטוואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין קאָנסטיטואַירנדיקע פאַרזאַמלונג פון די ליבעראַלן. די ליבעראַלן האָבן נאָך זינט 1903 אַרויסגעגעבן אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד, אַ צייטשריפט „אָסוואָבאָזשדעניע" (באַפרייאונג), וועלכע זיי פלעגן אַריינשמוגלען אין רוסלאַנד אומלעגאַל. אין דעם דאָזיקן זשורנאַל האָבן זיי פאָרמולירט אַ גאַנצע פּראָגראַם פון פּאָליטישע רעפאָרמען. די פּראָגראַם האָט איינגעשלאָסן דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַל־רעכט, אין וואַלן צו אַ פּאַרלאַמענט; די פרייהייט פון פּרעסע, פאַרזאַמלונגען, רעדע, אָרגאַניזאַציע, די אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער רעגירונג פאַר די פאָלקס־פאַרטרעטער און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּונקטן.

איצט, ווען די זעמסטוואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף זייער קאָנגרעס אין פּעטערבורג, האָבן זיי אַרויסגערוקט די פּראָגראַם פון דער „אָסוואָבאָזשדעניע". זאַכן, וואָס פלעגן געשריבן ווערן אומלעגאַל, זיינען איצט געזאָגט

געוואָרן לעגאַל. פּאָדערונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד, זיינען מיטאַמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן אָפן, פאַר דער גאַנצער וועלט, אין אַ גרויסן זאַל אין פּעטערבורג, אין דער אַנוועזנהייט פון טויזנטער.

די רעגירונג האָט ניט געוואָגט פאַנאַנדערצוטרייבן דעם קאָנגרעס.

אַרום דער צייט הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון אינטעליגענטישע צו־זאַמענפאָרן. אויב די זעמצעס קענען זיך צוזאַמענקליבן אַף אַן אַלרוסישן קאָנגרעס, פאַרוואָס ניט די אינזשענערן? פאַרוואָס ניט די דאָקטוירים? פאַרוואָס ניט אַ ריי אַנדערע פּראָפעסיעס? די רעגירונג האָט ניט דעם מוט צו פאַרבאָטן אָט די קאָנגרעסן. עס באַקומט זיך אַזאַ ספּעקטאַקל. דער קאָנגרעס פון דאָקטוירים פאַרנעמט זיך, ווי געוויינטלעך, מיט מעדיציניש־ע פּראָבלעמען. ער רעדט אָבער אויך וועגן דער לאַגע פון דער מעדיצין בכלל. ער רעדט וועגן דער לאַגע פון די דאָקטוירים. נו, קומט ער צום שלום, אַז כדי אָוועקצושטעלן די מעדיצין אין רוסלאַנד אַף אַ געהעריקן באָדן, כדי צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער באַפעלקערונג אין מעדיצין, כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל, איז נויטיק אַ קאָנ־סטיטוציע מיט אַ פּאַרלאַמענט, וואָס ווערט אויסגעקליבן אַפן באָדן פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַל־רעכט, און עס איז נויטיק וואָרט־פרייהייט, פּרעסע־פרייהייט, פאַרזאַמלונגס־פרייהייט, אָרגאַניזאַציע־פרייהייט, אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן און אַ גאַנצע ריי אַנדערע דעמאָ־קראַטישע זאַכן. און אַזוי גייט עס אַוועק מיט יעדן צוזאַמענפאָר. גיטאָ קיין איין פּראָפעסיאָנעלע פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל ניט אַרויסשטעלן אָט די פּאָ־ליטישע פּאָדערונגען, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג געווען טריף.

די פּאָליציי וואָגט ניט פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

און דאָ הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון באַנקעטן. וואָס איז אַ באַנקעט? די שריפטשטעלער פון פּעטערבורג פאַרזאַמלען זיך אין אַ רעסטאָראַן און עסן אַ גוטע וועטשערע. נאָכדעם שטייט אויף אַ רעדנער און האַלט אַ רעפעראַט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ קאָנסטיטוציע מיט אַ פּאַרלאַמענט, וואָס איז אויסדערוויילט אַף דעם באַזיס פון אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַלן און אַז. וו. און אַז. וו.

און אַז פּעטערבורג מעג, מעג דאָך מאָסקווע אודאי, און פאַרוואָס ניט קיעוו, און פאַרוואָס ניט כאַרקאָוו און פאַרוואָס ניט ניזשני־נאָווגאָראָד? אין אַ קורצער צייט ווערט דאָס גאַנצע לאַנד באַדעקט מיט באַנקעטן, וואָס שטעלן אַרויס שאַרפע פּאָליטישע פּאָדערונגען.

די פּרעסע, וואָס געפינט זיך אונטער דער שטרענגער האַנט פון אַ צענזאָר,

אזוי אַז ער קען אויסמעקן מיט זיין רויטן בלייער גאַנצע שטיקער אָדער איינצלנע ווערטער פון אַן אַרטיקל אָדער גאָר פאַרבאָטן דעם אָדער יענעם אַרטיקל, — אָט די פּרעסע הזיבט אָן איבערדרוקן די באַריכטן וועגן די פאַר־שיידענע באַנקעטן. וואָרים אַז אַ באַנקעט איז לעגאַל, טאָ פאַרוואָס זאָל די פּרעסע וועגן אים ניט טאָרן דערציילן?

און אַזוי גייט אַוועק אַ סדרה ליבעראַלע באַוועגונג.

וואו איז דער אַרבעטער־קלאַס? די ליבעראַלן האָבן זיך דערפילט אַזוי פעסט, אַז זיי האָבן גאָר אָנגעהויבן קוקן אויפן אַרבעטער־קלאַס און אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אויף אַ פינפטן ראָד צום וואָגן. דער וואָגן — דאָס זיינען זיי, די אינטעלעקטואַלן. וואָס איז שייך די אַרבעטער, הערט מען וועגן זיי ניט. אַזוי איז יעדנפאַלס געווען דער איינדרוק ביים גרעסטן טייל אינטעליגענטן.

אַ חבר, וואָס איז געקומען פון פעטערבורג, האָט מיר דערציילט אַזאַ מין פאַקט.

עס איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט — איינער פון פילע. עס איז כלומרשט געפייערט געוואָרן דער פערציק־יאָריקער יובילייַ פון די רעפאָרמען, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט איינגעפירט אינעם יאָר 1864. עס איז געווען אַ גרויסע מאַסע אינטעליגענטן. די שטימונג איז געווען גאָר אַ גע־הויבענע. רעפאָרמען, רעפאָרמען, רעפאָרמען — דאָס האָט אָנגעפילט די לופט. איז אויפגעשטאַנען איינער וואָס איז געקומען צום באַנקעט אין דעם אוניפאָרם פון אַ סטודענט, נאָר וואָס איז אין אמת'ן געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַר־בעטער, אַ באָלשעוויק. האָט אָט דער אַרבעטער געבעטן און געקראָגן דאָס וואָרט און ער האָט געפרעגט די פאַרזאַמלטע: ווי אַזוי וועלן זיי די אַלע רעפאָרמען דערגרייכן? גלויבן זיי טאַקע, אַז די צאַרישע רעגירונג וועט מיטן גוטן ווילן אָפּטרעטן? גלויבן זיי, אַז מיט ווערטער וועט מען ברעכן די פעסטונג פונעם צאַריזם!

דער אַרבעטער האָט אָנגעוויזן, אַז ס'איז פאַראַן איין קראַפט, וועלכע קען באמת אַרונטערוואַרפן די מאַכט פונעם צאַריזם — און דאָס איז דער אַרבעטער־קלאַס. דער רעדנער האָט גערופן די ליבעראַלע אינטעליגענץ צו שטיצן דעם אַרבעטער־קלאַס, צו העלפן זיין באַפרייאונגס־באַוועגונג.

איז אויפגעשטאַנען איינער פון די אַדוואָקאַטן, אַ מענטש מיט אַ פראַק און מיט אַ ווייסן געקראָכמאַלעטן העמד, איבער וועלכן עס האָט זיך געשפרייט אַ שיינע אויסגעכאַליעטע באָרד, און האָט געפרעגט מיט חוזק:

— וואו איז אייער פּראָלעטאַריאַט? וואָס הערט מען עפּעס ניט פון אים? איר פּאָדערט אונז אויף, אז מיר זאָלן אייך שטיצן — אָבער וואָס טוט איר צו שטירצן די זעלבסטהערשאַפט? מיר, די געבילדעטע געזעלשאַפט, טוען דאָך די גאַנצע אַרבעט.

דער פּאַרזאַמלטער עולם האָט אַפּלאָדירט.

דאָס איז געווען אין דעצעמבער פון 1904. דעם 9טן יאַנואַר פון 1905 האָט דער פּראָלעטאַריאַט באַוויזן, וואָס ער קען. עס איז פאָרגעקומען דער בלוטיקער זונטיק.

## זעקס־און־פערציקסטער קאפיטל

# דער בלוטיקער זונטיק

איז געווען אין פעטערבורג אַן ארבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן „פאַרזאַמלונג פון די רוסישע ארבעטער". זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער זשאַנדאַרמעריע מיטן צוועק אָוועקצונאַרן די ארבעטער פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און פונעם קאַמף קעגן צאַריזם. דער איניציאַטאָר פון אָט דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער באַוואוסטער זשאַנדאַרמסקע אָפיציר זובאַטאָוו.

זובאַטאָוו האָט נאָך אין די ניינציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט ארויסגערוקט די אידייע, אַז מען דאַרף שאַפן ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיט אַ „גוטער", „פּרדילעכער" פּראָגראַם. אין מינסק האָט ער געשאַפן אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אומאָפּהענגיקע ארבעטער־פּאַרטיי" — מיט אַ פּראָגראַם פון פאַרבעסערונגען פאַר די ארבעטער, אָבער אָן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם. עס האָבן זיך געפונען געווען פאַרפירטע ארבעטער און ארבעטער־טוער, וואָס האָבן אָנגענומען אָט די פּראָגראַם („ניעזאַוויסימצעס"). די רענק־און־פּאַיל ארבעטער האָבן ניט געוואוסט, אַז די „פּאַרטיי" איז פאַרבונדן מיט דער זשאַנדאַרמעריע, אָבער די פירער האָבן געוואוסט, אַז זובאַטאָוו איז אַ פירער פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס. זובאַטאָוו האָט געפּרוווט אָרגאַניזירן אַזוינע גרופּעס אויך אין אָדעס. שפּעטער האָט ער אַריבערגעטראָגן זיין טעטיקייט אויף מאָסקווע און פעטערבורג. אין מאָסקווע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ריי קלובן, וואו אָנגעזעענע פּראָפעסאָרן האָבן געלייענט פאַר די ארבעטער לעקציעס וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פּאָליטיק אין אַ צייט, ווען אַזוינע לעקציעס זיינען געווען פאַרבאָטן איבערן גאַנצן לאַנד. אין פעטערבורג האָט ער געגרינדעט די „פאַרזאַמלונג פון די רוסישע ארבעטער" אין יאָר 1904. דאָס זיינען געווען אַזוינע מינים קלובן, וואו די ארבעטער האָבן זיך געקענט פאַרזאַמלען, דורכריידן זיך וועגן זייערע נויטן, אויסהערן אַ לעקציע, טרינקען אַ גלאָז טיי און פאַרברענגען. די לעקטאָרן זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען „מעסיקע", „ווינטשנסווערטע", ד. ה. אַזוינע, וואָס האָבן באַקעמפט דעם מארקסיזם און די אידייען פון רעוואָלוציע און געפּרייזט פרידן און קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע. די טוער זיינען געווען פאַרשטעלטע אַגענטן פון דער פּאָליציי.

צווישן די טוער האָט זיך געפונען איינער אַ גלח מיטן נאָמען גאַפּאָן. די אויפגאַבע פונעם גלח איז געווען מערסטנס — איינריידן די אַרבעטער, אַז צווישן די קאַפּיטאַליסטן מעגן זיך געפינען שלעכטע מענטשן, אַז די פּאָליציי איז אויך אפשר ניט אַלעמאָל גוט צו די אַרבעטער, אָבער דער צאַר איז אַ פאָטער, ער האָט ליב אַלע אונטערדריקטע, ער זאָרגט זיך וועגן אַלעמען און זיין הערשאַפט איז אַ ברכה פאַרן פאָלק.

אין דעצעמבער פונעם יאָר 1904 און יאַנואַר פון 1905 ווערן די 11 אָפּטיילונגען פון דער „פאַרזאַמלונג פון די רוסישע אַרבעטער" גרויסע צענ־טערן פון אַרבעטער־מאַסן. דאָרט, וואו אַמאָל פלעגן קומען צענדליקער אַר־בעטער, קומען איצט הונדערטער. דאָרט וואו די שטימונג איז אַלעמאָל געווען אַ רואיקע, אַ באַלעבאַטישע, ווערט זי איצט אַן אויפגערעגטע, אַ קאָכיקע. עס ברויזט און רוישט און בורעט אַרום די אָפּטיילונגען. די מאַסן אַרבעטער דריקן אויס זייער פּראָטעסט, זייער אומצופרידנקייט, זייער צאָרן. און פאַר־וואָס זאָלן זיי טאַקע זיין רואיק, ווען די שכירות ווערן געשניטן און די פּרייזן האַלטן אין איין שטייגן? אַ פונט פלייש פונעם דריטן סאָרט, למשל, האָט צוריק מיט אַ יאָר געקאָסט 5 קאָפּיקעס, איצט קאָסט עס העכער 8 קאָפּיקעס. דער פּרייז פון הערינג איז געשטיגן אויף 40 פּראָצענט. דער רעאַלער לוין איז געפאַלן אויף 20־25 פּראָצענט.

די אַרבעטער זיינען פול מיט אומרו — און דאָ ווערט געבוירן דער גע־דאַנק צו ברענגען צום צאַר אַ פּעטיציע פון די אַרבעטער, אים דערציילן, ווי אַזוי עס ליידן די אַרבעטער, אים בעטן, אַז ער זאָל פאַרלייכטערן זייער לאַגע.

ווי זאָל מען צושטעלן דעם קיסר די פּעטיציע? עס איז נעבליבן, אַז די אַרבעטער אַליין זאָלן זי ברענגען. זאָל זיך צוזאַמענגעמען דער פּראָלע־טאַריאַט פון פּעטערבורג, זאָל ער מאַרשירן זונטיק אינדערפרי, דעם 9טן יאַנואַר, צום ווינטער־פּאַלאַץ. זאָל ער דערגיין צום קיסר אַליין. זאָל דער קיסר אויסהערן, וואָס דאָס אַרבעטער־פאָלק בעט. זאָלן די קינדער זען דעם פאָטער און זאָל דער פאָטער אַ קוק טאָן אויף זיינע קינדער.

די פּעטיציע ווערט אַרומגערעדט אין יעדער אָפּטיילונג פון דער „פאַר־זאַמלונג פון די רוסישע אַרבעטער" דורך צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. גאַפּאָן איז אַ טוער. ער אַליין לייענט פאָר דאָ און דאָרטן די פונקטן, וואָס די אַרבעטער שטעלן אַרויס. די אַרבעטער דאַכט זיך, אַז די פּעטיציע דריקט אויס דעם גאַנצן ווייטיק, דעם גאַנצן צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זייער מאַסע. די פּעטיציע פאָדערט „מיטלען קעגן דער אָרעמקייט פונעם פאָלק", „מיטלען קעגן דעם דרוק פון קאַפּיטאַל איבער אַרבעט", „מיטלען קעגן

דער אומווּיסנקייט און דער רעכטלאָזיקייט פונעם פאָלק". די פּעטיציע פאָדערט דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעט־טאָג און אַנדערע קאָנצעסיעס. אויף פּאָליטישן געביט פאָדערט זי צוזאַמענרופן אַ קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג, וועלכע זאָל אויסאַרבעטן די פּאַרלאַמענטאַרישע סיסטעם.

האָבן די אַרבעטער מסכּים געווען מיט יעדן פּונקט פון דער פּראָגראַם? געוויס ניט. געווען אַזוינע פּונקטן, וואָס האָבן געקלונגען פּראָוואָקאַטאָריש. אַשטייגער: דער געדאַנק, אַז דער צאַר איז דער פאָטער און די אַרבעטער זיינען די קינדער. אָבער די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער פּעטיציע, ווייל דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט. דערצו האָבן נאָך איינציקע געגלויבט, אַז אפשר קען עפּעס אַרויסקומען פון אַזאַ מאַרש.

זונטיק אינדערפרי האָבן זיך פון אַלע פאָרשטעט גענומען ציען פּראָצעסיעס פון אַרבעטער צום ווינטער־פּאַלאַץ. די פּאָליציי האָט זיי דורכגעלאָזט אומגעשטערט. זיי זיינען געגאַנגען מיט קירכן־פאָנען, מיט איקאָנעס, מיט רעליגיעזע הימנען. די שטימונג איז געווען אַ געהויבן־יום־טובֿדיקע, שיער ניט אַ רעליגיעזע. די פּאָליציי האָט אַלעמען דורכגעלאָזט. געוויינטלעך, ווען די מאַכט האָט געוואָלט אָפּשניידן די פאָרשטאָט פון דעם צענטראַלן שטאָט־טייל, פלעגט זי פאַרשפּאַרן די בריקן. איצט זיינען אַלע בריקן געווען אָפן. צו דעם ווינטער־פּאַלאַץ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַן ערך צוויי הונדערט טויזנט אַרבעטער. אַלע אויגן האָבן געקוקט אַרויף, צום באַלקאָן, צו די פענצטער. די מאַסע האָט געהאָפט, אַז דער צאַר וועט אַרויסגיין, צונעמען די פּעטיציע, אויסהערן, וואָס די אַרבעטער האָבן צו זאָגן.

פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ געפינט זיך אַ גרויסער, ריזיקער סקווער. אויף דעם סקווער האָט זיך אָנגעזאַמלט די מאַסע. פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ האָבן זיך געפונען אָפּטיילונגען פון סאָלדאַטן. עס האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן שיסן אין דער מאַסע. געשאָסן גאַנצע זאַלפּן. אַן ערך פינף הונדערט זיינען געטויט געוואָרן אויפן אָרט. עטלעכע טויזנט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די ריזיקע מאַסע איז זיך צעלאָפן אין אַ פּאַניק. אָבער שוין דאָ האָבן זיך דערהערט אַרבעטער־שטימען: „מיר דאַרפן געווער!" „אַרונטער מיטן צאַר!" נאָך דעם זעלביקן טאָג זיינען אין איינציקע פאָרשטעט אויסגעבויט געוואָרן באַריקאַדן.

דער 9טער יאַנואַר האָט אויף אייביק אָפּגעווישט אין די אַרבעטער־מוחות יעדן שפּור פון גלויבן אינעם צאַר. דער 9טער יאַנואַר איז געווען דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע פון 1905. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געזאָגט זיין וואָרט.

## זיבן־און־פערציקסטער קאַפּיטל

# „די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן"

דער מאַרש צום ווינטער־פּאַלאַץ איז פאָרגעקומען זונטיק (דעם 9טן יאַנואַר, 1905) פאַר האַלבן טאָג. מאָנטיק אָוונט איז אַ מענטש געקומען פון פּעטערבורג קיין דווינסק און האָט אונדז דערציילט וועגן דער גרויסער פּראָצעסיע, דער גרויסער שחיטה און דער צאַרנדיקער שטימונג פונעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. ער האָט אויך דערציילט, אַז אין אייניקע אַרבעטער־פאַרשטעט זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער און פּאָליציי און אַז עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדן צו פאַרצאַמען דער פּאָליציי דעם וועג.

אַלע די, וואָס האָבן געהערט דעם באַריכט, האָבן ווי איינער דערקענט, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן.

איך בין דעמאָלט געווען די ליטעראַרישע קאָלעגיע באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". די „קאָלעגיע" איז באַשטאַנען פון איין מענטשן. נאָך יענעם אָוונט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אָנשרייבן, אינעם נאָמען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַ פּראָקלאַמאַציע צו די אידישע מאַסן. שפּעט אין אָוונט, אַרום צוועלף באַנאַכט, האָב איך זיך געזעצט שרייבן. די פּראָקלאַמאַציע איז אַרויסגעקומען אַ קורצע — די קירצסטע, וואָס איך האָב ווען געשריבן. זי האָט דערציילט אין אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם „בלוטיקן זונטיק", זי האָט דערקלערט, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, און זי האָט גערופן די מאַסן צו נעמען געווער, אויב נויטיק — צו באַפאַלן מיליטערישע אַרסענאַלן און זיך באַוואָפענען און אַרויסטרעטן קעגן די באַוואָפנטע קרעפטן פון דער צאַרישער מלוכה.

דאָס איז דער טעקסט פונעם אויפרוף:

## צום קאַמף!

חברים!

אַף די גאַסן פון פּעטערבורג איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע באַריקאַדע. דריי הונדערט טויזנט אַרבעטער זיינען אַרויס אַפן גאַס צו פאָדערן פרייהייט, צו קעמפן פאַר פרייהייט, צו שטאַרבן פאַר פרייהייט.

דער קיסר האָט אַרויסגעשיקט זיינע סאָלדאַטן, און זיי האָבן געשאָסן און געמוטשעט אונזערע ברידער און זיי האָבן פאַרגאָסן טייכן פון בלוט.

דאָס בלוט האָט קיינעם נישט דערשראָקן. די ביקסן וועלן ניט מציל זיין דעם קיסר מיט זיין באַנדע פון אַ מפּלה. גענוג האָבן זיי זיך שוין געבאָדן אינעם אַרבעטער'ס בלוט. גענוג האָבן זיי אונז געהאַלטן אין קייטן.

מיר האָבן יאָרן לאַנג געקעמפט אינעם נאָמען פון סאָציאַליזם, מיר האָבן יאָרן לאַנג מלחמה געהאַלטן געגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל, און מיר האָבן יאָרן-לאַנג ניט אויפגעהערט צו פירן דעם שטרייט געגן דער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט געענטפערט מיט שטיק און מיט קוילן, מיט פּאָגראָמען און תּריגות אַף אַלע אונזערע פאָדערונגען. מיר האָבן באַגאָסן די ערד פון רוסלאַנד מיט אונזער בלוט און איצט שפּראָצט פון דער דאָזיקער ערד די פרייהייט.

דער גרויסער טאָג איז געקומען! ע ס א י ז ג ע ק ו מ ע ן ד י ר ע װ א ל ו צ י ע ! זי האָט זיך אָנגעהויבן אין פּעטערבורג, זי וועט אָנצינדן מיט איר פייער דאָס גאַנצע לאַנד. אָדער גובר זיין, אָדער שטאַרבן! אָדער באַקומען פרייהייט! אָדער באַקומען דעם טויט! נעמט זיך חברים אין אַלע שטעט צו דער מלחמה! וואַרפט אַוועק אייער אַרבעט אין די ווערק-שטאַטן, אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, אין די מאַגאַזינען און קאַנטאָרן! גייט אַרויס אין גאַס און טראָגט אַרום די רויטע פאָן!

באַפאַלט די מאַגאַזינען. וואו מ'פאַרקויפט געווער. זאָל יעדער זיך נעמען — ווער אַ ביקס, ווער אַ רעוואָלווער, ווער אַ שווערד, ווער אַ האַק, ווער אַ מעסער.

באַוואָפנט זיך! אַז דעם קיסר'ס סאָלדאַטן וועלן אַף אייך אָנפאַלן, זאָלט איר קענען זיי ענטפערן, ווי סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע.

געדענקט, אַז לעבן אין תּפיסה איז שווערער, ווי שטאַרבן אין שטרייט.

זאָלן אַלע גאַסן ווערן אַ פעלד פון מלחמה! זאָלן אונזערע פאָנען שוועבן אין דער הויך! לאָמיר אָפּגעבן דאָס בלוט פון אונזער האַרצן און באַקומען רעכט פון מענטשן!

פאָדערט:

1. צוזאַמענרופן אַ קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פון פאָלקס-פאָר-טרעטער. די פאָרטרעטער דאַרפן אויסקלייבן דאָס גאַנצע לאַנד, סיי מענער, סיי פרויען, צו וואָס פאַר אַ נאַציע, צו וואָס פאַר אַ גלויבן זיי זאָלן ניט געהערן, אַפן גרונט פונעם אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַל-רעכט.

2. אָפּשאַפן די הערשאַפט פון אַ קיסר אין רוסלאַנד און איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, דאָס הייסט אַזאַ אָרדענונג, אַז דאָס פאָלק זאָל האָבן די איינציקע דעה סיי בײַם אַרויסגעבן און דורכפירן אַלע געזעצן פון לאַנד, סיי בײַ דעם אויסקלייבן אַלע באַאַמטע, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן.

3. תּיכּף איינפירן אַן אַכט-שעה'דיקן אַרבעטס-טאָג אין אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן, וועקשטאַטן, מאַגאַזינען, קאַנטאָרן און אַזוי ווייטער.

4. אומבאַרירלעכקייט פון מעריזאַן און הויז, ד. ה., אַז קיין פּאָליציי, קיין זשאַנדאַרמען, זאָלן ניט טאָרן אַריבערטרעטן דעם שוועל פון אַ פּריוואַטע הויז, ניט מאַכן קיין אונטערזוכונג און קיין אַרעסטן אָן אַ באַשטימונג פון געריכט.

5. אומבאַגרענעצטע פרייהייט צו רעדן און דרוקן. פרייהייט צו פאַרזאַמלען זיך, צו פאַראייניקן זיך און צו סטרייקן. פרייהייט צו גלויבן אין יעדער אמונה.

6. אַלע נאַציעס זאָלן זיין גלייך אין פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט. יעדע נאַציע זאָל האָבן פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, ד. ה. פרייהייט צו בילדן און לערנען זיך אויף איר אייגענער שפּראַך און צו רעדן אויף דער שפּראַך אין אַלע אייגריכטונגען פון דער מלוכה און אויף פאַרזאַמלונגען.

7. תיכף באַפרייען אַלע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע פאַר פּאָליטישע און רעליגיעזע ענינים און אַ סוף מאַכן פון אַזעלכע באַשולדיקונגען.

8. תיכף אַ סוף מאַכן פון דער מלחמה מיט יאַפּאַן. אָפּשאַפן דעם מיליטאַריזם און אָנשטאָט דעם באַוואָפענען דאָס גאַנצע פאָלק.

צום קאַמף, חברים! צום קאַמף אַלע, — ווער ס'קען נישט לעבן אָן פרייהייט! זאָל ווערן אַ סוף פון דער שקלאַפעריי, זאָל זיך ענדיקן די וויסטע ממשלה!

צום געווער! נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די פּאָליטישע פרייהייט! עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק! עס לעבע דער סאָציאַליזם!

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד".

יאַנואַר, 1905.

געדרוקט אין 115 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

די פּראָקלאַמאַציע האָט גערופן צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אָבער אין איר קען מען דערקענען דעם מענשעוויסטישן כאַראַקטער פונעם „בונד". די פּראָקלאַמאַציע פאָדערט: פּאָליטישע פרייהייט, אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, אָבער מיט קיין איינציקן וואָרט דערמאָנט זי ניט דעם מאַרש צום סאָציאַליזם. זי דערקלערט ניט, צוליב וואָס די אַרבעטער דאַרפן האָבן די פּאָליטישע פרייהייט אין אַ בורזשואזער דעמאָקראַטיע. זי ווייזט ניט אָן, אַז די בורזשואז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע דאַרף זיין דער פאָרשפּיל און די איבערגאַנג־שטופע צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, און אַז נאָר די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קען באַפרידיקן אַלע באַדערפענישן פון אַלע האָרעפּאַשניקעס און אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג אויף אייביק.

אָבער איך דערמאָן האָב ניט געוואוסט, אַז די פּראָקלאַמאַציע איז

מענשעוויסטיש. צוזאַמען מיט טויזנטער בונדיסטן, וואָס זיינען שפּעטער גע־וואָרן קאָמוניסטן, האָב איך זיך דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַ סאָציאַליסטישן רעוואָלוציאָנער. יענע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט עטלעכע וואָכן נאָך מיין אַרויסגיין פון דער טורמע, האָבן מיך טיף דער־שיטערט.

לאַנג בין איך געזעסן אין דער נאַכט און געמאָלט זיך דעם גורל פונעם גרויסן רוסישן לאַנד. הונדערטער יאָרן איז דאָס געלעגן הילפלאָז, פּאַראַרימט, פּאַר'חושכ'ט. איבער צוויי קאָנטינענטן האָט זיך אויסגעשפּרייט דאָס ריזיקע לאַנד, און פּונקט אַזוי גרויס איז געווען דער אייזערנער קנאַפּל, וואָס האָט אַריינגעקוועטשט מיליאָנען מענטשן אין דער ערד. מיליאָנען מענטשן האָבן געשמאַכט אין דעם געפּענגעניש, וואָס האָט זיך גערופן „מוטערל־רוסלאַנד". איז געקומען אַ צייט — און עס איז אויפגעשטאַנען אַן אויסלייזער. דער פּראָ־לעטאַריאַט איז אַרויסגעטראָטן אויף דער סצענע. ער קען ניט באַפרייען זיך אַלס קלאַס סיידן ער באַפרייט אַלע אונטערדריקטע. דער גרויסער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויפגעהויבן. ער גייט ברעכן די צוימען...

אויף מאָרגן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען, ווי אַזוי די מעלדונג וועגן 9טן יאַנואַר ווירקט אויף די אַרבעטער. עס איז נייטיק געווען אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן די פּעטערבורגער געשעענישן פאַר אַלע אָרטיקע אָרגאַני־זאַציעס און מאָביליזירן זיי צו שטיצן דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט דורך דעמאָנסטראַציעס און סטרייקס. איך בין צוגעפאָרן קיין וויטעבסק, וואו עס האָבן זיך אויף אַן אומלעגאַלער קוואַרטיר פאַרזאַמלט די, וואָס מיר וואָלטן איצט גערופן דער „אַקטיוו" — אַן ערך הונדערט פון די מער אַקטיווקלטע און טעטיקע אידישע אַרבעטער פון דער שטאָט.

מיין באַריכט האָט געהאַט די ווירקונג פון אַ שוועבעלע, וואָס צינדט אָן אַ גרויסן פייער. אַלע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. פּנים'ער זיינען געוואָרן אָט בלאַס, אָט האָבן זיי זיך גערויטלט. הענט האָבן זיך געהויבן. יאָ, מען קען אויפרודערן די שטאָט. יאָ, ס'איז מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַזאַ דעמאָנ־סטראַציע, וואָס וויטעבסק האָט נאָך ניט געזען. ס'איז מעגלעך אוועקצושטעלן אין איר גאַנצער גרויס די פראַגע וועגן גענעראַל־סטרייק. וויטעבסק וועט ניט אָפּשטיין. מען דאַרף שוין פּאַנאַנדערטראָגן די ידיעה אין די ווערקשטיבער און אויף דער בירזשע. מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אונז איז ניט אויסגעקומען צו פאַרענדיקן יענע פאַרזאַמלונג. מיר האָבן שוין געהאַלטן כמעט ביים סוף, ווען ס'זיינען אַנגעקומען צוויי אַרבעטער־פּאָסטנס און אונז געמעלדעט, אַז פּאָליציי גייט צום הויז.

דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קאָמישער אינצידענט, וואָס ס'איז אים כדאי צו פאַרשרייבן.

דאָס הויז, וואו מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט זיך געפונען אין דער טיפעניש פון אַ גרויסן הויף (וואָס וואָלט די רעוואָלוציע געטאָן אָן אָט־די נגידיש־באַפּעלקערטע פּראָלעטאַריש־האָרעפּאַשנע הויפן ?). די טיר פונעם הויז האָט זיך געעפנט אין הויף אריין, די הינטערשטע פענצטער — אין אַ גאָרטן. מיר האָבן נאָך פריער אָפּגערעדט, אַז אויב עס ווערט געגעבן דער געפאַר־סיגנאַל, זאָלן די פאַרזאַמלטע שפּרינגען דורך די פענצטער אין גאָרטן אריין, פון וואַנעט זיי קענען אריבערגיין אין אַנדערע גערטנער און הויפן און אַרויס אין גאַס. איך איינער האָב געדאַרפט אַרויסגיין דורך דער טיר. קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען, וואָרים אין אומבאַקאַנטע גערטנער און הויפן וואָלט איך, אַ פרעמדער, ניט געפונען דעם וועג.

אַזוי איז געווען. די פאַרזאַמלטע האָבן גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער און איך טו מיר אָן דעם מאַנטל און גיי אַרויס אין הויף. איך גיי בכיון פּאַוואָליע, ווי איינער אַ שמאָט־באַלעבאָס, וואָס האָט זיך ניט וואָס צו איילן. איך טראָג אַ פוטערנעם קאָלנער, אַ פוטערן היטל און אַ גאָלע ניש־קשה'דיקע באָרד. איך זע אויס ווי אַ רוסישער סוחר אָדער אפשר אַ באַלע־באַטישער אידעם אַף קעסט. אַנטקעגן קומט מיר אָן אַ פּריסטאַוו מיט פינף פּאָליציילייט. זיי גייען פון דעם הויף־טויער אין הויף אריין; איך גיי פונעם הויף צום טויער און צו דער גאַס. דער פּריסטאַוו שטעלט מיך אָפּ און פרעגט מיך העפלעך, צי ווייס איך ניט, וועלכע עס איז די קוואַרטיר פון דעם און דעם (דאָס איז די קוואַרטיר, וואו מיר האָבן זיך אָקאָרשט פאַר־זאַמלט). איך שמייכל העפלעך צוריק און ווייז אַף אַ הויז פונקט אין דעם אַנדערן ווינקל פונעם הויף. מיין חשבון איז, אַז ביז דער פּריסטאַוו וועט אריינגיין אהינצו און געוואויר ווערן, אַז מ'האָט אים גענאַרט, וועלן אַלע פאַרזאַמלטע דערווייל האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז. איך אַליין גיי מיר רואיק אַרויס אין גאַס און נעם אָן איזוואָשטשיק צום וואָקזאַל.

דער איינפאַל איז געלונגען. קיינער איז יענעם טאָג נישט געוואָרן אַרעסטירט.

## אכט־און־פערציקסטער קאפיטל

# אום ווינטער איז געקומען דער אמת׳ער פרילינג

דער וואונדער פון לעבן... גייט ארום א לעבעדיקער מענטש, ארבעט, דענקט, פילט, נוצט דעם גאנצן אפאראט פון זיין קערפער און טראכט אפילו ניט, ס׳ארא זעלטענער אפאראט דאס איז, ס׳ארא גרויסער וואונדער עס שטעקט אינעם פראצעס פון לעבן.

דער וואונדער פון אויפבלי. הויבט זיך אן שמעלצן דער שניי סוף ווינטער, באפרייען זיך די טייכן פון דער אייז־דעק, זעצן פון דער ערד אלערליי שפראצונגען, נעמען בליען די בוימער אונטער א ווארימער זון. פרייען זיך מענטשן, אבער זעלטן ווער עס טראכט וועגן דעם וואונדער פון בליען: עס זעט אויס „נאטירלעך".

דער וואונדער פון רעוואלוציע. ליגט א לאנד פארשמידט אין קייטן, גראבן זיך דארט ערגעץ אונטער דער ערד גרופקעס רעוואלוציאנערן. פאר־שפרייטן זיי דעם רעוואלוציאנערן געדאנק און ארגאניזירן זייערע נאכפאלגער. אבער קליין זעען אויס די קרעפטן פון דער רעוואלוציע לגבי די קרעפטן פונעם אלטן רעזשים. פעסט, ווי א פעלז, שטייט, דאכט זיך, דער אלטער רעזשים. און פלוצלונג טוט א ריר זיך די ברייטע מאסע, הויבט זי אן ריידן מיט א מיליאנען־שטים די שפראך פון דער רעוואלוציע; באהאלט זיך שוין מער ניט די רעוואלוציע, נאר זי גייט ארום אפן אין גאס, ווארים די ברייטע הארעפאשנע מאסע וויל זיך ניט באהאלטן און קען זיך ניט באהאלטן. ווייסט שוין די גאנצע וועלט, אז די רעוואלוציע איז געקומען. די רעוואלוציע שפאנט איבערן לאנד, די רעוואלוציע פארמעסט זיך מיט כחות מיטן אלטן. פרייען זיך די פריינט, בייזערן זיך און שעלטן די פיינט. אבער אלעמען קומט עס אויס נאטירלעך. קיינער האט קיין צייט ניט זיך אפצושטעלן און באטראכטן דעם וואונדער, וואס רופט זיך רעוואלוציע, און פרעגן: ווי אזוי איז דאס געשען? אלעמען דאכט זיך, אז מ׳האט שוין לאנג געוואוסט, אז א רעוואַ־לוציע איז אומפארמיידלעך.

ווען איך קוק איצט אין געדאַנק אַף יענעם אָנהויב פֿון דער גרויסער רעוואָלוציע פֿון 1905 — דער ערשטער פֿון דער סעריע רעוואָלוציעס פֿונעם ערשטן פערטל פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — בין איך אַלץ נאָך פאַר־נאַפּט פֿונעם וואונדערבאַרן בילד. איך ווייס, ווי אַזוי די רעוואָלוציע איז געגרייט געוואָרן. איך פאַרשטיי די קרעפֿטן, וואָס האָבן זי אַרויסגערופֿן צום לעבן. אָבער פּונקט ווי באַקאַנטשאַפֿט מיט ביאָלאָגיע פאַרקלענערט ניט די מערקווירדיקייט פֿון דעם גרויסן וואונדער, וואָס רופֿט זיך לעבן, פּונקט ווי באַקאַנטשאַפֿט מיט באָטאַניק פאַרקלענערט ניט די פּראַכט פֿון דעם וואָס ס'רופֿט זיך בליאונג, אַזוי פאַרקלענערט ניט די געשיכטלעכע דערקלערונג דעם גרויסן וואונדער פֿון דעם ריזן־בילד, ווי אַזוי אַ רעוואָלוציע הויבט זיך אָן און לאָזט זיך שפּאַנען מיט גיגאַנטישע טריט איבער אַ גרויסן לאַנד.

די רעוואָלוציע איז געגרייט געוואָרן לאַנג פאַר 1905. אודאי. די רעוואָ־לוציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ערשטער גרויסער מאָדערנער פאַבריק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין רוסלאַנד אין די זעכציקער יאָרן פֿונעם 19טן יאָרהונדערט; זי האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן אַרבעטער־קרייזל, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די זיבעציקער יאָרן; זי האָט זיך אָנ־געהויבן מיט דער סטרייק־כוואַליע פֿון 1878 און 1879, אין וועלכער עס האָבן זיך ספּאָנטאַן באַטייליקט אַ סך טויזנטער; זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם מאַרקסיסטישן „פאַרבאַנד פֿון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס"; זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט לעניניס טעטיקייט אין די נײַנציקער יאָרן; זי האָט געקראָגן אַ גרויסן אימפּעט אַדאַנק דער ברייטער אומ־צופֿרידנקייט פֿון די פּויערים, וואָס האָבן געמאַכט די ערשטע גרויסע רעוואָלטן פֿונעם 20טן יאָרהונדערט אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניע; זי האָט געקראָגן אַ ווײַטערדיקן שטויס אַדאַנק דעם קריג און די מפּלות פֿון דעם צאַר'ס אַרמייען.

דאָס איז אַלץ אמת. אָבער ווען איר טוט אַ קוק אַף די מאַסן, וואָס וואַרפֿן די אַרבעט און גייען אַרויס אין גאַס; ווען איר באַמערקט, ווי אַזוי זיי האָבן אויפֿגעהערט מורא האָבן פאַר דער פּאָליציי און אַפֿילו פאַרן מיליר־טער; ווען איר זעט, ווי אַזוי נעכטיקע אָפּגעשטאַנענע ריידן היינט אַ קלאָרע און מעכטיקע פּאָליטישע שפּראַך; ווען איר באַטראַכט, ווי זיכער עס פֿילן זיך אָט די מיליאָנען, וועלכע האָבן ערשט נאָר ניט לאַנג ניט געוואוסט פֿון זייער אייגענער קראַפֿט; ווען איר דערשפּירט, ווי פֿריש און דערפֿרישנדיק עס ווערט אַרום און די געזעלשאַפֿטלעכע לופֿט, — זאָגט איר זיך, אַז

דאָס איז איינס פון די גרויסע און פּרעכטיקע וואונדער, וואָס די מענטשהייט האָט וועט געזען.

:: :: ::

נאָר לאָמיך דערציילן, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אויגן.

ס'איז געווען אַזוי. נאָכן ניינטן יאַנואַר, נאָכן גרויסן מאַרש פון די פּעטערבורגער אַרבעטער צום ווינטער־פּאַלאַץ, האָט די באַוועגונג זיך אַריבער־געוואָרפן ניט דווקא קיין מאָסקווע און אין די אַנדערע עכט־רוסישע אינ־דוסטריעלע צענטרען, נאָר גראָד אין די גרענעץ־פּראָווינצן — פּוילן, ליטע און די באַלטישע לענדער. דאָ נעמט זי באַלד אָן אַ העכערע פּאָליטישע פאָרמע: סוף יאַנואַר און פעברואַר קומען דאָ פאַר גענעראַל־סטרייקס, וואָס כאַפּן אַרום גאַנצע שטעט. די סטרייקס טראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער.

אין פעברואַר 1905 בין איך אָנגעקומען קיין ריגע אַפן דריטן טאָג נאָכדעם ווי ס'האָט זיך דאָרט פאַרענדיקט אַ גענעראַל־סטרייק. פאָרנדיק אין וואַגאָן פון דווינסק, האָב איך נאָכאַנאַנד געהערט פון די סטרייקס אין פאַר־שיידענע שטעט. דער קליינבירגער איז געווען שטאַרק אויפגעטרייסלט. פּאַסאַ־זשירן האָבן אויפגעהערט מורא האָבן איינער פאַרן אַנדערן, ווי דאָס איז געווען פריער. „נאַטשאַלאַס" (עס האָט זיך אָנגעהויבן) — דאָס האָט מען געקענט הערן גאַנץ אָפט. נאָר די עלטערע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס זיינען געזעסן אין וואַגאָן — געוויינטלעך פונעם אָרימערן סאָרט, וואָרים גרעסערע באַאַמטע פאָרן דאָך ניט אינעם דריטן קלאַס — האָבן זיך ניט געמישט אין די פּאָליטישע געשפּרעכן. דער גאַנצער וואַגאָן איז געוואָרן איין פּאָליטישער קלוב.

אין ריגע האָב איך געפונען, אַז די טראַמוויי־ען פאָרן נאָך ניט און איזוואָשטשיקעס באַווייזן זיך ניט גערן אַף די גאַסן. דער גענעראַל־סטרייק איז, הייסט עס, נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרענדיקט. גייענדיק צופוס צו דער „יאַווקע" (דער באַגעגעניש־קוואַרטיר, וואו איך האָב געדאַרפט קריגן די ריכטיקע אַדרעסן פון חברים), האָב איך באַמערקט, אַז אַ סך פון די גאַסן־לאַמטערנס זיינען צעבראָכן (די מערסטע גאַסן אין ריגע האָבן דעמאָלט געהאַט גאַז־באַלייכטונג). טרעף איך, וואָס דאָס איז. אָבער איך וויל זיך איבערצייגן אַף געוויס. שטעל איך אָפּ אַ פאַרבייגייער, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דאָס וואָס מען רופט אַ „בכבוד'יקער בירגער", און זאָג אים: אַזוי און אַזוי, איך בין אַ פרעמדער אין שטאָט, געקומען צוליב געשעפט און

פאַרשטיי ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס. באַקוקט מיך דער מאַן פון קאָפּ ביז די פיס און ענטפערט אומגעפער אַזוי:

— מילאָסטיווי גאָסודאַר (מיין הער), וואו זייט איר געווען ביז אַהער און וואו לעבט איר אויף דער וועלט? ווייסט איר דען ניט, אַז בא אונז קומט פאָר אַ רעוואָלוציע? אָט דאָ, אין די גאַסן, זיינען צוריק מיט דריי טעג דורכגעגאַנגען די גרעסטע דעמאָנסטראַציעס אין דער געשיכטע פון רינע. די לאַמטערנס האָבן די דעמאָנסטראַנטן ניט געבראָכן; דאָס האָבן געטאָן די גאַסן־אינגלעך צוליב זייער אייגענעם פאַרגעניגן. די פּאָליציי, דאַרפט איר וויסן, איז אין יענע טעג פאַרשוואונדן פון די גאַסן.

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דעם „בכבוד׳יקן בירגער" האָט הנאה געטאָן, וואָס די פּאָליציי איז כּמעט אויף אַ ווייל פאַרשוואונדן פון די גאַסן. אָבער לאַנג ריידן מיט אים האָב איך ניט געקענט: עס האָט זיך באַוויזן אַ סאָלדאַטישער פּאַטרול. אין שטאָט איז געווען קריגס־צושטאַנד, און מענטשן האָבן זיך ניט געטאָרט אָפּשטעלן אין גאַס.

שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז אין דער צייט פונעם גענעראַל־סטרייק זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן אַלע פאַבריקן, אַלע זאַוואָדן, געשלאָסן געוואָרן אַלע גרויסע געשעפטן, אָפּגעשטעלט געוואָרן דער גאַסן־פאַרקער, און די גאַנצע אַרבעטער־באַפעלקערונג איז אַרויס אין גאַס. מיטינגען זיינען פאָר־געקומען פראַנק און פריי. דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך געצויגן אומגעשטערט. אַ נייער גייסט האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט. די באַאַמטע פונעם צאַר האָבן זיך פאַרלוירן.

שפּעטער האָבן זיי איינגעפירט קריגס־צושטאַנד. מיליטערישע פּאַטרולן האָבן געהיט די גאַסן. אָבער אַפילו עטלעכע טעג נאָכדעם ווי דער סטרייק איז אָפיציעל געווען געענדיקט, זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַבריקן און זאַוואָדן.

## ניין־און־פערציקסטער קאפיטל

# צוואנציק טויזנט מארשירן אין דווינסק

אינעם פרילינג פונעם יאר 1905 האב איך געהאט א געלעגנהייט צו זען, ווי אזוי א רעוואלוציאנערע מאסן־באוועגונג אנטוויקלט זיך אין א קורצער ציט אין אזא שטאט, וואו ביז דעמאלט איז די ארבעט געווען קליין.

דווינסק איז ניט געווען קיין גרויסער רעוואלוציאנערער צענטער. דווינסק האט ניט געהאט קיין גרויסע פאבריקן און זאוואדן, אחוץ אייניקע אייזנבאן־ווארשטאטן. דווינסק האט געהאט א סך קליינע פאבריקלעך מיט א קליין־פראדוקציע־פראלעטאריאט. קיין דעמאנסטראציעס זיינען דארטן אזוי גוט ווי ניט געווען.

אבער אט איז געקומען דאס יאר 1905 — און עפעס ווי פרישער ווינט האט אויפגעטרייסלט די ארבעטער־באפעלקערונג פון דער שטאט.

עס איז פארגעקומען א דעמאנסטראציע. פריער נאך איז א גרויסע צאל פאבריקלעך און ווארשטאטן געשלאסן געווארן. א גרויסע צאל קראמען האט זיך פארמאכט. די ארבעטער האבן זיך א שאט געטאן אין גאס און גענומען מארשירן. די פאליציי האט אנגעהויבן צעטרייבן. (די פאליציי האט אלע יארן געפרואווט צעטרייבן די ארבעטער־דעמאנסטראציעס, — ביז מערץ 1917, ווען די סאלדאטן זיינען צוגעשטאנען צו די דעמאנסטראנטן און האבן פארטריבן די פאליציי: עס איז געווארן א סוף צו די צארישע „נאראדא־וויקעס".)

יענעם טאג, אינעם פרילינג פון 1905, האט די דווינסקער פאליציי גע־שאסן און דערמארדעט צוויי ארבעטער. אפן אנדערן טאג איז באשלאסן געווארן דורכצופירן א רויטע לויה מיט א מארש. אין דער לויה האבן זיך אנגעשלאסן העכער צוואנציק טויזנט מענטשן.

איך בין געווען פארבונדן מיטן צענטראל־קאמיטעט און איך האב גע־דארפט אנהאלטן שארפע קאנספיראציע. איך האב זיך ניט געטארט באטייליקן אין דער ארטיקער באוועגונג. אבער ווען איך האב געזען דעם מארש, האב

איך מיר געטראכט, אז דאָרט וואו עס איז דאָ אַזויפיל מענטשן, מעג איך אויך גיין. און אזוי בין איך אַוועק מיט די דעמאָנסטראַנטן.

דער וועג צום אידישן בית־עולם איז געלעגן אַף דער דאָמבע. די דאַמבע איז אַ הויכער אָנשיט לענג־אויס דעם טייך דווינאַ צו באַוואָרענען די שטאָט פון אַ פאַרפלייצונג. די דאַמבע ציט זיך אַף עטלעכע קילאָמעטער. זי איז גענוג ברייט — אומגעפער ווי אַ ברייטער שאָסעי. זי איז פון אויבן גע־פלאַסטערט. ווען מ'גייט אַף דער דאַמבע, זעט מען פון איין זייט דעם טייך דווינאַ, וועלכער איז דאָרטן גענוג ברייט, פון דער אַנדערער זייט — די שטאָט. די דאַמבע איז אין יענער צייט געווען דער באַליבטער שפּאַציר־פּלאַץ פון דער דווינסקער יוגנט. ערטערווייז זיינען פון בײדע זייטן דאַמבע גע־וואַקסן בוימער, און דער גאַנצער וועג האָט אויסגעזען ווי אַן אַליע. אַהין איז דאָס אַרויפגעקומען די פּראָצעסיע און האָט זיך געלאָזט מאַרשירן צום בית־עולם — אַ שטרעקע פון עטלעכע קילאָמעטער.

איך בין געגאַנגען צווישן אַרבעטער, וואָס זיינען מיר געווען אומבאַקאַנט. פון איינציקע באַמערקונגען, פון אויסרופן, פון דעם אויסדרוק אַף די פּנים'ער האָט זיך געלאָזט דערקענען דער גרויסער צאָרן פון דער מאַסע פאַר דעם מאָרד פון צוויי אומשולדיקע אַרבעטער. עס האָט זיך געפילט אַ רעוואָ־לוציאָנערער ברען. די מענטשן זיינען געגאַנגען ריי נאָך ריי — שווייגנדיק, אָנגעכמורעט, פול מיט אימפעט. נאָך בשעת די איינצלנע גרופּעס זיינען גע־גאַנגען איבער פאַרשיידענע גאַסן צו דער דאַמבע צו, האָבן זיך פענצטער געעפנט, מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען אַף די באַלקאָנען און געמאַכט מיט די הענט, פרויען האָבן געפאָכעט מיט פאַטשיילקעס. עס איז קלאָר געווען, אַז ניט נאָר די אַרבעטער־באַפעלקערונג, נאָר אויך אַ טייל פון דער בורזשו־אַזיע סימפּאַטיזירט מיט די דעמאָנסטראַנטן. די מאַרשירער האָבן אויס־געדריקט די שטימונג פון דער מערהייט פון דער גאַנצער שטאָט.

אָט האָט זיך שוין די דאַמבע געענדיקט. איצט נעמט זיך דער וועג באַרג־אַרויף. פון בײדע זייטן וועג שטייען הייזער, אָבער צווישן דעם וועג און די הייזער ליגט פון בײדע זייטן אַ ברייטער פּלאַץ. אָט גייען מיר פאַרביי דער טורמע, וואָס געפינט זיך אַף דער רעכטער זייט. און אָט גייט־דורך איבער דער גרויסער מאַסע עפּעס ווי אַ ציטער. פון ריי צו ריי, פון מויל צו מויל רוקט זיך אַ געמורמלט וואָרט: „סאָלדאַטן!"

אַפן העכסטן פונקט פונעם באַרג, אַף בײדע זייטן וועג, זיינען אויס־געשטעלט — צווישן וועג און די הייזער — צו צוויי רייען סאָלדאַטן. זיי שטייען גרייט, מיט ביקסן בא די פיס. נעענטער צום וועג שטייען די אָפיצירן.

די מאַסע הויבט אָן גיין לאַנגזאַמער, אָבער פון פאָרנט, פון דאָרט וואו עס זיינען געווען די אָנפירער, איז געקומען די געמורמלטע קאָמאַנדע: „ניט שטיין בלייבן! גיין פאָראויס!״

די גרויסע קאָלאָנע גייט ווייטער, אָבער זי ווערט צעטיילט אויף צוויי. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די הינטערשטע גייען לאַנגזאַמער און די פאָדערשטע — שנעלער. דעריבער האָט זיך באַקומען אַ ליידיקער שטח צווישן דעם קאָפּ פון דעם מאַרש און זיין קערפּער. דער „קאָפּ״ איז אומגעפער אַ דריטל פון דער גאַנצער מאַסע. איך געפין זיך אינעם קאָפּ, אין דער פינפטער אָדער זעקסטער ריי (אין יעדער ריי איז געווען אַן ערך אַכט מענטשן). אַזוי ווי איך גיי אויפן רעכטן פלאַנג און אַזוי ווי דער וועג הויבט זיך באַרג־אַרויף, קען איך זען, וואָס עס טוט זיך פאָראויס.

די מאַסע שפּאַנט. די טריט ווערן ניט לאַנגזאַמער. די סאָלדאַטן שטייען, ווי אויסגעגאָסן. מיר קומען אַלעמאָל נעענטער. מיר קענען שוין זען די גלאַנצנדיקע לעדער־פּאַסן אויף די ברוסט פון די אָפיצירן. איך, אַ געוועזענער סאָלדאַט, ווייס, אַז דאָס זיינען זיי אָנגעטאָן „צום דינסט״: זיי טראָגן סיי די שווערדן, סיי די רעוואָלווערן. אָט האָט איינער פון די אָפיצירן, קענטיק דער עלטסטער, אַרויסגענומען אַ שווערד פונעם שיידל. אָט האָט מען אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „נאַ איזגאָטאָווקו!״ (אויפהויבן די ביקסן!) — און אַלע סאָלדאַטן, אין ערך פּופּציק פון יעדער זייט, האָבן אויפגעהויבן די ביקסן און האַלטן זיי באַם זייט. מיר גייען. די מאַסע איז אָנגעצויגן, ווי איין מעכטיקער דראָט. אויגן קוקן נאָר פאָראויס. פריער האָט מען נאָך געהערט אַ וואָרט דאָ און דאָרט. איצט איז שטיל. עס שאָרכן נאָר די פיס איבער דעם וועג. איך טו אַ וואָרף אַן אויג אויף הינטן. דער קערפּער פון דער מאַסע, אַן ערך צוויי־דריטל פון דער גאַנצער פּראָצעסיע, גייט אויך, אָבער לאַנגזאַמער. די שטרעקע צווישן דעם קאָפּ און דעם קערפּער ווערט גרעסער.

אָט זיינען מיר שוין באַלד לעבן די סאָלדאַטן. אָט האָט זיך געהערט אַ קאָמאַנדע — און די סאָלדאַטן האָבן אויפגעהויבן די ביקסן צו זייערע קעפּ, זיי צילן זיך אויף אונז. מיר דאַכט זיך, אַז אַ שיסעריי איז אומפאַרמייד־לעך. די פראַגע איז נאָר, ווי לאַנג וועט די מאַסע זיך קענען האַלטן, צי וועט מען קענען גיין פאָראויס, ניט געקוקט אויף דעם שיסן. און אויב מען זאָל נעמען זיך צעלויפן, איז וואוהין? פון דעם הויכן פונקט, וואו עס שטייען די סאָלדאַטן, קענען זיי שיסן אויף אַ לאַנגער שטרעקע אַרונטער.

אָט האָט דער קאָמאַנדע־אָפיציר אויפגעהויבן זיין שווערד. ווער עס האָט

גערינט אין מיליטער, ווייס, אז ווען ער וועט זי ארונטערלאָזן, וועלן די אונטער־קאָמאַנדירן געבן די קאָמאַנדע: „פּלי״ (שיס)!

אָבער דאָ האָט מען איבערגעגעבן פון די ערשטע רייען: „שטיט!״ די ערשטע רייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די הינטערשטע האָבן זיך שוין געמוזט אָפּשטעלן, ווייל ס׳איז ניט געווען וואוהין צו גיין. די גאַנצע מאַסע בלייבט אומבאַוועגלעך. אומבאַוועגלעך בלייבט אויך דער אָפיציר. ער לאָזט ניט אַראָפּ די שווערד.

און דאַן טיילן זיך אויס פון דער ערשטער ריי דריי חברים און לאָזן זיך צום אָפיציר. זיי האַלטן די הענט אויפגעהויבן — אַ סימן אַז זיי האָבן ניט קיין געווער. זיי ווילן זיך דורכריידן מיטן קאָמאַנדיר, זאָגן זיי. זיי גייען צו צום אָפיציר. עפּעס ריידן זיי. די סאָלדאַטן שטייען נאָך אַלץ מיט די ביקסן אָנגעשטעלט אויף אונז. אָבער די שטימונג איז שוין ניט אַזוי אָנגעשטרענגט. באַלד הייסט דער אָפיציר, אַז די סאָלדאַטן זאָלן אַוועקשטעלן די ביקסן באַ די פיס.

די פאַרהאַנדלונגען דויערן דריי־פיר מינוט. די דעלעגאַציע האָט פאַרשפּראָכן, אַז ווען מיר וועלן באַגראָבן די חברים אויפן בית־עולם, וועלן מיר זיך אויסקערן איינציקווייז, אָן אַ פּראָצעסיע. אָבער גיין צום בית־עולם מוזן מיר, האָבן זיי געזאָגט: די אַרבעטער וועלן ניט אָפּטרעטן. דער אָפיציר מעג שיסן אָדער ניט — גיין וועלן מיר.

דער אָפיציר האָט געפונען אַ מעגלעכקייט, אָן אויסרייד, אָפּצוטרעטן. אויב מיר פאַרשפּרעכן זיך פאַנאַנדערצוגיין נאָך דער לויה אָן אַ פּראָצעסיע, מעגן מיר גיין.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען מיר געווען אויפן בית־עולם.

## פופציקסטער קאפיטל

# א צארישער שפיאָן פאַרשטעלט זיך פאַר א רעוואָלוציאָנער

אין דווינסק האָב איך זיך באַקאַנט מיטן פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי.

ער האָט פאַרנומען א באַזונדערן, אויסדערוויילטן פּלאַץ אין דער אָרגאַני־זאַציע. ער איז געווען דער טעכניקער. זיין אַרבעט איז געווען — איינשטעלן אומלעגאַלע דרוקעריען, איינשאַפן שריפט (בלייענע בוכשטאַבן) פאַר די דרוקעריען, פאַבריצירן באַהעלטענישן אין שטיקלעך מעבל, וואו מען זאָל קענען האַלטן וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע דאָקומענטן, און מיטהעלפן אַריבער־שמוגלען רעוואָלוציאָנערן איבערן גרענעץ. קורץ: אַלצדינג, וואָס ס'האָט געהאַט א פאַרבינדונג מיט טעכניק, איז געלעגן אין די הענט פון קאַפּלינסקי'ן. שפּעטער איז צוגעקומען די פּראַגע פון געווער.

געווען איז ער אין דינסט פון דער „אָכראַנקע" (געהיים־פּאָליציי) זינט 1897, און די גאַנצע צייט האָט ער, פאַר גוטע געלט, אַרויסגעגעבן רעוואָ־לוציאָנערן.

איך שטעל מיר פאָר, אַז מיין באַציאונג צו דעם נפש איז איצט באַפאַרבט דורך דעם, וואָס איך ווייס וועגן אים. קיינער קען זיך פאַר אַזאַ באַציאונג ניט פאַרהיטן. ווען איך זאָג דעריבער איצט, אַז אויך אין 1905 האָט דער מענטש אויף מיר געמאַכט א שלעכטן איינדרוק, איז מעגלעך, אַז איך טראָג אַריבער אויף יענער צייט מיינע איצטיקע געפילן. עס איז אָבער א פאַקט — און איך געדענק דאָס זייער דייטלעך — אַז איך האָב ניט ליב געהאַט דעם פאַרשוין פון דעם ערשטן מאָל, וואָס איך האָב אים דערזען.

עס איז געווען א פאַרזאַמלונג בא אים אויף דער קוואַרטיר. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַן ערך צען־צוועלף מענטשן. איך האָב זיך מיט די מערכטע פון זיי באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל. אָבער פון אַלע האָב איך זיך אומגעקוקט אויף איינעם, וועמען אַלע האָבן גערופן ישראל־מיכל און וועמעס פאַמיליע־נאָמען, ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, איז געווען קאַפּ־לינסקי. אויף מיר האָט דערמאָלט געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק דאָס, וואָס

דער מענטש האָט ניט געלאָכט. ער האָט געהאַט אַ לאַנגן, בלאַסלעכן, אומ־באַוועגלעכן פּנים, און די אויגן, האָב איך מיר דעמאָלט געזאָגט, זײַנען די אויגן פון אַ פיש. קאַלטע, וואַסערדיקע, גראָלעכע, ווי פאַרגלייווערטע אויגן.

וואָס מער איך האָב אים באַגעגנט, אַלץ מער האָט זיך פאַרשטאַרקט אין מיר דער אײַנדרוק, אַז דער מענטש ווייסט ניט ווי צו לאַכן. טאָמער האָט ער אַ שמייכל געטאָן, איז אַרויסגעקומען אַ קרומע גרימאַסע.

געלעבט האָט ער גאַנץ ברייטלעך. אָבער געזאָגט האָט מען מיר, אַז דאָס מוז ער טאָן צוליב קאָנספּיראַציע. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ באַלעבאָס פון אַ מעטאַל־וואַרשטאַט. אַליין אַ שלאָסער, האָט ער גוט פאַרשטאַנען אַלערליי מעטאַל־אַרבעטן. ער האָט געהאַט אַ וואַרשטאַט מיט פאַרשיידענע אינסטרו־מענטן, מיט אַ קליינער קוזניע מיט אַלעם נויטיקן. באַשעפטיקט איז בײַ אים געווען אַ גרופּע פון פינף־זעקס מעטאַל־אַרבעטער — לויטער חברים, מיט־גלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס מ׳האָט זיך אויף זיי געקאָנט פאַרלאָזן. אין דעם וואַרשטאַט האָט מען געהאַלטן טיילן פון דרוקער־ייען און אַנדערע זאַכן. צום סוף פון 1905 איז גויטיס געוואָרן צו האָבן זאַפּאַסן געווער. אויך דאָס האָט קאַפּלינסקי באַזאָרגט. אַ טייל פונעם געווער איז דורכגעגאַנגען דורך זײַן וואַרשטאַט. דאָ האָט מען אויסגעבעסערט און פאַרריכט אַלטע רעוואָלווערן.

איין מאָל סוף זומער, ערב אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע, איז מיר אויס־געקומען צו באַזוכן קאַפּלינסקי׳ס הויז. מיר אַלע זײַנען געווען באַאומרואיקט צוליב דעם, וואָס מ׳האָט זיך געקענט ריכטן, אַז קאָזאַקן זאָלן באַפאַלן די דעמאָנסטראַנטן. עס איז געווען באַשלאָסן אַרויסצואווייזן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן דעם באַוואָפנטן אָנפאַל. בײַ קאַפּלינסקי׳ן אויפן טיש געפין איך צוויי בלעכענע פּושקעס, די גרויס פון די זופּ־„קענס", וואָס מען פאַרקויפט אין אַמעריקע. קאַפּלינסקי טוט אַ ווייז אויף די צוויי פּושקעס און פרעגט מיך מיט אַ שמייכל: „איר ווייסט וואָס דאָס איז?" איך זאָג, אַז איך ווייס ניט. ער דערקלערט מיר, אַז דאָס זײַנען באָמבעס צוגעגרייט אויף מאָרגן. אויב עס וועט זײַן נויטיק, וועלן די דעמאָנסטראַנטן זיך פאַרטיידיקן מיט אָט די שפּילעכלעך (האַנט־גראַנאַטן). אויך די באָמבעס, ווי עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, זײַנען פאַבריצירט געוואָרן אין קאַפּלינסקי׳ס וואַרשטאַט.

איז די פראַגע: ווי אַזוי האָט מען אים אויפגעדעקט? דאָס איז ערשטנס.
און צווייטנס: ווי אַזוי האָט ער זיך געקענט האַלטן אַזאַ לאַנגע צײַט?

אויף דער ערשטער פראַגע וועל איך ענטפערן שפּעטער. וואָס איז שייך דער צווייטער, מוז מען קאָנסטאַטירן, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר איז געווען אַ

כימרער פּאַרשוין. ווי די אונטערזוכונג האָט נאָכדעם באַוויזן, האָט ער אויס־נעאַרבעט אַ פּלאַן צו באַפּרידיקן די באַדערפעניש פון דער „אָכראַנקע", ד. ה. ווייזן, אַז ער דינט געטריי דעם צאַר, און אין דער זעלביקער צייט אָנהאַלטן זיין סטראַטעגישע שטעלונג אין דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך דעריבער געהיט, למשל, אַרויסצוגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַן אַנדער צענטראַל־קאָמיטעט וועט אים ניט וועלן פאַר קיין טעכנישן אַגענט. וואָס־זשע פּלענט ער טאָן? אין דער ערשטער ליניע פּלענט ער אויסנוצן די פאַרבינדונגען פונעם „בונד" מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, כדי אַרויסצוגעבן יענע אָרגאַניזאַציעס.

דער „בונד", דאַרף מען געדענקען, האָט געהאַט אַ גוטע טעכניק. צו אים פלעגט מען זיך ווענדן, אַז ער זאָל העלפן איינשטעלן דרוקערייען. איינע אַזאַ דרוקעריי איז מיט קאַפּלינסקי'ס הילף איינגעשטעלט געוואָרן פאַר דער רוס־לענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין קישינעוו. קאַפּ־לינסקי האָט אַרויסגעגעבן די גאַנצע דרוקעריי. פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם איז געוואַקסן זיין פּרעסטיזש אין דער געהיים־פּאָליציי. ער פלעגט אויך אַרויסגעבן בונדישע קלענערע דרוקערייען און איינצלנע טוער. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז אויך מיך האָט ער אַרויסגעגעבן באַלד ווי איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע. אָבער דערביי האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי פאָרזיכטיק, אַז אויף אים איז קיין פאַרדאַכט ניט געפאַלן.

ווי איך האָב געזאָגט, האָט ער געלעבט גאַנץ נישקשה'דיק. צו אים אין הויז פלעגן שטענדיק אַריינקומען אַלערליי רעוואָלוציאָנערן. איז אַמאָל אימי־צער אַנטלאָפן פון סיביר און האָט געדאַרפט זיך אָפּשטעלן אין דווינסק, איז ער דאָס ערשטע געגאַנגען צו קאַפּלינסקי'ן אויף דער קוואַרטיר. האָט מען געדאַרפט האָבן אַ באַראַטונג פון אויסער־שטאָטישע וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן, האָט מען זיך אָפט פאַרזאַמלט בא קאַפּלינסקי'ן. קאַפּלינסקי פלעגט דערביי זאָגן מיט אַ טאָן פון זיכערקייט: „בא מיר האָט איר ניט וואָס מורא צו האָבן. קיינער וועט אייך ניט טשעפּען."

איך האָב זיך געוואונדערט: ווי אַזוי דערלאָזט מען דאָס? אָט געפינט זיך דער וואַרשטאַט, טאַקע דאָ לעבן קאַפּלינסקי'ס הויז. אָט איז זיין וואוינונג. ווי אַזוי דערלויבט מען זיך צו נוצן די קוואַרטיר פון אַ מענטשן, וואָס איז באַשעפטיקט מיט וויכטיקער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט? האָט מען מיר גע־ענטפערט, אַז ער איז פאַררעכנט ניט פאַר קיין אַרבעטער, נאָר פאַר אַ באַלעבאָס, וועלכער באַשעפטיקט אַרבעטער. וועט אויף אים געוויס קיין פאַרדאַכט ניט פאַלן.

## איין־און־פופציקסטער קאפיטל

# דער פראוואקאטאר פארבלענדט אלעמען די אויגן

קאפלינסקי דער פראוואקאטאר האט געהאט א פרוי. זי איז געווען א לעבעדיקע, א באריידעוודיקע, א טיפישע ארבעטער־פרוי פון א יאר פינף־און־דרייסיק. זי איז, דאכט זיך, געווען אפנהארציק און ערלעך. ווייניקער פון אלצדינג האט זי אויסגעזען ווי א מענטש, וואס באהאלט א בלוטיקן סוד. און דאך האט זי געוואוסט ווען איר מאנ׳ס פראוואקאציע. און דאך האט זי גענאמען פון די געלטער, וואס די צארישע רעגירונג האט אים געצאלט מיט א פולער האנט.

די צוויי, מאן און ווייב, זיינען געווען קאנטראסטן. ער האט ליב געהאט צו שווייגן; זי האט נאכאנאנד געשמועסט. ער האט קיינמאל ניט געלאכט; זי איז דוקא געווען א פריילעכע. ער איז ארומגעגאנגען ווי א געפענטעטער, ווי א שטיק פארגליווערטע בלאסקייט; זי איז געווען א זשוואווע. ער האט אויסגעזען קרענקלעך; זי האט געמאכט דעם איינדרוק פון גרויסער ענערגיע. איך האב זיך אפט געוואונדערט איבער דעם קעגנזאץ פון די צוויי מענטשן. און דאך האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי האבן זיך גאנץ גוט איינגעלעבט אינעם פארראט פון דער ארבעטער־באוועגונג, און ווען ער איז ענדלעך דעמאסקירט געווארן, האט זי זיך מיט ציין און נעגל איינגעשטעלט פאר אים, און ווען ער איז אנטלאפן, איז זי מיט אים פארשוואונדן.

א געטרייע שותפ׳טע. א מיט־פארברעכערין. אפשר אליין ניט קיין פראוואקאטאר, האט זי דאך יארן ארויסגעהאלפן א פראוואקאטאר. וואס מיט איר איז געשען, ווייס איך ניט ביזן היינטיקן טאג.

די מענטשן האבן געהאט קינדער. וואס, אשטייגער, האבן אזוינע טאטע־מאמע געטראכט ווען דער צוקונפט פון זייערע קינדער? וואס האט פון זיי געזאלט ווערן? האט קאפלינסקי זיך גערעכנט, אז דער צאריזם וועט נאך דויערן צענדליקער יארן און אז ער וועט באצאלן ניט נאר אים, דעם פאר־רעטער, נאר אויך זיינע קינדער? ווער קען דאס זאגן? „יענעמ׳ס נשמה

איז א טונקל פעלד", זאָגט דער רוס. הייגט וואָס זאָל מען שוין רירן ווענן דער נשמה פון א פּראָוואָקאַטאָר?

:: :: ::

פאַרוואָס קען א פּראָוואָקאַטאָר זיך האַלטן? מערקטגס דערפאַר, וואָס די מיטגלידער פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע זיינען געוויינטלעך גענייגט צו גלויבן די חברים. מען פאַרדעכטיקט ניט א צווייטן. אויב אפילו עס פּאַסירט מיט יענעם א מאָדנע זאַך, פּרוּווט מען דאָס אויסטייטשן צום גוטן.

איך האָב געזען א ביישפּיל מיט קאַפּלינסקי'ן אינעם ווינטער פון 1905.

עס איז געווען עפּעס א באַראַטונג אין דווינסק. עס האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע דעלעגאַטן פון אַנדערע שטעט. אױף דער באַראַטונג איז אויך געווען קאַפּלינסקי. פּלוצלונג איז די פּאָליציי באַפאַלן דעם פּלאַץ, וואו די באַראַטונג איז פאָרגעקומען. מען האָט אַרעסטירט אַלעמען — א מאַן צוועלף. די אַרעסטירטע זיינען געבראַכט געוואָרן אין פּאָליציייאישן אוטשאַסטאָק (סטיישאָן). איך האָב נאָכדעם אליין געהערט פון די אַרעסטירטע אַט־וואָס: ווי נאָר דער פּריסטאַוו איז אַריינגעגאַנגען און אָנגעהויבן באַטראַכטן די אַרעסטירטע, הויבט ער אויף די אויגן אױף קאַפּלינסקי'ן און זאָגט אים:

— איר אויך דאָ, קאַפּלינסקי? ווי קומט איר אַהער?

די, וואָס האָבן געמאַכט דעם אַרעסט, האָבן מסתמא ניט געוואוסט, אַז קאַפּלינסקי געפינט זיך דאָרט. דער פּריסטאַוו האָט זיך אַזוי פאַרוואונדערט, דערזעענדיק זיין חבר, אַז ער האָט זיך אויפגעהערט קאָנטראָלירן. אָבער ווי אַזוי האָבן די אַרעסטירטע נאָכדעם דערקלערט זיינע ווערטער? זיי האָבן געזאָגט, אַז קאַפּלינסקי איז געווען באַקאַנט ווי א באַלעבאָס. געוויינטלעך פלעגן באַלעבאַטים זיך ניט מישן אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ווען דער פּריסטאַוו האָט, הייסט עס, דערזען א בכבוד'יקן באַלעבאָס צווישן די אַרעס־טירטע, האָט ער זיך פאַרוואונדערט.

קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו פרעגן: פון וואַנען האָט דער פּריסטאַוו בכלל געקענט קאַפּלינסקי'ן? פאַרוואָס האָט ער געוואוסט זיין נאָמען?

און איצט קומט נאָך א מערקווירדיקערע געשיכטע. די אַרעסטירטע זיי־נען שלעכט אַריינגעפאַלן. ווען די פּאָליציי איז געקומען צו זייער זיצונגס־פּלאַץ, האָבן זיי גענומען לויפן. אייניקע זיינען אַרויפגעקראָכן אפן בוידעם. אייניקע האָבן זיך געפּרוּווט ראַטעווען אױף אַנדערע בוידעמער. עס איז קלאָר געווען, אַז דאָס זיינען פּאָליצייאיש־פאַרדעכטיקטע פּערזאָנען. ווען מ'האָט זיי געכאַפּט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אייניקע האָבן געהאַט פאַלשע פּאַספּאָרטן און אייניקע האָבן נאָר קיין פּאַספּאָרטן ניט געקענט ווייזן. ווען די פּאָליציי כאַפּט

אריין אזא כאפטע, האלט מען זי אפּ חדשים, אויב ניט יאָרן. דאָ האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן עטלעכע טעג — און אַלעמען באַפרייט אָן שום טענות.

עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די פּאָליציי האָט דאָס געטאָן. מסתּמא איז דאָס געשען אויף אַ באַפעל פון פּעטערבורג. קאַפּלינסקי איז געווען צו וויכטיק באַם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, אַז מען זאָל מיט אים קענען ריזיקירן. ארויסלאָזן אים אַליין און פאַרהאַלטן די איבעריקע — וואָלט דאָס אַרויס־גערופן אַ פאַרדאַכט. האָט מען שוין צוליב אים אַרויסגעלאָזט אַלע.

מיר האָבן זיך דעמאָלט שטאַרק משמח געווען מיט דער באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע. סטייטש, האָבן מיר געזאָגט, אַזאַ נאַרישע דווינסקער פּאָליציי. אַזוינע גלאָמפּן: האָבן ניט איינגעזען, אַז אין זייערע הענט זיינען אַריינגעפאַלן עטלעכע פּאָליטישע העכט.

דער אמת איז, אַז זיי זיינען געווען קליגער פון אונז.

:: :: ::

ווי אַזוי איז אויפגעדעקט געוואָרן קאַפּלינסקי׳ס פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט ?

אין אָקטאָבער פון 1905 זיינען די אומלעגאַלע דרוקערייען אינגאַנצן אָפּ־געשאַפט געוואָרן. סוף 1905 און אָנהויב 1906 האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין לעגאַלע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען. דער „בונד" האָט אָנגעהויבן אַרויס־געבן די טעגלעכע „פאָלקס־צייטונג". צוליב דעם האָט ער זיך איינגעשאַפט אָן איינענע לעגאַלע דרוקעריי (באַסקין, דער איצטיקער סעקרעטאַר פונעם אַרבעטער־רינג, איז געווען דער נאָמינעלער באַלעבאָס פון דער דרוקעריי). דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וואו די צייטונג איז אַרויסגעגאַנגען. קאַפּלינסקי, זייענדיק באַקאַנט מיט מעטאַל־אַרבעט, איז באַ־שטימט געוואָרן פאַרן מאַשיניסט פון דער נייער דרוקעריי. די אַלטע הונדערט־פּראָצענטיקע אומלעגאַליטעט איז פאַרשוואונדן. אַפילו נאָכדעם, ווען די רעאַקציע האָט געזיגט אין 1907, איז שוין קיינמאָל ניט געווען אַזאַ שאַרפע קאָנספּיראַציע, ווי פאַר 1905. די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט האָבן מערסטנס געלעבט לעגאַל. קאַפּלינסקי׳ס פאַרבינדונגען מיטן צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער אַליין האָט שוין ווייניקער געקענט דינען דער באַוועגונג אַלס „טעכניקער". פּראָסט־פּשוט: זיין ספּע־ציפישער דינסט איז מער ניט געווען אומבאַדינגט נויטיק. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן פילן, אַז ער שטייט ניט אונטער אַזאַ שאַרפער אויפזיכט פון דער

אָרגאַניזאַציע, ווי פריער. האָט ער זיך אָנגעהויבן דערלויבן אויסצוגעבן מער געלט. ער האָט גענומען לעבן פיל רייכער, ווי דאָס האָט דערלויבט זיין געהאַלט פון 50 רובל אַ חודש. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און דערוועקט פאַרדאַכט. וואו קומט צו קאַפּלינסקי'ן אַזויפיל געלט? — האָבן מענטשן געפרעגט. איינמאָל האָבן חברים אַריינגערוקט אַ האַנט אין דער קעשענע פון זיין מאַנטל און אַרויסגעשלעפּט אַ הונדערט־רובלדיק פּאַפּירל. דאָס האָט דער־וועקט נאָך אַ גרעסערן חשד. אָבער נאָך ניט דאָס איז געווען אַלץ.

קאַפּלינסקי איז אויפגעדעקט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דער אויפ־דעקונג פון דעם מייסטער־פּראָוואָקאַטאָר אַזעוו.

צוויי־און־פופציקסטער קאפיטל

# דער פראוואָקאַטאָר אונטער פאַרדאַכט

מיין פריינט פישל קאַינען האָט אין דער אָרגאַניזאַציע געטראָגן דעם נאָמען „יונה". אין 1906 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע און איז אָפּגעזעסן לאַנגע חדשים. כדי צו פאַרשטיין דאָס, וואָס איך וויל דערציילן, דאַרף מען געדענקען אַט־וואָס.

פישל קאַינען האָט זיך אומגעקערט פון סיביר אין יאָר 1902. פאַרשיקט האָט מען אים פאַר אָנטייל אין אַן אָרגאַניזאַציע פון נאַראָדניקעס, אָבער אומגעקערט האָט ער זיך אַ מאַרקסיסט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער אין 1903 האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „בונד". (נאָך 1917 איז ער געוואָרן אַ באָלשעוויק; די סאָוועט־רעגירונג האָט אים געשיקט צו זיין איר פאַרטרעטער אין בערלין, וואו ער האָט געהאַט אויפזיכט איבער דער עוואַקואַציע פון רוסישע קריגס־געפאַנגענע פון דייטשלאַנד.)

קאַינען'ס אַרבעט איז געווען — אַרומפאָרן. ער האָט אייגנטלעך קיין שטענדיקע וואוינונג ניט געהאַט. ער איז געווען דער רינג, וואָס האָט פאַר־בונדן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיטן צענטער. ער פלעגט פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, זיך באַראַטן מיט די אָרגאַניזאַציעס און נאָכדעם זיך אומקערן אין צענער אויף אַ וואָך אָדער צוויי. אָפּגעהאַלטן די זיצונגען מיטן צענטער, פלעגט ער זיך ווידער לאָזן אויף זיין טור איבערן לאַנד. אַזוי איז דאָס געגאַנגען יאָרן. ביזן סוף 1904 איז ער געווען אַזאַ רייזנדיקער פאַרטרעטער פונעם צענטער, ניט זייענדיק קיין מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. סוף 1904 איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט. געוואוסט ווען דעם האָבן נאָר די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט און די עטלעכע נאָר נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן געוואוסט אַלצדינג וועגן צענטער — אַרום און אַרום אַן ערך צען אָדער צוועלף מענטשן. פאַר די אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד איז יונה געבליבן דער רייזנדיקער אַגענט, וועלכער קומט אינעם נאָמען

פונעם צענטער. קיינער האָט אים ניט נעפרעגט, צי ער איז אַ פּשוט'ער אַגענט אָדער אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

האָט מיר נאָכדעם קאָיגען דערציילט אַט־וואָס:

— ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע, האָט מען מיך אַ פּאָר וואָכן אָפּגעהאַלטן אָן אַ פאַרהער. באַ מיר האָט מען קיין קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן ניט געפונען. נאָך צוויי וואָכן רופט מען מיך אַרויס צום זשאַנ־דאַרמסקע פּאָלקאָווניק. יענער זאָגט מיר, אַז איך דאַרף זיך מודה זיין, וואָרים סיי־ווי האָט די אָכראַנגע אַלע אײנצלהייטן וועגן מיין אַרבעט. „מיר ווייסן", האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם, „אַז ווען איר זייט געקומען פון סיביר, זייט איר געוואָרן אַ רייזנדיקער אַגענט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. סוף 1904 זייט איר אַריינגענומען געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט ווי אַ פולבאַרעכטיק־טער מיטגליד." ווען איך האָב דאָס דערהערט (דערציילט מיר קאָיגען), איז געווען ווי מען וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט אַ טייך אייזיקער וואַסער. איך בין מיטאַמאָל געבליבן זיצן אַזוי פאַרטיפט אין געדאַנקען, אַז איך האָב פאַרגעסן מיין אייגענעם אַרעסט, דעם זשאַנדאַרם און זיינע טענות צו מיר. איך האָב מיר געזאָגט: „אימיצער גיט אַרויס — אימיצער, וואָס איז גאָר נאָענט צום צענטראַל־קאָמיטעט." קיינער קען ניט ווייסן, ווען איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, סיידן ער איז געווען באַ די זיצונגען. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז ניט אַרעסטירט געוואָרן. דאָקומענטן, וואָס זאָלן דער־ציילן, ווער עס איז אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, זיינען ניט אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען. אין דער גאַנצער וועלט זיינען דאָ געציילטע עטלעכע מענטשן, וואָס ווייסן, ווער ס'איז אַן אַגענט און ווער אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. פאַרוואָס־זשע האָט דער זשאַנדאַרם די אַלע גענויע ידיעות? דאָס הייסט, אַז אימיצער דערציילט. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן אַ פּראָוואָקאַטאָר אין סאַמע צענטער.

און דאָ, דערציילט מיר קאָיגען, האָט ער אָנגעהויבן איבערגיין אין זיין געדאַנק פון מענטש צו מענטש, פון פּנים צו פּנים. ער האָט ניט געערדט מיטן זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניק, ער האָט ניט געענטפערט אויף זיינע פראַגן. ער האָט אין געדאַנק אָוועקגעשטעלט יעדן איינעם פון די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט און פון די, וואָס געפינען זיך באַ די זיצונגען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט און וואָס ווייסן וועגן אים אַלצדינג — און האָט גע־פרעגט: ווער?

— אָט אַזוי, — זאָגט מיר קאָיגען, — גייענדיק פון פּערזאָן צו פּערזאָן און אויסשליסנדיק איינעם נאָכן אַנדערן, בין איך געבליבן שטיין אויף ישראל־

מיכל'ען. עפעס האָט מיך דורכגענומען ווי א חלשות־געפיל. אויב פאַר־דעכטיקן אימיצן, איז ניט קיין אַנדערן, ווי קאפּלינסקי'ן. פאַרוואָס? — וואָלט איך ניט געקענט זאָגן. אָבער איך האָב אויך ניט געקענט זאָגן, אַז איך האָב צו אים אַזויפיל צוטרוי, ווי א שטיינער צו רחמיל'ן (וויינשטיינ'עז, איצט אַנגעזעענער טוער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד) אָדער אסתר'ן (פרומקינא, אויך קאָמוניסטישע טוערין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד). ווענן אַלע איבעריקע מענטשן האָב איך געפילט זיכער. ווענן קאפּלינסקי'ן האָב איך ניט געפילט, אַז איך טרוי אים ביזן סוף.

פונדעסטוועגן האָט קאָיגען באַהאַלטן זיינע צווייפלען פאַר זיך. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט נאָך זיין באַפרייאונג אפילו ניט דערציילט דעם צענטראַל־קאָמיטעט וועגן זיין פאַרדאַכט. ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַלטן די באַשולדיקונג פאַר צו ערנסט, אַז ער זאָל זי אַרויסריידן פאַר זיינע חברים אָן א באַגרינדונג. דאָס איז געווען א שלעכטער צוגאַנג. באַלד נאָך זיין באַפרייאונג וואָלט ער געדאַרפט געווען מאַכן אַן אונטערזוכונג. מען וואָלט געדאַרפט נאָכשפּירן דעם פּראָוואָקאַטאָר. ווען מען נעמט אַריין די זאַך ערנסט אין די הענט, וואָלט מען אים ליכט געקענט אויסגעפינען.

אָבער דאָ מוז מען שוין געדענקען, אַז נאָך דעם יאָר 1907 האָט דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט בכלל אַנגעוואוירן די אייניקייט, נאָענטקייט צו דער אָרגאַניזאַציע און די שלאַג־קראַפט, וואָס ער האָט געהאַט ביז 1905. די אָרגאַניזאַציע גופא איז אין א גרויסער מאָס צעפאַלן געוואָרן אונטער די קלעפּ פון דער זינרייכער צארישער רעאַקציע. די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אין דער פּירערשאַפט אויף די ערטער און אין צענטער האָבן זיך געוואַלטיק פאַרשטאַרקט. א סך טוער האָבן זיך מיט באַגייסטערונג אָפּגעגעבן דער בור־זשואַזער קולטור־אַרבעט, פאַרגעסנדיק די רעוואָלוציע. דער אונטערערדישער אַפּאַראַט איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אויב דער מענשעוויזם אין יענע יאָרן האָט בכלל געהאַט א טענדענץ פון דעמאָראַליזירן מענטשן און זיי אָפּציען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, האָבן זיך אָט די טענדענצן אַרויסגעוויזן פיל שאַרפער אינעם „בונד".

ווי די מעשה זאָל ניט זיין — פישל קאָיגען, אַליין אַן ערנסטער רעוואָ־לוציאָנער, האָט ניט אונטערגענומען קיין זאַך צו דעמאַסקירן דעם פאַר־ברעכער, ביז עס זיינען געקומען די גרויסע אויפדעקונגען פון דעם סאָציאַ־ליסטרעוואָלוציאָנער בורצעוו.

## דריי־און־פופציקסטער קאַפּיטל

# דער סוף פון אַ פּאַרעטער

אין 1909 איז געווען אַ סענסאַציע אין רוסלאַנד מיט דער אויפדעקונג פון דעם פּראָוואָקאַטאָר אַזעוו. אויפגעדעקט האָט אים דער שריפטשטעלער בורצעוו, אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געלעבט אין אויסלאַנד. ווי קומט בורצעוו צו אַזאַ ־דער ארבעט? ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ געוועזענעם באַאמטן פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, וועלכער איז אויך אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אין פּעטערבורג — דאָס איז געווען דער צענטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער שפּיאָן־אַרבעט אין רוסלאַנד. דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם אינערן־מיניסטער, און די אַרבעט פון באַקעמפן די רעוואָלוציע איז געווען זיין הויפּט־אויפגאַבע. דער געוועזענער באַאמטער פון אַט דעם דעפּאַרטמענט האָט פאַרנומען אַזאַ הויכע שטעלע, אַז ער האָט געהאַט אַ צוטריט צו אַלע באַריכטן וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

דער מענטש האָט זיך געמאַכט אַ צעטל פון אַלע פּראָוואָקאַטאָרן און האָט אַראָפּגענומען פאָטאָסטאַטישע קאָפּיעס פון די דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן די פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט. ווען ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט בורצעוו׳ן און האָט אים איבערגעגעבן אַ טייל פון די דאָקומענטן.

די דאָקומענטן האָבן באַוויזן, אַז אַזעוו איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אַזעוו איז געווען דער מענטש, וואָס האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן טעראָריסטישע אַטענטאַטן אויפן לעבן פון מיניסטאָרן און אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין 1905 איז געפאַלן פון די הענט פון די טעראָריסטן אַפילו אַזאַ העכט, ווי דער אָנקל פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, דער גרויספירשט סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש. אַזעוו איז געווען אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און אַן אָנפירער פון איר טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע. אַזעוו האָט, הייסט עס, געלאָזט דערמאָרדן וויכטיקע באַאמטע פון דער צאַרישער מלוכה, כדי אָנצוהאַלטן זיין פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און כדי צו קענען פאַרראַטן די רעוואָלוציע. עס איז מעגלעך, אַז אַ טייל פון די אַטענטאַטן זיינען געפּלאַנעוועט געוואָרן מיט דער צושטימונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט.

דער באַאמטער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די אַלע פאַקטן און זיי באַשטעטיקט מיט אומבאַשטרייטבאַרע דאָקומענטן, האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ

גאַנצע ריי אַנדערע פּראָוואָקאַטאָרן. ער האָט דאָס ניט געטאָן דירעקט, נאָר דורך בורצעוו'ן. אַזוי איז בורצעוו מיטאַמאָל געוואָרן דער קוואַל פון מערק־ווירדיקער אינפאָרמאַציע וועגן אַלע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן אין רוס־לאַנד. דאָס האָט אים אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז עס האָט זיך בא אים אַנטוויקלט אַ שפּיאָנאָמאַניע און ער האָט אָנגעהויבן נאָכדעם זען שפּיאָנען דאָרט, וואו עס זיינען געווען פרידלעכע מענטשן. אָבער ניט דאָס זיינען מיר אויסן. מיר ווילן דערציילן וועגן דעם פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקי. צווישן די נעמען, וואָס דער באַאַמטער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער דערמאָנט אויך דעם נאָמען פון אַ שפּיאָן, וואָס אַרבעט אינעם „בונד" און וואָס זיין נאָמען ענדיקט זיך מיט „סקי". דעם גאַנצן נאָמען האָט ער ניט געדענקט. אָבער דאָס האָט ער געוואוסט, אַז „סקי" איז דער סוף פון דעם נאָמען.

דאָס האָט מען איבערגעגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „בונד". עס איז שוין מער ניט מעגלעך געווען אָפּצולייגן. (פאַרוואָס דער „בונד" האָט אָפּגעלייגט אַזוי לאַנג, איז באמת שווער צו פאַרשטיין. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַקוראַט ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „בונד" קען זיך בשום אופן ניט אַנטשליסן אַריינצונעמען אין זיינע הענט די אונטער־זוכונג וועגן קאַפּלינסקי'ן.)

מען האָט אָנגעהויבן צוזאַמענשטוקעווען די שטיקלעך פאַרדאַכט, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן. קאַפּלינסקי האָט געלעבט ברייטער ווי זיין געהאַלט האָט עס דערלויבט. בא קאַפּלינסקי'ן אין קעשענע האָט מען צופעליק געפונען אַ הונדערט־רובלדיק פּאַפּירל. קאַפּלינסקי'ן נאָמען ענדיקט זיך אויף „סקי". אימיצער אַ נאָענטער צום צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן קאָינעג'ען — און קאָינעג'ס פאַרדאַכט איז געפאַלן אויף קאַפּלינסקי'ן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן עפּעס טאָן. מען איז אַריין אין קאַפּלינסקי'ס וואוינונג, בשעת יענער איז ניט געווען אין דער היים, און מען האָט געמאַכט אַ גרינטלעכע זוכונג. מען האָט געפונען אַן אילוסטרירטע פּאָסט־קאַרטל, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן מיט גאָר קליינע אותיות אַ דאַטום. דער דאַטום איז געווען אַריינגעפּאַסט אין דער צייכענונג אַזוי, אַז מען האָט דאָס ניט לייכט געקענט דערזען. ווען קאַפּלינסקי איז געקומען אין זיין וואוינונג, האָט מען אים געפרעגט, וואָס עס באַדייט אָט דאָס קאַרטל. (פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ „דעיט" מיט דער זשאַנדאַרמעריע.) קאַפּלינסקי האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער, אָבער ער האָט ניט געקענט דערקלערן, וואָס דאָס קאַרטל מיטן דאַטום באַצייכנט. עס איז געווען קלאָר: דער מענטש איז אַריינגעפאַלן.

וואָס האָט געדאַרפט טאָן דער צענטראַל־קאָמיטעט אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן? מען האָט שוין מער ניט געטאָרט אַראָפּלאָזן פון קאַפּלינסקי'ן קיין אויג. מען האָט אים געדאַרפט האַלטן אַרעסטירט אין זיין וואוינונג, אכטונג געבן, אַז ער זאָל זיך ניט פאַרבינדן מיט דער אויסנוועלט און מיט דער פּאָליציי. וואָס אָבער האָבן געטאָן די לעקישעס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט? זיי האָבן באַשטימט, אַז ער זאָל קומען אַף אַ פּאַרטיי־פאַרהער דעם קומענדיקן טאָג.

דאָס האָט נאָר נאָך באַוויזן, אַז ניט געקוקט אַף דער אונטערזוכונג, האָבן זיי אַלץ ניט געגלויבט, אַז ישראל־מיכל איז אַ פאַררעטער. סטייטש, זייער ישראל־מיכל!

דער בלוטיקער פאַרברעכער איז אָבער געווען קלינגער פון זיי. ער האָט ניט געוואַרט אַפן פּאַרטיי־געריכט. ער האָט פאַרנומען דאָס ווייב מיט די קינדער מיט די בעבעכעס און איז פאַרשוואונדן. די „אונטערזוכער" זיינען געבליבן מיט אַ נאָז.

שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר האָט מען אים געזען אין פּעטערבורג, אין אַ גאָרטן־קאָנצערט. איינער פון זיינע אַלטע באַקאַנטע איז געזעסן אַף אַ באַנק אין שטאָט־גאָרטן און געהערט מוזיק. ער טוט אַ קוק: לעבן אים זיצט קאַפּלינסקי. ער האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן פון איבערראַשונג. קאַפּלינסקי האָט אים דערזען — האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק.

קלוג, קלוג, — אָבער איבערקליגן די רעוואָלוציע האָט קאַפּלינסקי ניט געקענט. עס איז געקומען פריער די מערץ־רעוואָלוציע פון 1917, וועלכע האָט אויפגעעפנט אַלע אַרכיוון. עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן צענדליקער דאָקו־מענטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז קאַפּלינסקי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר. די רעוואָלוציע האָט אַרויסגענומען פונעם אַרכיוו זיין „פאָסלוזשנאָי ספּיסאָק" (דינסט־רעקאָרד), וואָס האָט זיך געפירט וועגן יעדן באַאַמטן. צו דעם „ספּי־סאָק" איז געווען צוגעקלעפּט זיין פאָטאָגראַפיע. דאָרט איז געשטאַנען גענוי פאַרשריבן, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אינעם דינסט פון דער געהיים־פּאָליציי און וועלכע באַריכטן ער האָט געשיקט.

שפּעטער איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און מיט איר דער טויט פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן. די רעוואָלוציע האָט געפונען קאַפּלינסקי'ן אַ פאַרשטעלטן ערגעץ אין מזרח־רוסלאַנד. די רעוואָלוציע האָט מיט אים קיין סך וועזנס ניט געמאַכט. דער פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקי איז פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף. ער האָט געקראָגן דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט.

פיר־און־פופציקסטער קאפיטל

# א רווישיקער זומער, א שטורעמדיקער הארבסט

שרייבן די געשיכטע פון 1905 וואָלט פאַר מיר געווען א פרייד. שרייבן די געשיכטע פון 1917 וואָלט געווען פאַר מיר נאָך א גרעסערע פרייד. אָבער דאָס אַלץ גייט ניט אריין אינעם פּלאַן פון דער איצטיקער ארבעט. איך האָב געוואָלט געבן מער ניט ווי אַן עפּיזאָד: אַן ארעסט, א פעריאָד אין טורמע און א באַפרייאונג. איך האָב געוואָלט איבערגעבן נאָר דאָס, וואָס איך אַליין האָב געזען. אויב עס האָט זיך דאָ און דאָרט געפאָדערט אַן אַלגעמיינע באַטראַכטונג, איז נאָר אַף אַזוי פיל, אַף וויפיל דאָס האָט באַלויכטן דעם עפּיזאָד, וואָס איך האָב געשילדערט.

איך וועל דעריבער ניט געבן אפילו די הויפּט־מאָמענטן פונעם יאָר 1905. דאָס וואָלט געפאָדערט א גאַנצן בוך. איך וועל נאָר איבערגעבן די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין יענעם יאָר צווישן רעוואָלוציאָנערן.

די שטימונג איז געווען אַזאַ, אַז אַלע טאָג איז געוואָרן פריילעכער צו ארבעטן, פרייער צו אָטעמען. אַלע טאָג האָט דאָס לאַנד געזען, ווי עס ברעכט זיך דאָס אַלטע, ווי עס שטייגט דאָס נייע. דער איינדרוק איז געווען, ווי דאָס לעבן וואָלט זיך אָפּגעריסן פונעם אַלטן ברעג און טראָגט זיך שנעל און אימפּעטדיק איבער שטורעמדיקע, הויך־אויפגעטורעמטע וואַסערן פון א ברייטן אָקעאַן — פאָראויס, פאָראויס, צו אומבאַקאַנטע פאַרכאַפּנדיקע ווייטקייטן.

קיין זאַך איז ניט געבליבן אַפן אָרט. אַלצדינג האָט זיך געוואַקלט, גע־רוקט, געבראָכן. מיר זיינען שוין געוואוינט געווען צו די מפּלות פון דער צארישער אַרמיי, אָבער אָט איז געקומען צושימאַ — די צעשטערונג פון א גאַנצן רוסישן פלאָט אין די וואַסערן צווישן יאַפּאַן און אַזיע, און מיר האָבן זיך געזאָגט, אַז אַף אַזאַ מין באַגרעבעניש האָבן אפילו די ערנסטע שונאים פון דעם צאַריזם זיך ניט געריכט. מען דערציילט, אַז אין דעם טאָג, ווען עס איז אונטערגעגאַנגען דער רוסישער פלאָט (ראָזשדעסטווענסקי'ס עסקאַדרע) אונטער די סלעפּ פון די יאַפּאַנעזישע קריג־שיפן, האָט ניקאָלאַי, דער אימ־

פערמאָר פון אַלע רוסן, פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך: „היינט האָבן מיר געהאַט זייער אַ גוטן פּיקניק."

די קאַטאַסטראָפע האָט נאָך מער צערודערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. זי האָט נאָך מער אונטערגעגעבן מוט דעם אַרבעטער־קלאַס און די רעוואָ־לוציאָנערע פּאַרטייען. אינמיטן זומער פון 1905 קומט די „פּאָטיאָמקין"־געשיכטע. די מאַטראָסן פון אַ גרויסן קריג־שיף „פירשט פּאָטיאָמקין" מאַכן אַן אויפשטאַנד, אַרעסטירן די אָפיצירן, נעמען די קריג־שיף, הענגען אַרויס די רויטע פאָן.

אין אָדעס קומט אין דער צייט פאָר אַ סטרייק, וועלכער האַלט שוין אין פאַרוואַנדלען זיך אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די פּאָליציי און די סאָלדאַטן שיסן אין די דעמאָנסטראַנטן. יענע בויען דאָ און דאָרטן באַריקאַדן. דער אויפשטאַנד אויפן „פּאָטיאָמקין", וועלכער איז געשטאַנען אין אָדעסער האַפן, האָט מעכטיק דערהויבן דעם מוט פון די אַרבעטער אין שטאָט. עס קומט אַ מאָמענט — די מאַטראָסן פונעם רעוואָלוציאָנערן קריג־שיף מעלדן, אַז זיי וועלן פאַרטיידיקן די אַרבעטער מיט דעם פייער פון די האַרמאַטן. זיי שיסן אַריין עטלעכע מאָל אין שטאָט אַריין אויף צו דערשרעקן די סאָלדאַטן.

„פּאָטיאָמקין" האָט זיך לאַנג ניט געקענט האַלטן און איז אָפּגעפאָרן קיין רומעניע, וואו די מאַטראָסן האָבן זיך אונטערגעגעבן. אָבער די גע־שעעניש האָט באַוויזן, אַז עס האַלט ניט גלאַט מיטן רוסישן פלאָט. פונעם פלאָט קען זיך די רעוואָלוציע אַריבערוואַרפן אין דער אַרמיי.

אַ גאַנצן זומער קומט פאָר אַ דינגעניש צווישן די פאַבריקאַנטן און דער צאַרישער רעגירונג. די אַרבעטער סטרייקן אין די הונדערטער טויזנטער, אין די מיליאָנען. זיי סטרייקן אין איין און דער זעלביקער פאַבריק צו עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. עקאָנאָמישע סטרייקס, וואו די אַרבעטער פאָדערן העכערע שכירות און קירצערע שטונדן, ווערן פאַרוואַנדלט אין פּאָליטישע סטרייקס, וואו די אַרבעטער שטעלן אַרויס די פאָדערונגען פון פּאָליטישער פרייהייט. פּאָליטישע סטרייקס, וועלכע ווערן דערקלערט צוליב אַ געוויסער געזעלשאַפט־לעכער פאַסירונג, ווערן פאַרוואַנדלט אין עקאָנאָמישע סטרייקס, ד. ה., אַר־בעטער פאָדערן עקאָנאָמישע הנחות. זאָגן די צאַרישע מיניסטאָרן צו די פאַבריקאַנטן: פאַרבעסערט איר די לאַגע פון די אַרבעטער, וועלן זיי ניט סטרייקן: זיי זיינען דאָך געדעכט — עס לעבט זיך זיי שלעכט. זאָגן די פאַבריקאַנטן צו דער רעגירונג: גיב די אַרבעטער מער פרייהייט, גיב זיי דאָס רעכט פון אָרגאַניזאַציע און פּרעסע, וועלן זיי ווייניקער טראַכטן וועגן עקאָנאָמישע פאָדערונגען, וואָרים זיי זיינען דאָך טאַקע רעכטלאָז און פּאָ־

ליטיש פאַרשקלאַפּט. הערן דאָס די אַרבעטער — און פאַרשטאַרקן סיי זייערע עקאָנאָמישע און סיי זייערע פּאָליטישע פאָדערונגען.

די פּרעסע איז נאָך אַלץ אונטערן קנאַפּל פון דער צענזור, אָבער זי רעדט אָזוינע זאַכן, וואָס צוריק מיט צוויי יאָר וואָלט מען דערפאַר אָוועקגעשיקט קיין סיביר. ביכער ווערן געדרוקט אין די טויזנטער — נייע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ביכער, וואָס זיינען ביז אַהער געווען פאַרבאָטן. זיי ליגן אין די בוכהאַנדלונגען; זיי שטייען אין די שויפענצטער — מחיה׳דיקע, נייאינקע, אַפּעטיטלעכע ביכער וועגן די פּאָליטישע אָרדענונגען אין אייראָפּע, וועגן סאָציאַליזם, וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער עולם אינטעליגענטן און אַרבעטער וואַרפט זיך אויף זיי מיט אַ גוואַלדאַוונעם הונגער. בראָשורן ווערן פאַרשפּרייט אָפן.

די רעגירונג גיט ביסלעכווייז נאָך, אָבער זי פּירט זיך ווי אַ פּחדן — אָן ווילנס־קראַפט, אָן טעמפּעראַמענט. די רעגירונג פאַרשפּרעכט איינצופירן אַ „דומאַ" — אַ מין רוסישן פּאַרלאַמענט, אָבער נאָר מיט באַראַטונגס־רעכט. דאָס דאַרף הייסן, אַז די מאַכט אַרויסצוגעבן געזעצן וועט נאָך אַלץ בלייבן אין די הענט פונעם צאַר. „פאָלקס־פאַרטרעטער" וועלן האָבן דאָס רעכט צו דיסקוטירן די געזעץ־פּראָיעקטן און אַרויסגעבן זייער מיינונג. צי דער צאַר וועט זיך רעכענען מיט דער מיינונג, צי ניט — דאָס בלייבט אין זיינע הענט. די ליבעראַלן האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט אָט דער „בוליגינשער דומאַ" (בוליגין איז געווען דער אינערן־מיניסטער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן נאָך סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי׳ן), אָבער די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי און די אַנדערע פּאַרטייען, וואָס האָבן געאַרבעט צווישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן באַשלאָסן באָי־קאָטירן די וואַלן צו אָט דער דומאַ.

און דאָ גיט אַ זעץ דער גענעראַל־סטרייק פון אָקטאָבער.

ווער האָט אים גערופן? ווער האָט אים אָרגאַניזירט? אויבנאויף קען זיך דאַכטן, אַז קיינער האָט דעם סטרייק ניט אַרויסגערופן און קיינער האָט אים ניט אָרגאַניזירט. אָבער די געשיכטע פון די צען יאָר זינט דעם גרויסן טעקסטיל־סטרייק פון 1896 אין פּעטערבורג איז דאָך געווען די געשיכטע פון אַרבעטער־סטרייקס, וועלכע האָבן געהאַט ניט נאָר אַן עקאָנאָמישע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע שאַרף. נאָך די אומצייליקע סטרייקס פונעם ווינטער און זומער פון 1905 איז דער גענעראַל־סטרייק פון אָקטאָבער געקומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך.

עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס עקאָנאָמישע לעבן אויף אַ גרויסן טייל פון רוסלאַנד. עס האָט זיך פאַרמאַכט דער גרעסטער טייל פאַבריקן און זאַ־

וואָרן. עס זיינען געשלאָסן געוואָרן אַ סך האַנדלס־הייזער. יעדער וויכטיקער אינדוסטריעלער צענטער האָט געסטרייקט. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די מערסטע אייזנבאַנען. עס האָבן פאַרסטרייקט די מערסטע פּאָסט־אָנגעשטעלטע. דער טעלעגראַף האָט געאַרבעט, אָבער ניט רעגולער.

אַ גאַנץ לאַנד האָט געסטרייקט; עס איז ניט געווען קיין צענטראַלע סטרייק־אָנפירונג, אָבער שוין אין אָנהויב פונעם סטרייק האָבן די אַרבעטער פון די פאַבריקן אין די וויכטיקסטע צענטערן אויסגעקליבן דעפּוטאַטן און געבילדעט ראָטן פון אַרבעטער־דעפּוטאָטן (אַ ראַט אויף רוסיש הייסט „סאָוועט”; די אויסגעקליבענע קערפּערשאַפטן האָבן זיך גערופן סאָוועט פון אַרבעטער־דעפּוטאָטן). אין פּעטערבורג האָט זיך געגרינדעט אַ סאָוועט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען פאַרטרעטער פון אַלע רעוואָ־לוציאָנערע פאַרטייען. דער פּעטערבורגער סאָוועט האָט זיך דערקלערט פאַר דעם גענעראַל־שטאַב פון דער רעוואָלוציע.

אין יענער צייט—אָנהויב נאָוועמבער—בין איך אָנגעקומען קיין ווילנע.

פינף־און־פופציקסטער קאַפּיטל

# רוסלאַנד ברענט

ארבעטער, ארבעטער, ארבעטער! סטרייקס, דעמאָנסטראַציעס, באַריקאַדן! מיר, וואָס האָבן איבערגעלעבט דאָס רויטע יאָר 1905, האָבן פאַרשפּאָרט פרענן, וואָס דאָס איז פאַר אַ רעוואָלוציע. מיר האָבן געזען מיט אונזערע אויגן, מיר האָבן געפילט מיט אַלע אונזערע חושים, אַז דאָס איז אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. דער פּראָלעטאַריאַט בונטעוועט! דער פּראָלעטאַריאַט פירט! דער פּראָלעטאַריאַט שטורעמט די פעסטונגען פון זיינע פיינט.

לענין האָט געשריבן נאָך דער שחיטה פונעם 9טן יאַנואַר:

„גרויסע היסטאָרישע געשעענישן קומען פאָר אין רוסלאַנד. דער פּראָלעטאַריאַט איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם צאַריזם. דער פּראָלעטאַריאַט איז דערפירט געוואָרן דורך דער רעגירונג ביז אַן אויפשטאַנד. עס איז שוין איצט כמעט ניט מעגלעך צו צווייפלען, אַז די רעגירונג האָט מיט אַ כיון געלאָזט בערך אַן שטערונג זיך אַנטוויקלען דער סטרייק־באַוועגונג און דעם אָנהויב פון אַ ברייטער דעמאָנסטראַציע, וועלנדיק דערפירן די זאַך ביז דער אָנווענדונג פון מיליטערישער קראַפט. און זי האָט דערצו דערפירט! טויזנטער דערהרג'עטע און פאַרוואונדעטע — דאָס איז דער סך הכל פון דעם בלוטיקן זונטיק פונעם 9טן יאַנואַר אין פּעטערבורג. דאָס מיליטער האָט באַזיגט אומבאַוואָפנטע ארבעטער, פרויען און קינדער. דאָס מיליטער האָט גובר געווען דעם פיינט, צעשיסנדיק ארבעטער, וואָס זיינען געלעגן אויף דער ערד. „מיר האָבן זיי געגעבן אַ גוטע לערע!" — זאָגן איצט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן ציניזם די צאַרישע דינער און זייערע אייראָפּעאישע לאַקייען פון דער קאָנסערוואַטיווער בורזשואַזיע.

„יאָ, די לערע איז געווען גרויס! דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט וועט די לערע ניט פאַרגעסן... דער ארבעטער־קלאַס האָט באַקומען אַ גרויסע לערע פון בירגער־קריג; די רעוואָלוציאָנערע דערציאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט אין איין טאָג אַ שפּאַן געטאָן פאָראויס אַזוי,

ווי זי וואָלט נים געקענט אַ שפּאַן טאָן אין יאָרן חדשים און יאָרן פון גראָעו, וואַכעדיקן, פּאַריאַגטן לעבן. דער לאָזונג פון דעם העלדישן פּעטער־בורגער פּראָלעטאַריאַט: „טויט אָדער פרייהייט!" קייקלט זיך איצט מיט אַן עכאָ איבער גאַנץ רוסלאַנד. די געשעענישן אַנטוויקלען זיך מיט אַ שטורעמדיקער שנעלקייט... דער פּראָלעטאַריאַט באַוואָפנט זיך און באַוואָפנט דאָס פאָלק...

„זאָל לעבן דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט! — זאָגן מיר. דער גענעראַל־סטרייק הויבט אויף און מאָביליזירט אַלץ ברייטערע מאַסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער שטאָטישער אָרעמשאַפט. די באַוואָפענונג פונעם פאָלק ווערט איינע פון די נאָענטסטע אויפגאַבן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. נאָר אַ באַוואָפנט פאָלק קען זיין די אמת׳ע פעסטונג פון דער פאָלקס־פרייהייט."

דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען די קראַפט, וואָס האָט געשאַפן די רעוואָלוציע, אָנגעפירט די רעוואָלוציע, געמונטערט די אַנדערע אונטערדריקטע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג און געוויזן דעם וועג צום זיג אין דער רעוואָ־לוציע. וואָלטן אַלע אַנדערע קלאַסן, דער עיקר די ריזיקע מאַסע פּויערים און דאָס שטאָטישע קליינבירגערטום, געגאַנגען מיטן פּראָלעטאַריאַט אויך נאָך דעם זיג פונעם 17טן אָקטאָבער, וואָלט דער צאַריזם געווען געבראָכן שוין דעמאָלט,די רעוואָלוציע וואָלט אַריבערגעגאַנגען אַף אַ העכערער שטופּע און דער פּעריאָד פון רעאַקציע צווישן 1906 און 1917 וואָלט געווען אומעגלעך. וואָלטן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וואָס האָבן געאַרבעט צווישן פּראָלע־טאַריאַט, זיך געשטעלט אַפן שטאַנדפּונקט פון די באָלשעוויקעס, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט געהאַט סיי די נויטיקע פירערשאַפט, סיי די נויטיקע איניקייט, וואָס וואָלט מעגלעך געמאַכט פאַר אים צו מאַרשירן צום זיג. אָבער וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידן.

דאָ דערווייל וויך איך דערמאָנען, אַז אחוץ דעם פּראָלעטאַריאַט האָבן אין 1905 געבורעט און טיילווייז געבונטעוועט אויך אַנדערע קלאַסן און גרופּן: די פּראָפעסיאָנאַלן, טיילווייז די „ווייסע קאָלנער שקלאַפן", דער עיקר אָבער — דאָס פּויערטום.

אויב צום סוף פון 1904 האָט אַ פאָרטרעטער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ געהאַט די העזה צו פרעגן: „וואו איז אייער פּראָלעטאַריאַט?" — האָט די אינטעליגענץ נאָך די געשעענישן פונעם 9טן יאַנואַר 1905, נאָך די גענעראַל־סטרייקס אין אַ ריי גרויסע שטעט, נאָך די ריזיקע סטרייקס

איבערן גאנצן לאנד, נאך דעם אויפשטאנד אפן קריג־שיף „פאטיאמקין" מער ניט געשטעלט אזוינע פראגן. אויך די אינטעליגענץ האט געמוזט אנערקענען די פירנדיקע ראלע פונעם פראלעטאריאט. ווען עס איז ארויס דער ערשטער לעגאלער קאריקאטורן־זשורנאל אין נאוועמבער 1905, איז דארט אויף דער ערשטער זייט געווען א בילד פון א טיפישן באוואוסטזיניקן פראלעטאריער, אזוינעם ווי מ'האט געקענט זען אומעטום אויף דעמאנסטראציעס און אין דער אנפירונג פון סטרייקס, און די אונטערשריפט האט זיך געלייענט: „זיין קייזערלעכע מאיעסטעט, דער אלרוסישער פראלעטאריער." אבער די אינטעליגענץ האט אויך בייגעטראגן איר חלק. זי האט זיך ארגאניזירט אין פאר־באנדן: לערער־פארבאנד, אינזשענערן־פארבאנד, שרייבער־פארבאנד, א. אז. וו. די אלע פארבאנדן האבן זיך פאראייניקט אין א צענטראלער קערפער־שאפט, וואס האט זיך גערופן „סאיוז סאיוזאוו" (פארבאנד פון פארבאנדן). דער דאזיקער צענטראלער פארבאנד פון דער אינטעליגענץ האט אנגענומען רעזאלוציעס וועגן אלערליי פאליטישע געשעענישן; עס האט ארגאניזירט פארזאמלונגען, ער האט געשיקט דעלעגאציעס צו די פארשיידענע באאמטע, פראטעסטירנדיק קעגן די אדער יענע אפיציעלע ברוטאליטעטן. ער האט אין דער זעלביקער צייט — לכל הפחות אפיציעל —„אינדארסירט" די ארבעטער־באוועגונג.

פון א פיל גרעסערער באדייטונג איז געווען דער פויערים־פארבאנד, וועל־כער איז געגרינדעט געווארן אין אויגוסט פון 1905.

דאס יאר 1905, דארף מען געדענקען, איז געווען אויך א יאר פון פויערים־בונטן. אין יענעם יאר זיינען פארגעקומען, לויט א שפעטערדיקער אויספארשונג, 3,228 פויערשע רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען. די מערסטע פון אט די ארויסטרעטונגען זיינען נעווען געווענדעט ניט אזוי קעגן דער רעגירונג, ווי קעגן די פריצים. די פויערים האבן געהאט זייער גרויסע אלטע פרעטענזיע צו די פריצים. די ערד, האבן זיי געזאגט, איז גאט'ס און דעם פאלק'ס. די ערד, אויף וועלכער עס האבן געארבעט דורות און דורות פויערים, דארף געהערן דעם פאלק. די פריצים דארפן ארונטערגעטריבן ווערן פון דער ערד; זיי דארפן אויפהערן זויגן דאס בלוט פונעם פאלק.

די ערשטע פויערים־בונטן פונעם 20טן יארהונדערט זיינען פארגעקומען אין פאלטאווער און כארקאווער גובערניע אינעם יאר 1902. אינעם יאר 1905 וואקסט די כוואליע פון פויערים־אומרוען געוואלטיק. אויב אין יאנואר פון 1905 איז געווען 17 רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען פון פויערים, איז אין פעברואר געווען 109, אין יולי — 248, און אין נאוועמבער — 796.

וואָס איז געווען א פויערים־בונט? די פויערים נעמען זיך צוזאמען אין א גרויסער מאסע, דערקלערן, אז די ערד איז זייערע, גייען אוועק צום פריצישן הויף, נעמען ארויס פון די שטאַלן די פערד און די קי; אויב עס איז דאָ פארטיקע תבואה, נעמען זיי זי און לייגן זי ארויף אָף זייערע וואָגנס. אָפט רייסן זיי זיך אריין אין פריצישן פאַלאַץ, נעמען אוועק דאָס מעבל, טיילן זיך מיט די קליידער און מיט אנדערע חפצים, וואָס זיי געפינען. אָפט צינדן זיי אונטער דעם פאַלאַץ אָדער די שייערס.

אנדערע צוזאמענשטויסן קומען פאָר צווישן די אגריקולטורעלע אר־בעטער און די פריצים. די ארבעטער דערקלערן א סטרייק. זיי פאָדערן העכערע שכירות און קירצערע שטונדן. דער פריץ רופט די פאָליציי. די באטראקעס צינדן אונטער דעם פריצ׳ס שפייכלערס אָדער זיין פעלד.

איבער גאַנץ רוסלאַנד רויכערן זיך אינעם יאָר 1905 די פריצישע הויפן און פריצישע פעלדער.

גאַנץ רוסלאַנד איז איין שטיק פייער.

זעקס־און־פופציקסטער קאפיטל

# די כוואַליע שטייגט אַלץ העכער

אין שטאָט — די ארבעטער; אין דאָרף — די פויערים; אַפן ווייטן מזרח — די מפּלות פון דער ארמיי. דער צאַר האָט איינגעזען, אַז ער קען מער ניט פירן די מלחמה. פאַר אים איז געווען געזינטער צו שליסן שלום. אמת, דאָס איז געווען אַ שענדלעכער שלום. רוסלאַנד האָט אָנגעוואוירן פּאָרט־אַרטור און אַ גאַנצע ריי אַנדערע טעריטאָריעס אַפן אַזיאַטישן קאָנטי־נענט. רוסלאַנד האָט אויך אָנגעוואוירן אַ העלפט פונעם אינזל סאַכאַלין מיט גרויסע אויל־דעפּאָזיטס. אָבער בעסער אַ שלעכטער פרידן, איידער אַ קאַטאַס־טראָפישע מלחמה. דער פרידן איז אונטערגעשריבן געוואָרן סוף זומער אין פּאָרטסמוט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פרידן האָט געזאָלט באַרויִקן די באַפעלקערונג. אָבער קיין רו איז ניט געווען.

אינעם זומער פון 1905, ווען איך האָב געלעבט אין דווינסק, איז מיר אויסגעקומען בייצואַוווינען אַ משפט איבער פויערים־בונטאַרעס. אין דער געגנט פון דווינסק זיינען פאָרגעקומען צאָלרייכע פויערים־אומרוען, און די געריכט־קאַמער, וואָס האָט זיי געדאַרפט משפּט׳ן, איז אַרויסגעפאָרן קיין דווינסק אויף אַ פּאָר וואָכן, כדי אָפּצופּאַרטיקן די משפּטים.

אַזוי צערודערט איז שוין געווען די רעגירונג, אַז די געריכט־פאַרהאַנד־לונגען זיינען פאָרגעקומען עפנטלעך. עס איז ניט געווען קיין געריכט מיט גע־שוואוירענע (דזשורי). עס איז געווען אַ געריכט פון צוויי צארישע ריכטער מיט צוויי אַזוי־גערופענע „קלאַסן־פאָרשטעער" (סאָסלאָוויע פּרעדסטאַ־וויטעלי) — פּריוואַטע פּערזאָנען, וועמען דאָס געריכט האָט באַשטימט. (גע־וויינלעך פלעגט מען נעמען צוויי רייכע סוחרים אָדער רייכע פויערים, וואָס האָבן געהאָרכזאַם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַלע פאָרשלאָגן פון די ריכטער.)

איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ משפט. עס זיינען געקומען פינף אַדוואָקטן — דריי פון פּעטערבורג, איינער פון ווילנע, איינער אַן אָרטיקער. עס זיינען געבראַכט געוואָרן הונדערטער עדות. דער פּראָצעס האָט זיך פאַר־

וואַנדלט אין אַ פּאַראורטיילונג פון דעם פּעאָדאַלן לאַנד־סיסטעם, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד.

אָרעמע פּויערים, מאָגערע, אויסגעהאָרעוועטע. הענט — טונקעלע, האַרטע, הענט וואָס האָבן אַזוי לאַנג זיך געפּאָרעט מיט דער ערד, ביז זיי זיינען געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד. חושב'דיקע פּנים'ער. פּלאַקסענע אומ־פּאַרקעמטע האָר. לייוונטענע העמדער, לייוונטענע צעריסענע הויזן. פיס באָרוועסע אָדער אין לאַפּציעס. אַ גאַנץ פאָלק פון ערד־מענטשן, וואָס האָבן כמעט קיינמאָל ניט געגעסן צו זאַט.

אַנטקעגן זיי — דער פּאַרוואַלטער. דער פאַרטרעטער פון די פּריצים. די פּריצים אַליין זיינען גאָר ניט געקומען צום געריכט. וואו וואוינען די פּריצים? אין פּאַריז, אין ניצע, אין איטאַליע, אין די שווייצאַרישע בערג. די פּריצים האָבן, ווער עס זאָל זיי פאַרטרעטן.

הערט מען זיך איין אין די רייד פון די פּויערים — אומגעהובלטע, ערדישע רייד — ווערט קלאָר, ווי אַזוי די וואָוילגעבוירענע פּריצים האָבן אויס־געזויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון דער פּויערים־מאַסע. דעם פּויער'ס שטיקל ערד איז צו קליין: ער קען אויף דעם קיין אייגענע באַלעבאַטישקייט ניט פירן. מוז ער צודינגען ברעקלעך ערד. דאַרף ער צאָלן רענט. איז דער פּריץ אַ מאָנאָפּאָליסט אויף דער ערד. הייסט ער זיך צאָלן דריי מאָל אַזויפיל, וויפיל די ערד איז ווערט. מוז דער פּויער צאָלן, ווייל ער האָט ניט קיין ברירה.

דער פּריץ באַאַרבעט זיינע פעלדער מיט דער הילף פון די פּויערים. ער דינגט זיי און צאָלט אָפּן טאָג. צאָלט ער נישטיקע שכירות. שנים־ציים, ווען עס איז טייער יעדע מינוט, דאַרף דער פּריץ שיקן אין פעלד אַריין עסן פאַר די פּויערים. שיקט מען אַזאַ עסן, פון וועלכן די פּויערים זיינען געוואָרן קראַנק. זיינען די פּויערים אומצופרידן, זאָגט דער פּאַרוואַלטער: אויב איך געפעלט ניט, זוכט אייך בעסערע אַרבעט. אין שטאַל און אין קו־הויף אַרבעטן יונגע פּויערים און פּויערטעס פאַר זעקס רובל אַ חודש.

שטעלט זיך אויף אַ פּויערטע פון אַ יאָר פופציק. זי איז באָרוועס, אָבער איר קאָפּ איז אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסן שאַל. זי האָט אַ פּנים ווי אויס־געהאַקט פון שטיין, און אירע ווערטער זיינען ווי אַ סך־הכל אונטערגעפירט צו דער גאַנצער סיסטעם.

— דער פּריץ עסט ווייסע ברויט אַלע טאָג, און מיר פאַרזוכן ניט קיין ווייס ברויט אַפילו ווען מיר זיינען קראַנק. דעם פּריץ'ס הינט און קעץ טרינקען מילך, און אונזערע קינדער ווייסן ניט דעם טעם פון מילך. דער פּריץ מיט זיין ווייב און קינדער גייען אָנגעטאָן אין זייד און אין גאָלד, און

מיר גייען אַנגעטאָן אין צעריסענע שמאַטעס. די פּריצים קומען זיך צוזאַמען אין שיינע זאַלן, מען שפּילט אויף דער פּיאַנאָ און מען טאַנצט, און מיר זיינען אויסגעמאַרדעוועט פון אַכצן שעה אַרבעט מיטן סערפּ אין פעלד, אונזערע רוקנס זיינען אַזוי צעבראָכן פון בויגן זיך און אונזערע הענט זיינען אַזוי צעשטאָכן פון די סטערניעס, אַז מיר טוען זיך אַ וואַלגער ווי טויט אויף דער ערד און שלאָפן איבער די עטלעכע שעה. אַזוי גייט אַוועק אונזער לעבן. די פּריצים לערנען זייערע קינדער, און מיר זיינען פינצטער.

די פּויערים פון יענעם דאָרף האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם פּריץ'ס הויף און האָבן זיך עטלעכע שעה געטיילט מיט זיין האָב און גוטס.

די אַדוואָקאַטן האָבן געהאַט אַ לייכטע אַרבעט. עס איז ניט געווען קיין פּאַרטיידיקונג. עס איז געווען אַן אָנקלאָג. יעדער פּאָליטישער פּראָצעס אין יענער צייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ משפּט איבער דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם.

:: :: ::

אָבער דאָך איז די פּויערים־באַוועגונג נאָר געווען אַ הילף און אַ שטיצע פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ הילף און אַ שטיצע איז אויך געווען די סטודענטן־באַוועגונג. אָנהויב סעפּטעמבער האָבן זיך געדראַפּט ענעפענען די אוניווערזיטעטן. זיי האָבן זיך געעפנט — אָבער נאָר פאַר פּאָליטישער אַרבעט. אויף קיין לעקציעס זיינען די סטודענטן ניט געגאַנגען. אַנשטאָט דעם האָבן זיי אָפּגעהאַלטן גראַנדיעזע מיטינגען אין די גרעסטע זאַלן פון די לערן־אַנשטאַלטן. די פּאָליציי האָט זיך אויפגעהערט מישן אין די געשעפטן פון די אוניווערזיטעטן. די רעוואָלוציאָנערע סטודענטן האָבן געוואונען די פאַר־זאַמלונגס־פרייהייט. איצט איז אָט די פרייהייט אויסגענוצט געוואָרן אויך פון די אַרבעטער.

באַקומט זיך אַזאַ מין ווידערשפּרוך. אין פאַבריק טאָרן זיך די אַרבעטער ניט פאַרזאַמלען. טאָמער אָרגאַניזירן זיי דאָרט אַ מיטינג, לויפט באַלד אָן אַן אָפּטיילונג פּאָליציי אָדער קאָזאַקן און צעטרייבט. אין שטאָט בכלל טאָרן די אַרבעטער ניט אָפּהאַלטן קיין פּאָליטישע פאַרזאַמלונג. אָבער אין אַ זאַל פון אַ הויכער לערן־אַנשטאַלט מעג מען רופן אַ גרויסן אַרבעטער־מיטינג. עס קומען זיך צוזאַמען טויזנטער אַרבעטער. עס קומען אויך פירער. עס ווערן געהאַלטן פייערדיקע רעדעס. עס ווערן אויפגעקלערט די פּראָגראַמען און פּלאַטפאָרמען פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען. עס ווערט אויסגעשמידט דאָס אַרבעטער־באַוואוסטזיין.

דער ערשטער גרויסער סטרייק פונעם הארבסט 1905 איז געווען דער סטרייק פון די מאָסקווער דרוקער — אָן ערך צען טויזנט. דער סטרייק האָט געווירקט אַף אַנדערע אַרבעטער. עס האָבן זיך פאַרמע־ט די צוזאַמענשטויסן פון אַרבעטער מיט דער פּאָליציי און אַרמיי. פון מאָסקווע האָט זיך דער סטרייק אַריבערגעוואָרפן אין פּעטערבורג אָנהויב אָקטאָבער. דעם 6טן אָק־טאָבער הויבט זיך אָן אַ סטרייק אַף דער מאָסקווע־קאַזאַנער אייזנבאַן. און אַזוי ווייט עס שוין אַוועק פון איין אינדוסטריע צו דער צווייטער, פון איין געגנט אין דער צווייטער, ביז גאַנץ רוסלאַנד איז געבליבן שטיין אין גענעראַל־סטרייק. דאַכט זיך, אַז דעם ערנסטן קלאַפּ האָט די רעגירונג באַקומען דערפון, וואָס אַלע אייזנבאַנען — פּערציק טויזנט ווערסט — האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דאָס גאַנצע לעבן איז ווי אָפּגעשטאָרבן. אָבער אָפּגעשטאָרבן איז נאָר דאָס עקאָנאָמישע לעבן. דאָס פּאָליטישע לעבן, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט ערשט אָנגעהויבן שטורעמען און ברויזן מיט נייעם אומגעהערטן אימפּעט.

עס איז געקומען דער טאָג אין נאָוועמבער פון 1905, ווען די רעוואָלוציע האָט אויפגעעפנט אַלע טורמעס.

## זיבן־און־פופציקסטער קאפיטל

# דער מאַניפעסט; דער קיעווער פאָגראָם

דער צאַר איז געווען איינגעשפּאַרט. דער צאַר איז געווען טעמפּ. דורך דעם גאַנצן יאָר 1905 האָבן מיר זיך געפרעגט: ווער איז שולדיק אין אָט־דער נאַרישער עקשנות — דער צאַר, צי זיינע מקורבים? מיר האָבן געוואוסט, אַז דער צאַר איז אַ באַשרענקטער מענטש. מיר האָבן זיך אָבער אויך גע־וואונדערט, פאַרוואָס עס געפינט זיך ניט איינער צווישן זיינע ראַטגעבער, וואָס זאָל אים אָנצייכענען אַ וועג פון רעפאָרמען.

אַז רעפאָרמען זיינען געווען אומפאַרמיידלעך — דאָס האָט דאָך יעדערער געוואוסט. אויב אַזוי — פאַרוואָס ניט מאַכן אַ ליבעראַלן זשעסט, פאַרוואָס ניט דערקלערן דעם פאָלק: מיר זיינען גרייט איינצופירן באַשטימטע ערנסטע רעפאָרמען, וואָס זאָלן באַפרידיקן לכל הפחות די ליבעראַלן און די בורזשואזע אינטעליגענץ?

דער צאַר איז געווען איינגעשפּאַרט. דער צאַר איז געווען טעמפּ. אָבער זיין לאַגע איז אויך ניט געווען אַזוי גרינג. אַלעמאָל, ווען ער האָט אין יאָר 1905 געגעבן אַ רעפאָרמע, האָט זיך תיכף אַרויסגעוויזן, אַז זי איז צו קליין, צו נישטיק, צו שפּעט און אַז די באַוועגונג האָט שוין לאַנג איבער איר אַריבערגעשפּליצט. זאָל מען ניט מיינען, אַז דער צאַר האָט קיין הנחות ניט געמאַכט אין יענעם רעוואָלוציאָנערן יאָר. שיר ניט יעדן חודש האָט ער גע־מאַכט אַ נייעם צוריקטריט, און אַלעמאָל האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט פאַר אים גאָר ביטער: אַ חוץ הארצווייטיק האָט ער דערפון גאָרניט באַקומען.

אַזוי איז דאָס געווען מיט דער בולינינשער דומאַ. אים און זיינע ראַט־געבער האָט זיך מסתמא אויסגעדאַכט, אַז דאָ ניט מען דעם עולם ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קאָנצעסיע: סטייטש, אַ כמו־„פּאַרלאַמענט", אַ געזעץ־באַראַטנ־דיקע אַנשטאַלט, מיט וואַלן, מיט פרייהייט אויסצודריקן מיינונגען, מיט פרייהייט צו מאַכן פאָרשלאָגן. אמת, די וואַלן זיינען געווען באַגרענעצט אָף די פאַרמעגלעכערע קלאַסן, די וואָרט־פרייהייט איז געווען אַ קלאָגעדיקע און די מאַכט פון דעם צאַר אַרויסצוגעבן געזעצן איז געבליבן אומבאַרירט. אָבער

אין פארגלייך מיט דעם בלייענעם דרוק, וואָס האָט געקוועטשט אפּן לאַנד צוריק מיט צוויי יאָר, האָט די בוליגינשע דומא געקענט אויסזען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ געווינס. איז געקומען דער גענעראַל־סטרייק פון אָקטאָבער 1905 און האָט אָפּגעווישט די בוליגינשע דומא. דעם 17טן אָקטאָבער 1905 איז דערשינען דער אָקטאָבער־מאַניפעסט, אין וועלכן דער צאַר האָט פאַר־שפּראָכן אַן אמת'ע געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין געבויט אפן באַזיס פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט און זאָל טאַקע האָבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן געזעצן. ער האָט אויך צוגעזאָגט וואָרט־פרייהייט, פאַרזאַמלונגס־פרייהייט, אָרגאַניזאַציע־פרייהייט און אַ גאַנצע ריי אַנדערע רעפאָרמען.

האָט דער צאַר בדעה געהאַט אויסצופילן זיין צוזאָג? דער מאַניפעסט האָט, אויבן־אויף, איינגעפירט בורזשואַזע פּאָליטישע פרייהייט אין לאַנד. אמת, די אַנטשפּרעכנדיקע געזעצן האָבן ערשט געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן. אָבער דער מאַניפעסט אַלס אַזעלכער האָט פּראָקלאַמירט עפּעס אַזוינס ווי אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. וואָס דאָס האָט באַדייט אין אמת'ן, האָט מען געקענט זען דערפון, וואָס באַלד נאָכן מאַניפעסט האָט זיך איבערגעגאָסן איבער רוסלאַנד אַ כוואַליע פון שוידערלעכע פּאָגראָמען.

איך בין אָנגעקומען קיין קיעוו עטלעכע טעג נאָך דעם 17טן אָקטאָבער. איך האָב נאָך געטראָפן דאָס בלוט פון די אידישע קרבנות ניט אומעטום אָפּגעווישט פון די גאַסן און די אויסגעבראָכענע שויבן ניט אומעטום אריינ־געשטעלט. די קיעווער אידן האָבן זיך נאָך ניט געוויזן אין די גאַסן, און דער וואָלקן פון שרעק איז נאָך אַלץ געהאָנגען איבער זייערע וואוינונגען און אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן. באַקאַנטע, וואָס האָבן אַליין געליטן פונעם פּאָגראָם, האָבן מיר דערציילט, ווי דאָס איז געשען.

באַלד ווי די צייטונגען האָבן אַרויסגעגעבן עקסטראַ־אויסגאַבן מיטן מאַניפעסט פונעם 17טן אָקטאָבער, האָבן גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג זיך אַ לאָז געטאָן צו דער געבײַדע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (שטאָט־דומא), וועלכע געפינט זיך אפן עק פון דער הויפּט־גאַס פון קיעוו, קרעשטשאַטיק, קעגנאיבער דעם שטאָט־גאָרטן. באַלד האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר דער דומא אַן עולם פון צענדליקער טויזנטער. עס איז געווען אַ שיינער טאָג. די מענטשן זיינען געווען פריילעך. עס האָט געהערשט אַ יום־טוב'דיקע שטימונג. אומבאַקאַנטע האָבן זיך געקושט, זיך געוואונטשן מזל־טוב. די מער סענטי־מענטאַלע האָבן זיך געוואָרפן קושן. אַלע האָבן געברויזט מיט דער באַ־גייסטערונג פון דער ניי־געוואונענער פרייהייט. אויסגעשרייען „זאָל לעבן די פרייהייט!", „זאָל לעבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!" האָבן זיך געהערט

פון אומעטום. דער ראַדיקאַלער שריפטשטעלער מאַרק באַריסאָוויטש ראַטנער, וועלכער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט אַרויסגעקלעטערט אויף דעם באַלקאָן פון דער דומאַ, און קיעוו האָט געהערט די ערשטע אָפענע פּאָליטישע רעדע אונטערן „נייעם רעזשים". אויף דעם באַלקאָן האָבן זיך געפונען אַנדערע מענטשן. אימיצער האָט גענומען דעם בלעכענעם צוויי־קעפּיקן אָדלער, וואָס האָט באַצירט דעם באַלקאָן, אים אָפּגעבראָכן און אַרונטערגעוואָרפן אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן פון דער מאַסע.

אין דער צייט, ווען פאַר דער דומאַ האָבן נאָך געקלונגען די פּאָליטישע רעדעס, האָט הינטער דער דומאַ, אין די גאַסן, וואָס ציען זיך באַרג־אַראָפּ און זיינען געווען באַזעצט מיט אידן, זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם, — איינער פון די בלוטיקסטע, וואָס רוסלאַנד האָט ביז דעמאָלט געזען.

ווער האָט צונגעגרייט די גראַמילעס? ווער האָט זיי געגעבן דעם סיגנאַל? ווער האָט אָנגעפירט מיט זייער מאָרד־ און רויב־אַרבעט? דער קלאַנג איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דעם אָפּגעשטאַנענסטן טייל פון דער רוסישער מאַסע, אַז דאָס האָבן די אידן אַרונטערגעריסן דעם צוויי־קעפּיקן אָדלער. דער פּאָגראָם האָט געדויערט דריי טעג, און באַטייליקט אין אים האָבן זיך ניט נאָר טיפּישע כוליגאַנישע עלעמענטן, נאָר אויך פּאַטריאָטיש־אויפגעהעצטע רוסישע קליינבירגער, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געווען פרידלעך.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געלייענט די דערינערונגען פון איינעם שולגין, וועלכער איז געווען אַ רוסישער אָפיציר, אַ פּאַטריאָט און אַן איידעם פון דעם רעדאַקטאָר פון דער אַנטיסעמיטישער קיעווער צייטונג „קיעווליאַנין", פּראָפעסאָר פּיכנאָ. שולגין, וועלכער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען אַן אָנפירער פון די רעאַקציאָנערן־מאָנאַרכיסטן אין דער גאָסודאַרסטווענע דומע, דערציילט ווי אַזוי ער איז אַרומגעגאַנגען באַזוכן דעם „קאַמפּס־פּראָנט", ד. ה. די וואַך פון די אָרטיקע בירגער, וואָס איז נאָכדעם אָרגאַניזירט געוואָרן כלומרשט אויף אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען. די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער וואַך, האָבן געזאָגט שולגינ'ען: מיר פאַרשטייען זיך דאָך איינער דעם אַנדערן; מיר זיינען פּאַטריאָטן, איר זייט אַ פּאַטריאָט. מיר ווייסן, אַז דער פּאָגראָם אויף אידן איז אַ קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערן. אויב מען דאַרף אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם אויף דער ווייל, איז דאָס ניט מער ווי צוליב סטראַטעגישע מאָטיוון.

איך געדענק שוין ניט גענוי די ווערטער, אָבער דער געדאַנק איז געווען קלאָר. שולגין מאַכט ניט קיין סוד פון דעם פאַקט, אַז דער פּאָגראָם איז

באטראכט געוואָרן ווי אַ מיטל קעגן דער רעוואָלוציע. עס איז ניט געווען קיין פראגע וועגן אַ באזונדערער שנאה פון דער רוסישער באפעלקערונג קעגן אידן; עס איז געווען אַן אָרגאַניזירטע באוועגונג צו באקעמפן די רעוואָלוציע.

דער צאַר האָט מיט איין האנט געגעבן דעם מאַניפעסט, מיט דער אנדע־רער האנט האָט ער צוגעגרייט פּאָגראָמען. מיטן מויל האָט ער גערעדט ווערטער וועגן פרייהייט, פּאַקטיש האָט ער מאָביליזירט זיין גאנצע מאַכט אַף צו דערשטיקן די רעוואָלוציע.

גראָד אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין קיעוו, זיינען פאָרגעקומען גרויסע אומרוען אין דעם קיעווער מיליטערישן גאַרניזאָן. געוויסע פּאָלקן האָבן ניט געוואָלט ארויסגיין אַף „אוטשעניע" (איבעונגען). איין מאָל בין איך געווען אינעם שטאָט־גאָרטן, ווען דאָרט איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלער מיטינג אונטערן פרייען הימל. מען האָט געבראַכט סאָלדאַטן, די סאָלדאַטן האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן, אָבער זיי האָבן ניט געשאָסן. ביז היינט ווייס איך ניט, צי זיי האָבן ניט געוואָלט שסין, צי מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן ניט שיסן.

פּאָגראָמען פון איין זייט, די אַרמיי פון דער צווייטער זייט — אַ פיינע צאַרישע „פרייהייט".

## אכט־און־פופציקסטער קאפיטל

# די פרייע טעג אין ווילנע

איך האב מיין ווילנע סוים דערקענט.

גווען א שטאט א שטילע; געווארן א שטאט א רוישיקע. שטענדיק איז דער איינדרוק געווען, אז ווילנע איילט זיך נישט. היינט האט זי געלעבט אין פיבער.

אין גרויסן צירק, נים וויים פון דער לוקישקער טורמע, איז ארגאניזירט געווארן א מיטינג. עס איז געווען א כאאטישער מיטינג. עס זיינען געקומען טויזנטער מענטשן, וואס זיינען ביז אהער נים געווען אף קיין פאליטישער פארזאמלונג. געווען זייער א סך סאלדאטן אין אוניפארמען. געווען אפילו סאלדאטן מיט ביקסן. עס האט געהייסן, אז די פארטרעטער פון פארשיידענע פארטייען וועלן פארברענגען זייערע פלאטפארמען. אבער עס ווייזט אויס, אז די רעדנער זיינען נים געווען צוגעגרייט. דער עולם איז, קענטיק, אויך נים געווען צוגעגרייט צו פארשטיין די פלאטפארמעס. באקומען האט זיך א סך רויך און ווייניק פייער, ווי עס זאגן די רוסן.

אינעם צירק האב איך צום ערשטן מאל געזען, וואס עס הייסט א רויע מאסע, וועלכע איז אויפגערודערט געווארן פון דעם שטורעם אין לאנד. די מאסע איז, ערשטנס, געווען א פיל־שפראכיקע: רוסן, פאליאקן, ווייס־רוסן, אידן. צווייטנס, איז דאס געווען א מאסע, וואס האט נים געקענט איינזיצן רואיק אף אן ארט. אזוי ווי עס איז געווען מער מענטשן ווי פלעצער, האט א כוואליע פון מענער, פרויען און יוגנט זיך געהאלטן אין איין באוועגן. איידער נאך מען האט באוויזן „איינצופעדימען" די פארזאמלונג ווי עס געהערט צו זיין, זיינען אנגעקומען סאלדאטן. די סאלדאטן האבן צעטריבן דעם עולם. זיי האבן גענוצט די קאלבעס פון די ביקסן און האבן געסטראשעט מיט באאינעטן. א סך פונעם עולם האבן געקראגן אין די זייטן. איניקע האבן געפרואווט פראטעסטירן, אבער די סאלדאטן האבן געשטויסן אלץ מער. עס האט זיך ערטערווייז באקומען א פאניק. מענטשן האבן מורא געהאט, אז טאמער וועט דא ווערן א בלוט־באד. מ'האט זיך אנגעהויבן שטויסן צום

ארויסגאַנג. גראַד איז דער צירק אַזוי געווען געבויט, אַז קיין סך טויערן איז ניט געווען. האָט זיך דער עולם צוזאַמענגעשטויסן אין עטלעכע ענגע דורכ־גענג. אימיצער האָט געקוויטשעט. אימיצער האָט געקרעכצט. עס קען זיין, אַז מענטשן זיינען געפאַלן און מ'האָט אַף זיי געטראָטן מיט די פיס.

ווען די כוואַליע האָט מיך ארויסגעטראָגן אין גאַס, האָב איך זיך אָפּ־געשטעלט און אַ קוק געטאָן אַף די מענטשן. זיי זיינען געגאַנגען אין פאַר־שיידענע ריכטונגען, זיך געאיילט צו פאַרלאָזן דעם צירק־פּלאַץ. סאָלדאַטישע פּאַטרולן האָבן געשפּאַנט איבער דער מיט גאַס. איבערן קאָפּ זיינען געהאַנגען די ווייסע עלעקטרישע לאַמטערנס. די לופט איז געווען פול מיט אַ דינעם נעבל.

איך בין געשטאַנען און געקוקט, און מיר איז ניט געווען גרינג אַפן האַרצן. איך האָב ניט באַמערקט, אַז דאָ דערביי איז געשטאַנען אַ צווייטער מענטש. איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, הער איך ווי מען רעדט מיט אַ קולטיווירטער רוסישער שפּראַך:

— ווי געפעלט איך דער המון? אָט דאָס וויל האָבן פּאָליטישע פרייהייט.

גערעדט האָט אַ פיין־געקליידעטער מאַן מיט אַ שיינער געלבלעכער באָרד. זיין טייערער מאַנטל איז פאַרקנעפּלט ביז אַרויף. זיין שוואַרצער הוט וואַרפט אַ שאָטן אַפן בלאַסלעכן געזיכט. זיינע ליפּן זיינען רויט. אַף די שיך טראָגט ער געטרעס ((ספּעטס). דער מענטש האָט אויסגעזען ווי אַ רייכער אַדוואָקאַט אָדער דאָקטאָר. אַף זיינע ליפּן האָט זיך געשלענגלט אַ ציניש ער שמייכל.

— מיט אַזוינע מענטשן וויל מען דאָס בויען אַ נײַ רוסלאַנד. מען קען ניט אַריינגיין אין טעמפּל מיט שמוציקע שטיוול...

איך ווייס ניט, פאַרוואָס דער מאַן האָט זיך געווענדעט צו מיר. אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב אויך געהאַט אַ געלבלעכע באָרד און האָבן געטראָגן ברילן. ווער קען וויסן? אין יענער צייט האָבן אומבאַקאַנטע אָפט גערעדט איינער מיטן אַנדערן וועגן פּאָליטישע פראַגן. איך האָב ניט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן דעם אויסגעפּוצטן מאַן. געוואוסט האָב איך פון דער געשיכטע, אַז עטלעכע וואָכן רעוואָלוציע דערציען די מאַסן אַ סך מער, ווי נאָרמאַלע יאָרן. אָבער איך האָב זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין גע־שפּרעכן. איך האָב מיר נאָר פאַרצייכנט: אַזוי קוקט די בורזשואַזיע אַף די ברייטע מאַסן.

אין גאַס זיינען אַרומגעגאַנגען סאָלדאַטישע פּאַטרולן. די פּאָליציילייט (גאָראָדאָוויקעס) זיינען ווי פריער געשטאַנען אומעטום און געהיט. די פּריסטאַוועס זיינען געווען אַף די ערטער. דער פּאָליציימייסטער איז געווען דער באַלעבאָס פון שטאָט. דער גובערנאַטאָר האָט געהערשט. אָבער די מאַסן

האָבן זיך גענומען פּריוויחיים. די מאַסן האָבן זיך גענומען פיבערדיק אָרגאַני־זירן. די מאַסן האָבן געלעבט אָפּן און ברייט.

אין עטלעכע טעג זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס), מיט פאַרוואַלטונגען, מיט הויפּט־קוואַרטירן. די פאַראיינען האָבן געפּלאַנעוועט סטרייקס קעגן די באַלעבאַטים. אין פאַרשיידענע טיילן פון דער שטאָט האָבן זיך געעפנט אַרבעטער־קלובן. דאָס איז געווען נאָר אַ נייער אויפטו. נייסט אַריין אין אַזאַ פּלאַץ, געפינסטו עטלעכע צימערן, וואו עס קומען פאָר קליינע פאַרזאַמלונגען. אָט איז אַ בופעט, וואו מען קען פאַר־בייסן פאַר זייער ביליק. אָט איז אַ לייען־שטוב. אומעטום זיצן אַרבעטער. מען דיסקוטירט, מען לייענט, מען אַמפּערט זיך, מען פרעגט זיך: וואָס ווייטער?

דאָס שענסטע און פרייליכסטע פון יענער צייט זיינען די צייטונגען אין די גאַסן.

מיאַסמאַל האָבן זיך באַוויזן, ווי פייגלען אין אָנהויב פרילינג, נייע, פרישע, מונטערע צייטונגען. איינגלעך פאַרקויפן זיי אין די גאַסן. דער־וואַקסענע מענטשן שטייען מיט גאַנצע פּעקלעך אויף יעדן ווינקל. אָט האָט איינער אויסגעשטעלט אַ גאַנצן קיאָסק (סטענד). דאָס זיינען מאָסקווער צייטונגען, פּעטערבורגער צייטונגען, צווישן זיי די גרויסע ברענענדיקע „נאָוואַיאַ זשיזן" (דאָס נייע לעבן) — אַ טאָגבלאַט אַרויסגעגעבן פון די באָלשעוויקעס. מיר לייענען, אַז דער הויפּט־רעדאַקטאָר איז ק. ד. באַלמאָנט, און מיר שטוינען. באַלמאָנט איז אַ סימבאָלישער דיכטער, וואָס האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהאַט קיין שייכות צו פּאָליטיק. באַלמאָנט איז אַן עסטעט, אַ דעקאַדענט. ווי קומט ער צו די באָלשעוויקעס? מיר מוזן זיך זאָגן, אַז מסתּמא האָבן מיר ניט געוואוסט אַ סך זאַכן. צווישן די מיטאַרבעטער פון דער „נאָוואַיאַ זשיזן" געפינען מיר נעמען פון באַקאַנטע פּאָעטן און שריפטשטעלער, וועגן וועלכע מיר האָבן אַפילו ניט געטרוימט, אַז זיי זיינען באָלשעוויקעס. אַהאַ! זאָגן מיר זיך. אַ סימן, אַז די רעוואָלוציע איז אַריינגעדרונגען נאָר טיף אין די קרייזן פון דער העכערער אינטעליגענץ.

נישט נאָר די צייטונגען. עס האָבן זיך באַוויזן אַלערליי זשורנאַלן: וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע, פילקאָלירנדיקע, אויפגעפּלאַמטע רויטע. וואָס פאַר אַ שפּראַך! וואָס פאַר פּראָבלעמען! אַ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמען די הומאָריסטישע זשורנאַלן. ביז אַהער זיינען געווען אין רוסלאַנד עפּעס אַ צוויי אַזוי־גערופענע הומאָריסטישע זשורנאַלן: דער „סווערטשאָק" (גריל) און די „סטרעקאָזאַ" (גראָז־שפּרינגער). האָבן זיי געלאַכט פון דער שווינער און

פון איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אַפּן אייז, און פון אַ שיכּור'ן, וואָס קען ניט געפינען דעם לאָך פון דעם טיר־שלאָס. היינט גייען אַרויס זשורנאַלן מיט ביימנדיקער סאַטירע. קאַריקאַטורן אויף די מיניסטאָרן, שאַרפע, שטעכעדיקע בילדער פון אונטערדריקונג, בילדער פון קאַמף. עססייען, לידער, גראַמען, עפּיגראַמען פול מיט אַנגעגליטע נאָדלען. דער עולם צעכאַפּט די זשורנאַלן, קוקט אויף זיי, נאַפּט. קיינמאָל ביז דעמאָלט איז דאָך ניט געווען אין רוסלאַנד קיין פּאָליטישע קאַריקאַטור. איצט ערשט דערזעט דער דורכשניטלעכער בירגער, וואָס פאַר אַ פּאַסקודנע באַשעפענישן עס הערשן איבער אים.

דער אַרבעטער־עולם אָטעמט ברייט, איילט זיך אַריינכאַפּן די פרייהייט. די אינטעליגענץ איז אויפגעבראַכט. און אין גאַס גייען אַרום סאָלדאַטישע פּאַטרולן. באַנאַכט שיסט מען. ווער אין ווע מען?

## ניין־און־פופציקסטער קאפּיטל

# די שוואַרצע מאַה

גוואוינט האָב איך אין ווילנע אף זאַוואַלנע גאַס, ניט ווייט פונעם וואָקזאַל. עס איז געווען אַ לידיקע וואוינונג פון חברים, וואָס האָבן זיך ציטווייליק געפונען אין אַ אַנדער שטאָט. איך און אַ פריינט האָבן געוואוינט אין די ליידיקע צימערן אומזיסט. עס איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט און מען האָט געדאַרפט הייצן די אויוונס. אַלע אינדערפרי פלעגט דער איינגערער קוואַרניק (דזשעניטאָר) אַריינטראָגן האָלץ, און דער עלטערער דוואָרניק פלעגט דערביי אויך אַריינכאַפּן מיט אונז אַ שמועס.

דאָס איז געווען אַ פעסט־געבויטער רוס פון אַ יאָר פופציק, אַ געוועזענער סאָלדאַט. די האָר זיינען בא אים געווען אונטערגעשוירן „וו סקאָבקו" (אונטערגעהאַקט אַפּן קאָרט אין אַ גלייכער האָריזאָנטאַלער ליניע); שטיוול האָט ער געטראָגן הויכע, איבער די קני. און אין דעם גאַנצן אויסזען האָט זיך געפילט אי קראַפט, אי ברוטאַלקייט.

ער פלעגט מיט אונז ריידן וועגן פּאָליטיק. אַליין האָט ער ניט געקענט לייענען, פלעגט ער אונז פרעגן, „וואָס עס הערט זיך אף דער וועלט". מיר האָבן אים דערציילט די נייעסן פונעם טאָג, אף וויפיל עס איז מעגלעך געווען זיי איבערצוגעבן אין אַ איינפאַכער פּאָפּולערער שפּראַך. אַלעמאָל, ווען ער האָט געהערט וועגן סטרייקס, דעמאָנסטראַציעס, אויפשטאַנדן, האָט ער זיך געקראַצט אין דעם רויטן צעקאָרבטן קאַרק און געזאָגט: „ניע כאָראָשאָ, ניע כאָראָשאָ" (ניט גוט, ניט גוט). ווען מיר האָבן אים געפרעגט, פאַר־וואָס דאָס איז ניט גוט, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז „ניע פּאָריאַדאָק" (ניט קיין אָרדענונג). ווען מיר האָבן אים געפרעגט, צו וואָס מען דאַרף האָבן די אָרדענונג און וואָס אים וועט אַרויסקומען, ווען עס וועט שוין זיין אָרדענונג, האָט ער געזאָגט, אַז די מלוכה פאָדערט דו און אַז אויב אַלע וועלן אויפהערן אַרבעטן און וועלן קריכן אף די גלייכע ווענט, טאָ ווי־זשע וועט מען קענען לעבן אף דער וועלט?

מיר האָבן זיך געוואונדערט, פון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ נעגאַ־

טיוועך צונאנג צו די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אַליין איז ער געווען אַן אַרבעטס־מאַן — אַ געוועזענער אָרעמער פּויער, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין און זיך „אַרויפגעאַרבעט" אויף אַ דוואָרניק. אמת, ער איז געווען אַ דוואָרניק פון אַ גרויסן הויף — אין דעם הויף האָבן זיך געפונען עטלעכע הייזער — און אונטער זיך האָט ער געהאַט צוויי „אינגערע דוואָרניקעס"־געהילפן. אָבער דאָס האָט אים נאָך ניט געמאַכט פאַר קיין קאַפּיטאַליסט. אמת אויך, אַז ווערדליג זיין אויסזען האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רובל און האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן באַלעבוס. אָבער אויך דאָס האָט ניט געקענט דערקלערן זיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שטעלונג.

ערשט איינמאָל הויבט ער אָן מיט אונז ריידן און לאָזט אַרויס די קאַץ פונעם זאַק. ער איז ניט נאָר פאַר געזעץ און אָרדענונג, נאָר ער איז אויך קעגן די אידן. וואָס האָבן אים געטאָן די אידן? סטייטש, זאָגט ער, די אידן האָבן געמאַכט די גאַנצע רעוואָלוציע. זיי האָבן דאָס אָרגאַניזירט אַ פאַר־שווערונג אָפּן קייסער. זיי האָבן דערמאָרדעט אַ סך הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. ניט נאָר דאָס, נאָר אויך די טפלות אָפּן ווייטן מזרח זיינען געקומען אַ דאַנק די מאַכינאַציעס פון די אידן.

ווען מיר האָבן אים געפרעגט, פון וואַנען ער ווייסט די אַלע זאַכן, האָט ער געענטפערט מיט אַ געהיימניספולער מינע, אַז „מען ווייסט שוין פון וואַנען". ס'זיינען דאָ אַזוינע גוטע מענטשן, האָט ער געזאָגט, וואָס דערציילן דעם אמת. מען דאַרף הערן ניט נאָר דאָס, וואָס ס'שרייבט זיך אין די „אידישע ציישונגען", נאָר אויך וואָס די עכט־רוסישע מענטשן זאָגן.

דער דוואָרניק איז געווען אַזוי זיכער אין זיך און אין זיין „זאַך", אַז ער האָט אַפילו ניט געפונען פאַר נויטיק צו באַהאַלטן פון אונז דעם אַנטי־סמיטיזם. אפשר האָט ער אונז געוואָלט אָנשרעקן. אפשר האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער קען זיך רייצן מיט צוויי אידישע רעוואָלוציאָנערן. אַז מיר זיינען רעוואָלוציאָנערן, האָט ער גוט פאַרשטאַנען פון אונזערע געשפּרעכן.

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג לאָזט ער אונז וויסן, אַז עס איז שוין דאָ די אמת'ע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט ראַטעווען רוסלאַנד. די גוטע זין פון רוס־לאַנד, די וואָס ווילן ניט איבערגעבן רוסלאַנד אין די הענט פון „אידן און אויסלענדער", זאָגט ער, האָבן זיך פאַראייניקט און וועלן אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד. די נייע אָרגאַניזאַציע איז אַ ביסל שענער ווי די אָרגאַניזאַציעס פון די „בונטשאָווטשיקעס": אַהין גייען אַריין נאָר הויכע באַאַמטע, נאָר הויכע גלחים, נאָר פיינע פּריצים און אַנדערע פּערזענלעכקייטן, אַ חוץ דעם פּראָסטן פאָלק, פאַרשטייט זיך.

שפעטער זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אז די נייע אָרגאַניזאַציע רופט זיך „דער פאַרבאַנד פון דעם רוסישן פאָלק".

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר אויסגעקומען צו זען אַף באָלשאָיאַ נאָס אַ מערקווירדיקע פּראָצעסיע. עס האָט מאַרשירט אפשר אַ הונדערט מענטשן און אפשר מער, אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין אַרבעטער. אין דער ערשטער ריי זיינען געגאַנגען אָפּגעפּרעסענע פּאַרשוינען, וואָס ס'איז קלאָר געוואָרן פון ערשטן קוק, אַז דאָס זיינען די רוסישע קצבים־באַלעבאַטים. די קצבים האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט פון דער גאַנצער רוסישער באַפעלקערונג מיט זייער באַזונדערן אויסזען. מיט זיי צוזאַמען האָבן געמאַרשירט אַנדערע רוסישע „קופּצעס" — קרעמער און הענדלער. ווער זיי זיינען, איז געווען שאַרף אָנגעצייכנט אַף זייערע פּנים'ער. הינטער זיי זיינען געגאַנגען קרעפּטיקע, געוויקסיקע יונגען, איינס און איינס, אין ציווילע מאַנטלען און מיט פּראָסטע קאַשקעטן אַף די קעפּ, אָבער אַ נעניט אויג האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס זיינען איבערגעטאָנענע פּאָליציילייט. אייניקע פון זיי — קענטיק זשאַנדאַרמען — האָבן פאַרגעסן אָראָפּצונעמען פון די שטיוול די שפּאָרן. אַזוינע האָבן אַרויסגעגעבן די גאַנצע קאָמאַנדע. הינטער זיי האָבן זיך געשלעפּט פאַרשוינען, וואָס מיר וואָלטן זיי דאָ גערופן „באָמס" און וואָס אין רוסלאַנד פלעגט מען זיי רופן „באָסיאַקעס". גאָר הינטן איז געגאַנגען אַ כאָפּטע גימנאַזיע־שילער און אַנדערע קינדער.

פאָראויס פאַר אָט דער פּראָצעסיע האָט מען געטראָגן דעם פּאָרטרעט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן און אַ דריי־קאָלירנדיקן רוסישן פלאַג. מען האָט אויך געטראָגן אייניקע קירך־פאָנען. אין די ערשטע רייען איז געגאַנגען אַ גלח אין זיין „טענדע־וואַרענדע" און מיט אַ צלם. דעם צלם האָט ער געהאַלטן הויך איבערן קאָפּ. דער עולם האָט געזונגען אַ רעליגיעזן הימן: „סאָל סלאַוויען".

מיר זיינען געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ פּראָצעסיע פון דעם „פאַרבאַנד פונעם רוסישן פאָלק". דער צוועק פון דעם פאַרבאַנד („סאָיוז") איז געווען — באַקעמפן די רעוואָלוציע און די זשידעס.

אַזוי האָבן מיר ביינעוואוינט בײַ דער געבורט פון דער ערשטער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער געשיכטע פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאַנט רעוואָלווערן און איז געשטאַנען אונטערן שוץ פון דער פּאָליציי און די באַאַמטע. זי האָט געדאַרפט טעראָריזירן די רעוואָלוציאָנערן „אינעם נאָמען פונעם פאָלק". ניקאָלאַי'ס רעגירונג האָט פאַר זיך געפרואווט שאַפן דעם אויסזען פון אַ מאַסן־באַזע. צווישן דעם ברייטן רעוואָ־

לוציאָנערן און דעמאָקראַטישן עולם האָט די אָרגאַניזאַציע באַלד געקראָגן דעם נאָמען „שוואַרצע מאה".

נאָכדעם ווי די גרינדונג פון דער שוואַרצער מאה איז באַקאַנט געוואָרן אין ווילנע, האָט אונזער דוואָרניק אויפגעהערט ריידן מיט אונז, און ווען ער האָט אונז געזען דורכגיין לעבן טויער, וואו ער פלעגט זיצן אַף אַ בענקעלע דעם גאַנצן טאָג, פלעגט ער נאָך שמייכלען. אונז איז ניט געפעלן דער שמייכל. מיר האָבן זיך געזאָגט, אַז אויב עס וועט זיך אָנהויבן אין ווילנע אַ אידישער פּאָגראָם, וועט אָט דער דוואָרניק עפענען די טויערן פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס און וועט זיי ווייזן, וואו און וואָס צו פּאָגראָמירן. מסתמא וועט ער אונז אויך ניט פאַרשוינען.

מיר האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אַף נסים, האָבן מיר געקראָגן יעדערער צו אַ רעוואָלווער, וואָס מיר האָבן אַרומגעטראָגן אין קעשענע. דעם חבר'ס רעוואָלווער איז געווען אַ בראַונינג, מיינער — אַ סמיט ענד וועסאָן. איך בין אים שטאַרק מקנא געווען אַף דעם בראַונינג. אַ גלאַטער, שוואַרצער, פלאַכער, גלייך־ווינקלדיקער בראַונינג. מיין סמיט ענד וועסאָן האָט געהאַט אַ קיילעכדיקן באַראַבאַן מיט אַכט לעכלעך פאַר קוילן. עס איז ניט געווען קיין גוטער רעוואָלווער. איך ווייס ניט, צי ער וואָלט מיר אַ סך געהאָלפן.

## זעכציקסטער קאַפּיטל

# באַסטיליע, באַסטיליע, ווען וועסטו פאַלן!

אײן מאָל שפּעט אין אָוונט בין איך נעגאַנגען זיך זען מיט „מײַנע" טורמעס.

עס איז געווען אַרום צוועלף אַזײגער. איך בין אַרויס פון אַ פאַר־זאַמלונג, וואָס האָט מיך שטאַרק אויפגערודערט. אין די אויערן האָבן גע־קלונגען ווערטער שאַרפע, ווערטער פרישע וועגן דעם נײַעם לעבן, וואָס שטייט אויף דער שוועל. מ'האָט פאַרענדיקט מיט געזאַנג — און איידער דאָס געזאַנג איז פאַרקלונגען, עפענען זיך די טירן און עס קומט אַרײַן אַ זשאַנדאַרמסקע אָפיציר מיט עטלעכע פּאָליציײַליטס, אַקוראַט ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען, אַקוראַט ווי ס'וואָלט ניט געווען קיין רעוואָלוציע מיט קיין אָקטאָבער־מאַני־פעסט מיט קיין פרײַער פּרעסע און פרײַע פאַרזאַמלונגען. גייט דער אָפיציר אַרויף אויבן־אָן און פרעגט זאַכלעך:

— נאַספּאַדאַ (מײַנע הערן), וואָס איז דאָס בײַ אײַך פאַר אַ בעזפּאַריאַ־דאָק (אומאָרדענונג)?

מיר האָבן אים געענטפערט, אַז דאָס איז גראָד אַ זייער גוטע אָרדענונג, אַז ער האָט קיין רעכט ניט אַרײַנצוקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג, אַז רוסלאַנד האָט איצט געקראָגן פאַרזאַמלונגס־פרײַהייט — און נאָך אַ סך גוטע זאַכן האָבן מיר דערציילט דעם פאַרטרעטער פון דעם צאַרישן געזעץ. אָבער יענעם האָט דאָס ווייניק אָנגערירט. ער האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַן „אומלעגאַלע" פאַרזאַמלונג און, „צו זײַן גרויסן באַדויערן", וועט ער מוזן אַרעסטירן דעם פאָרזיצער און דעם סעקרעטאַר פון דער סאָבראַניע — „ביז די זאַך וועט אויפגעקלערט ווערן".

ס'איז געשטאַנען די פראַגע: אַרויסווײַזן אַ ווידערשטאַנד אָדער לאָזן די צוויי אַרעסטירטע איבערנעכטיקן הינטער אײַזערנע גראַטעס: אַז אויף מאָרגן וועט מען זיי אַרויסלאָזן, דאָס האָבן מיר געוואוסט אויף זיכער. די פאַרזאַמלונג איז געווען אומבאַוואָפנט. דער אָפיציר און די פּאָליציײַליטס

האָבן געהאַט רעוואָלווערן. עס איז ניט געווען קיין ברירה, אויב מען האָט ניט געוואָלט, אַז עטלעכע פון די פאַרזאַמלטע זאָלן בלייבן טויט.

מ'איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין אַן אויפברויז פון צאָרן, פון האַס, פון דערשטוינונג. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ פרייהייט? און וואָס איז דאָס פאַר אַ זיג?

איך בין געגאַנגען איבער די רואיקע ווילנער גאַסן. די שטאָט איז שוין געשלאָפן. אַ האַרבסט־נעבל האָט זיך געשלענגלט אַרום די געביידעס און פאַרוואַנדלט די לאַמטערנס אין צעשוואומענע ליכטיקע פלעקן. די טראָטואַרן אונטער די פיס זיינען געווען פייכט. ווילנע האָט פאַרמאָגט אַ סך הילצערנע טראָטואַרן. ווען מ'איז געגאַנגען איבער זיי, האָט זיך געפילט די שלאַבער־דיקייט פון פוילנדיקן האָלץ. דאָס האָט האַרמאָנירט מיט דעם נעבל און דעם אומעט פון באַנאַכטיקער ווילנע.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דעם גרויסן פּלאַץ פאַר דער קאַטעדראַלע. דאָ איז געווען ליכטיקער. מענטשן זיינען נאָך געגאַנגען הין און צוריק. אָבער דאָ און דאָרט האָבן פּאַטרולן אָפּגעשטעלט די פאַרבייגייער, געפאָדערט אַ פּאַספּאָרט אָדער אַן אַנדער דאָקומענט. קיין קריגס־צושטאַנד איז אין שטאָט ניט געווען, אָבער דער אייזערנער רינג פון מיליטערישער וואַך האָט אַרומ־געקלאַמערט די באַפעלקערונג. מען האָט ניט געדאַרפט קיין סך באַווייזן, אַז די מאַכט פונעם צאַריזם איז ניט געבראָכן.

איך בין אַראָפּ מיטן נעאָרגיעווסקי פּראָספּעקט צום צירק און פון דאָרטן, דורך געשלענגלטע געסלעך, בין איך דערגאַנגען צו לוקישקער טורמע. ערשט צוריק מיט אַ יאָר בין איך באַפרייט געוואָרן פון אָט דער טורמע. אָבער נערדאַכט האָט זיך מיר, אַז צענדליקער יאָרן זיינען אַריבערגעפלויגן זינט יענער נאַכט, ווען מיין בלומרשטריקע „כלה" איז געקומען מיך אַרויסנעמען פון הינטער די גראַטעס. איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום און געפונען „מיין" פליגל. די גאַנצע טורמע איז שוין געווען פאַרענדיקט. די קופּעס האָלץ און ציגל און שטיינער זיינען פאַרשוואונדן.

איך בין געשטאַנען לעבן דעם הויז, וואו איך האָב איינמאָל אַ זומער־אָוונט געהערט שפּילן פּיאַנאָ. איך בין געשטאַנען מיטן רוקן צו דעם הויז און מיטן פּנים צו דעם פליגל. איך האָב איבערגעציילט די פענצטער, אָנ־הויבנדיק פון לינקס אָפּן פינפטן שטאָק, און האָבן געפונען דאָס פענצטער פון מיין געוועזענער קאַמער. אָבער איצט איז דאָס געווען פאַרשטעלט מיט אַ בלעכענעם שילד.

דאָס איז שוין געווען אַ נייראיינגעפירטע באַנרעצונג. אין מיין צייט

האָט מען נעקענט, אַרויסקריכנדיק אַפֿן פֿענצטער, כאַפּן אַ קוק אין הויף אַריין. כּדי דאָס צו מאַכן אוממעגלעך, האָט מען פֿאַר אַ סך פֿענצטער אויס־געשטעלט פֿון דרויסן בלעכענע שילדן. דער שילד פֿאַרשטעלט דעם קוק אין הויף אַריין. דער שילד הויבט זיך אָן באַם אונטערשטן טייל פֿונעם פֿענצטער און ציט זיך קווער אין דער הויך. ווען דער אַרעסטירטער קלעטערט אַרויף אַפֿן פֿענצטער, קען ער נאָר זען אַ שטיקל הימל.

איך האָב מיר געטראַכט, אַז מסתּמא זיצט דאָרט אַן ערנסטער רעוואָלו־ציאָנער, אויב מ׳האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו פֿאַרשטעלן פֿאַר אים דעם הויף. די שילדן אויף די פֿענצטער האָבן אויסגעזען ווי גראָע בעלמעס. די גאַנצע טורמע איז געלעגן ווי אַ שטיק ווי־סטער חלום. אינדרויסן אַרום די מויערן האָבן געברענט לאַמטערנס. אינעם ליכט פֿון די לאַמטערנס זיינען אַרומגע־גאַנגען וועכטער מיט ביקסן אין די הענט. איך בין געשטאַנען אין שאָטן פֿונעם הויז, כּדי מען זאָל מיך ניט באַמערקן, און בילדער פֿון מיין פֿאַר־שפּאַרט־זיין האָבן זיך געטויפּעט אין מח. אָט איז דער סאַבאַטאַזש, אָט איז דער קליינער זיג, אָט איז די וואונדערבאַרע נאַכט, ווען איך האָב אַריינ־געקראָגן אַ חבר — אַ פֿריינט צו מיר אין קאַמער. אָט איז דער בונט מיט דעם קלאַפּן, מיט דעם בינדן אַרעסטירטע. די לאַנגע נעכט און די אומרואיקע טעג פֿאַרוואַנדלען זיך אין געדאַנק אין אַ קנויל איבערגעמישטע איינדרוקן. אָט איז די מעלדונג וועגן טויט פֿון פּלעווע׳ן. אָט איז דער ערשטער אָנזאָג, אַז אפֿשר וועל איך, פּערזענלעך, באַפֿרייט ווערן. און אָט איצט, ווען דער מעכטיקער אַרבעטער־קלאַס האָט, ווי אַ ריז, אָנגענומען מיט זיינע גרויסע אָרעמס די געביידע פֿונעם אַלטן רעזשים און טרייסלט זי און שאָקלט זי און האַלט זי אין אומוואַרפֿן, שטייט נאָך אַלץ די באַסטיליע, אַקוראַט ווי ניט זי מיינט מען, און הינטער אָט די גראַטעס, און הינטער אָט די גראָלעכע שילדן־בעלמעס שמאַכטן די בעסטע זין פֿונעם אַרבעטער־פֿאָלק.

שווער איז געווען אַפֿן האַרצן. אָבער ערגעץ אינעווייניק האָט געזונגען.
מאָדנע צייטן. אַ מאָדנער אָוונט.

פֿון לוקישקער טורמע בין איך אַוועקגעגאַנגען צו אַנטאָקאָל. דאָ האָט אַלץ אויסגעזען קלענער, ווי דאָס איז געווען, בשעת איך בין דאָרט געזעסן צוריק מיט אָנדערהאַלבן יאָר. די גאַס האָט אויסגעזען שמעלער, דער פּאַרקן — נידעריקער. די טורמע אַליין האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַן אַלטער געמויערטער קרעטשמע, ווי מען פֿלעגט דאָס אַמאָל באַגעגענען אין די גרעסערע אויעזדנע שטעט פֿון רוסלאַנד. דער וועכטער, וואָס האָט אַרומגעמאַרשירט פֿאַרן טויער, האָט מיך אָפּגעשטעלט. וואָס טוסטו דאָ? וואָס ווילסטו? איך

קוק אים אָן און דערקען אים: דאָס איז דאָך איינער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן, ווען איך בין דאָ געזעסן. ער מיך האָט שוין אָבער ניט דערקענט. איך ענטפער אים רואיק, אַז איך בין געקומען באַפרייען די אַרעסטירטע. וואונדערט ער זיך, אָבער ער ווערט ניט אויפגערעגט. ער זאָגט מיר: עס איז ניטאָ וועמען צו באַפרייען. פרעג איך: וואָס הייסט? ענטפערט ער, אַז דאָ זיינען ניט געבליבן קיין פּאָליטישע אַרעסטירטע. מ'האָט זיי אַלע אַריבערגעפירט אין לוקישקער טורמע. און וואָס איז שייך אונאַלאָוונע (קרימינעלע) — איז ווער קימערט זיך וועגן זיי?

אַ מאָדנע נאַכט. אַ מאָדנע געשפּרעך. פונעם מויל פון אַ טורמע־וועכטער איז מיר אויסגעקומען צו הערן אין יענער נאַכט, אַז „אימיצער" קימערט זיך וועגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַז אימיצער גרייט זיך זיי באַפרייען. אויך צו אָט דעם געוועזענעם סאָלדאַט און איצטיקן היטער בא די טויערן פון אַ טורמע איז דערגאַנגען דער גרוס פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט געשפּאַנט איבערן לאַנד.

קיין זאַך איז, דאַכט זיך, ניט געשען מיט מיר יענעם אָוונט, אָבער גע־בליבן איז ער אין מיין זכרון אַזוי שאַרף, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען צוריק מיט עטלעכע טעג.

## איין־און־זעכציקסטער קאַפּיטל

# דער פעטערבורגער סאָוועט

איך לעב אין ווילנע, אָבער מיטן געדאַנק בין איך אין פעטערבורג. ווילנע, מיט אירע קליינע מיטינגען און בערך אומבאַדייטנדיקער אָרגאַניזאַציע־אַרבעט, זעט אויס ווי אַ פאַרוואָרפענע פּראָווינץ־שטאָט אין פאַרגלייך מיט פעטערבורג. אַלע טאָג וואַרפן מיר זיך אויף די צייטונגען מיט אַ הונגער. יעדן טאָג ווערן מיר געוואויר נייע, שטוינענדיקע זאַכן.

דער סאָוועט האָט זיך געגרינדעט אין משך פונעם גרויסן גענעראַל־סטרייק אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער. דעם 17טן אָקטאָבער האָט ער שוין אויסגעקליבן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען דריי פאַרטרעטער פון די באָלשעוויקעס, דריי פון די מענשעוויקעס און דריי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דער צאַר האָט אַרויסגעגעבן דעם מאַניפעסט פונעם 17טן אָקטאָבער, אָבער דער סאָוועט האָט ניט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו ניקאָלאַי׳ס וואָרט. דעם 18טן אָקטאָבער האָט דער סאָוועט באַשלאָסן פאָרטזעצן דעם סטרייק, ביז עס וועלן ניט באַפרידיקט ווערן אַ ריי דרינגענדיקע פאָדערונגען: אָפּשאַפן דעם קריגס־צושטאַנד, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אַ ריי געגנטן פונעם לאַנד, באַפרייען די אַרעסטירטע, צוזאַמענרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פאַרן לאַנד.

אָבער דעם 19טן אָקטאָבער האָט שוין דער סאָוועט אָפּגעשאַפט דעם סטרייק. די אַרבעטער זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון דעם דריי־וואָכעדיקן סטרייק. אַ סך פון זיי האָבן עטלעכע מאָל געסטרייקט אין משך פונעם זומער. דער סאָוועט האָט געפונען פאַר נויטיק דערלויבן די אַרבעטער איבערכאַפּן דעם אָטעם.

ער איז אָבער געשטאַנען אויף דער וואַך. דעם 19טן אָקטאָבער גיט ער אַרויס אַ מאַניפעסט, וואו ער פאָדערט אויף די אַרבעטער און די ברייטע מאַסן איינצופירן פרעסע־פרייהייט אויף זייער אייגענעם אופן, ד. ה. אויפהערן אָנערקענען דעם צענזאָר, דרוקן און פאַרשפּרייטן צייטונגען און ביכער פריי. אַזוי

ווי די רעאקציע האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן, האָט דער פּעטערבורגער סאָוועט אָנגעהויבן באַוואָפענען די אַרבעטער. צוליב דעם האָט ער פאַרכאַפּט געווער, וואו ס'האָט זיך געלאָזט. אין פאַרשיידענע טיילן פון פּעטערבורג האָט ער געגרינדעט אַן אַרבעטער־מיליציע.

עס איז געוואָרן אַלעמאָל קלאָרער, אַז דער סאָוועט איז אַן אָרגאַניזאַציע פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד. באַלד האָבן זיך געבילדעט סאָוועטן אין מאָסקווע און אין אַ ריי אַנדערע שטעט. שפּעטער, אין דעצעמבער, האָבן די סאָוועטן פון מאָסקווע, ראָסטאָוו, נאָוואָראָסיסק, יעקאַטערינאָסלאַוו און טשיטאַ אָנגעפירט מיטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין זייערע שטעט. די סאָוועטן זיינען געווען אמת'ע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. זיי זיינען געווען דער קערן פון דער נייער מאַכט, דער קערן פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון די אַרבעטער און פּויערים. די אַרבעט פון די באָלשעוויקעס אין דעם סאָוועט פון פּעטערבורג און אין די אַנדערע סאָוועטן איז געווען געווענדעט צו פאַרוואַנדלען זיי אין אָרגאַנען פון אויפשטאַנד, אין אָרגאַנען פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער מאַכט.

די בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקן. די בורזשואַזיע האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די רעוואָלוציע זאָל דערפירט ווערן ביזן סוף, ווייל דאָס וואָלט געהייסן, אַז די אַרבעטער און פּויערים וואָלטן פאַרכאַפּט די מאַכט און וואָלטן געוואָרן די באַלעבאַטים פונעם לאַנד. די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט, אַז דאָס וואָלט נאָך ניט געווען קיין סאָציאַליזם. דאָס וואָלט נאָר געווען די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום, אָבער דאָס וואָלט געווען אַ גיגאַנטישער טריט אויפן וועג צו דעם אומוואַרף פון דעם קאַפּיטאַליזם.

דעם 25טן אָקטאָבער האָט לענין געשריבן אין זיין אַרטיקל „דער ערשטער זיג פון דער רעוואָלוציע״:

„איר זייט ניט אַליין, אַרבעטער און פּויערים פון גאַנץ רוסלאַנד! אויב איך וועט געלינגען אומוואַרפן, דערשלאָגן און פאַרניכטן די טיראַנען פון דער לייב־אייגנשאַפטלעכער, פּאָליציייאישער, פּריצישער און צאַרישער רוסלאַנד, וועט אייער זיג זיין דער סיגנאַל פון דעם אַל־וועלטלעכן קאַמף קעגן דער טיראַניע פון דעם קאַפּיטאַל, דעם קאַמף פאַר דער פולער, ניט נאָר פּאָליטישער, נאָר אויך עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון די אַרבעטנדיקע, אַ קאַמף צו באַפרייען די מענטשהייט פון אָרעמקייט, צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.״

די בורזשואזיע האָט זיך דערשראָקן און האָט געפאָדערט, אַז די רעוואָ־לוציע זאָל ווערן פאַרענדיקט. נאָך אין אָקטאָבער האָט זי געזאָגט: גענוג! אַ זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער פּאַרטיי קאָנסטיטוציאָ־נאַליסטן־דעמאָקראַטן (מיליוקאָוו׳ס פּאַרטיי), האָט געשריבן: „לאָמיר אַרויס־פירן די פערד פונעם טעמפּל." סטרואַווע, אַ ליבעראַלער פירער, האָט דער־קלערט: „מיר דאַרפן ניט קיין רעגירונג פון וויטע־דורנאָוואָ (צארישע מיניס־טאָרן), אָבער מיר דאַרפן אויך ניט קיין רעגירונג פון דעם סאָוועט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן."

דער סאָוועט האָט אָבער אָנגעהויבן קוקן אויף זיך אַלץ מער ווי אויף אַן אַרבעטער־רעגירונג, אַן אָרגאַן פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט. דעם 31טן אָק־טאָבער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ רוף צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן איינפירן דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. דעם ערשטן נאָוועמבער האָט די באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אַרום־געכאַפּט כמעט אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן.

נייע גרויזאַמע געשעענישן האָבן זיך אָנגערוקט. די רעגירונג האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד און האָט זיך געקליבן שטעלן די רעוואָלוציאָ־נערע מאַטראָסן צום געריכט. דער פּעטערבורגער סאָוועט האָט אויף צוועלף באַטאָג, דעם 2טן נאָוועמבער, דערקלערט אַ נייעם גענעראַל־סטרייק אונטערן לאָזונג: „אַרונטער מיט די מיליטערישע געריכטן! אַרונטער מיט דער טויט־שטראָף! אַרונטער מיט דעם קריגס־צושטאַנד אין פּוילן און אין גאַנץ רוס־לאַנד!"

דער נאָוועמבער־סטרייק האָט געדויערט אַן ערך זיבן טעג. ווען ער האָט זיך געענדיקט, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער קאַמף אויף איינצופירן דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען. דער סאָ־וועט האָט גערופן די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע אין דער אַרמיי. דער סאָוועט האָט זיך אָפן געגרייט צו דער לעצטער אַנטשיידנדיקער שלאַכט קעגן דעם אַלטן רעזשים — אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

דער פּעטערבורגער סאָוועט האָט שוין אויפגעהערט צו זיין אַ לאָקאַלע אינסטיטוציע. ער איז געוואָרן דער הויפּט־אָרגאַן פון דער רעוואָלוציע פאַרן גאַנצן לאַנד. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט דעלעגאַטן אין אַלע שטעט צו אָר־גאַניזירן לאָקאַלע סאָוועטן. אין דער זעלביקער צייט האָט ער אָנגעפירט מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער און האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס).

און אנדער ארבעט איז געווען — קאמף קעגן ארבעטסלאָזיקייט. די פאבריקאנטן האָבן גענומען די אָפּענסיווע קעגן די ארבעטער דורך דעם, וואָס זיי האָבן פארמאכט די פאבריקן. עס איז דערקלערט געוואָרן א לאָקאַוט אף א ברייטן מאסשטאב. דער סאָוועט האָט געקעמפט דערפאר, אז די פאבריקן זאָלן געעפנט ווערן.

דאָס אַלץ קומט פאָר אָפן, פאר דער גאנצער וועלט. די רעגירונג איז דערווייל נאָך אומאנטשלאָסן. זי וואָלט א בעלן געווען אונטערדריקן די רע־וואָלוציאָנערע באוועגונג מיט בלוט און אייזן, אָבער זי האָט מורא, אז זי קען זיך ניט געגוג פארלאָזן אף דער ארמיי. נאָך דעם אויפשטאנד אין קראָנ־שטאט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאנד פון די מאטראָסן אין סעוואס־טאָפּאָל אונטער דער פירערשאפט פון א יונגן לייטענאנט שמידט. די מאט־ראָסן האָבן אויסגעקליבן א סאָוועט פון דערווײלטע דעפּוטאטן. דער אויפ־שטאנד איז ברוטאל אונטערדריקט געוואָרן און דער לייטענאנט שמידט איז הינגעריכטעט געוואָרן, אָבער די סאָלדאטישע באוועגונג האָט אויסגעבראָכן אין קיעוו, כארקאָוו, יעקאטערינאָסלאוו, אפן קאווקאז און אין טורקעסטאן.

וואָס מער עס פארשטארקט זיך די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, אַלץ נעענטער קומט די בורזשואזיע צום צאריזם. די בורזשואזיע, וועלכע האָט ערשט ניט לאנג זיך געפּוצט אין רעוואָלוציאָנערע פעדערן, דערקלערט איצט, אז אַלע צוועקן פון דער רעוואָלוציע זיינען שוין דערגרייכט און אז איצט דאַרף מען האָבן „אָרדענונג“.

## צוויי־און־זעכציקסטער קאַפּיטל

# דער באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד אין מאָסקווע

מיט יעדער שעה קומען אָן קיין ווילנע אַלץ נייע מעלדונגען וועגן רעוואָ־לוציאָנערן פֿלאַסער איבערן לאַנד. דער פּעטערבורגער סאָוועט שטייט אין צענטער פֿון דער גאַנצער באַוועגונג. דער פּעטערבורגער סאָוועט ווייסט, אַז צענדליקער מיליאָנען הערן און פֿאָלגן אויס זיין וואָרט.

דעם 22טן נאָוועמבער האָט דער סאָוועט פֿאָרגעשלאָגן די האָרעפּאַשניקעס פֿון רוסלאַנד, אַז זיי זאָלן אַרויסנעמען זייערע דעפּאָזיטס פֿון די שפּאָר־קאַסעס. די שפּאָר־קאַסעס האָבן זיך געפֿונען אין די הענט פֿון דער רעגירונג. דאָס געלט האָט די רעגירונג אויסגענוצט פֿאַר אירע צוועקן. דורך אַרויסנעמען די דעפּאָזיטס האָט דער סאָוועט געפּרוּווט פֿאַרערגערן די פֿינאַנצן פֿונעם צאַר. אויך האָט דער סאָוועט געפֿאָדערט, אַז אַלעמאָל, ווען אַרבעטנדיקע נעמען אַרויס זייערע דעפּאָזיטס, זאָלן זיי פֿאָדערן גאָלד און זילבער, ניט קיין פּאַפּירלעך, ווייל פּאַפּירלעך האָט די רעגירונג געקענט אָפּדרוקן, וויפֿיל זי האָט געוואָלט. פֿאַר אונז דעמאָלט איז אָט דער טריט פֿון דעם סאָוועט געווען אַ נייס. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. סטייטש, דער סאָוועט וויל דערלאַנגען דער צאַרישער רעגירונג אין סאַמע האַרצן — אין איר פֿינאַנץ־סיסטעם. די רעגירונג האָט געענטפֿערט דערמיט, וואָס זי האָט אַרעסטירט דעם פֿאָרזיצער פֿונעם סאָוועט, איינעם מיטן נאָמען כרוסטאַליעוו־נאָסאַר, אַ מענטש ביז ניט לאַנג אינגאַנצן אומבאַקאַנט אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן. דער סאָוועט האָט באַשטימט טראָצקי׳ן פֿאַרן פֿאָרזיצער. אָבער טראָצקי׳ס ראָלע אינעם סאָוועט איז געווען אַ מענשעוויסטישע, אַ ניט־רעוואָלוציאָנערע. דער סאָוועט האָט אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע וועגן צוגרייטן זיך צום באַ־וואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. עס איז אָבער ווייניק וואָס געטאָן געוואָרן צו אָרגאַני־זירן דעם אויפֿשטאַנד. די רעגירונג האָט געענטפֿערט דערמיט, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע פֿירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, סיי צווישן די אַרבעטער, סיי צווישן די פּויערים, זאָלן אַרעסטירט ווערן. דער אויספֿיר־קאָמיטעט פֿונעם סאָוועט, צוזאַמען מיטן אַלרוסלענדישן פּויערים־

פארבאנד און מיטן צענטראל־קאמיטעט פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי און דער פארטיי סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, האט ארויסגעלאזט דעם „פינאנץ־מאניפעסט", אין וועלכן ער האט פארגעשלאגן דער באפעלקערונג זיך אפצוזאגן פון מאכן דער רעגירונג וועלכע ניט איז צאלונגען. די רעגירונג האט געענטפערט דערמיט, וואס זי האט ארעסטירט דעם גאנצן סאוועט פון פעטערבורג, סיי דעם אויספיר־קאמיטעט, סיי די מיטגלידער. דער פעטער־בורגער פראלעטאריאט האט באלד אויסגעקליבן א צווייטן סאוועט, וועלכער האט צוזאמען מיטן מאסקווער סאוועט אנגעהויבן גרייטן דורכפירן א נייעם גענעראל־סטרייק. דעם 8טן דעצעמבער איז ארויס דער רוף צום לעצטן און אנטשיידנדיקן קאמף. דער פעטערבורגער פראלעטאריאט, אויסגעמאטערט פון די פריערדיקע קאמפן, פון דעם לאקאוט און דער ארבעטלאזיקייט, האט שוין אבער ניט געקענט ארויסווייזן די נויטיקע רעוואלוציאנערע ענערגיע, צו דערלאנגען דעם צאריזם אן אנטשיידנדיקן קלאפ. דערפאר האט אין מאסקווע אויפגעקפלאקערט דער בוואפנטער אויפשטאנד, דער גרעסטער אין דער געשיכטע פון 1905.

דעם 8טן דעצעמבער האט דער מאסקווער פראלעטאריאט אנגעהויבן אן אלגעמיינעם סטרייק. עס האבן זיך צוגעמאכט אלע פאבריקן, זאוואדן, אייזנ־באן־ווארשטאטן. די מאסן האבן אפגעהאלטן מיטינגען אומעטום. די שטימונג איז געווען א הייסע, א מיליטאנטע. די רעגירונג האט שוין אבער אנגעהויבן ארויסווייזן מער חוצפה און מער ברוטאלקייט, ווי ביז אהער. ס'איז געווען א גרויסער מיטינג אין טעאטער „אקוואריום"; א צווייטער מיטינג איז געווען אין פידלער'ס שול. דער מאסקווער גענעראל־גובערנאטאר דובאסאוו האט געהייסן באשיסן ביידע געביידעס מיט ארטילעריע־פייער. דער פראלע־טאריאט פון מאסקווע האט באשלאסן צו ענטפערן אף דער אטאקע.

עס האט זיך געבילדעט א קאאליציע־קאמיטעט פון אלע מאסקווער קאמף־ארגאניזאציעס מיטן באלשעוויסטישן קאמיטעט אין דער שפיץ. דער קא־אליציע־קאמיטעט האט באשלאסן אנהויבן אפענע מלחמה קעגן דער ארמיי און פאליציי. עס צעברענט זיך דער מאסקווער אויפשטאנד.

דער אויפשטאנד איז געווען אמשטארקסטן אין דעם שטאט־טייל פרעסניא. דאס איז געווען דער ארבעטער־קווארטאל ארום די גרויסע טעקסטיל־פאבריקן. דער גאנצער שטאט־טייל איז פארוואנדלט געווארן אין איין גרויסן שלאכט־פעלד. די ארבעטער האבן אויפגעשטעלט באריקאדן אף יעדער גאס. די באריקאדן האבן זיי פארטיידיקט מיט געווער. צווישן איין באריקאדע און דער צווייטער איז געווען א שטענדיקע פארבינדונג. די בא־

פעלקערונג ארום און ארום איז געווען פראָלעטאַריש און דעריבער סימפּאַטיש צו דעם אויפשטאַנד. די „דרוזשיניקעס" — מיטגלידער פון די קאַמף־גרופן — האָבן געקראָגן הילף אין דער פאָרמע פון שפייז־פּראָדוקטן און מעדי־צינישער באַזאָרגונג פון די אַרומיקע הייזער. טראָמער האָבן די אַרבעטער געמוזט אָפּטרעטן פון אַ געוויסער באַריקאַדע, האָט מען זיי אַריינגענומען אין די הייזער פון די אַרבעטער, אַריבערגעפירט דורך הינטערשטע הויפן און זייטיקע געסלעך אין אַן אַנדערן טייל פון דעם זעלבן קוואַרטאַל, וואו זיי האָבן ווידער אויפגעשטעלט באַריקאַדן. די גאַנצע אַרבעטער־באַפעלקערונג פון דער געגנט איז פאַקטיש געווען באַטייליקט אין אויפשטאַנד. ענלעכע קאַמפן, נאָר אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב, זיינען פאָרגעקומען אויך אין פאַר־שיידענע אַנדערע טיילן פון מאָסקווע.

די שלאַכטן האָבן געדויערט עטלעכע טעג. פאַר די צאַרישע באַאַמטע איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט דער פּאָליציי און מיליטער, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות אין מאָסקווע, האָבן זיי ניט געקענט בייקומען די אויפגע־שטאַנענע שטאָט. מען האָט אַרויסגערופן פון פעטערבורג דעם סעמיאָנאָווסקי גוואַרדיע־פּאָלק — געקליבענע סאָלדאַטן אונטער דער פירערשאַפט פון פּאָל־קאָווניק רימאַן. מען האָט געהייסן דעם פּאָלק איינגעמען מאָסקווע, וויפיל דאָס זאָל ניט קאָסטן. די מיליטערישע קרעפטן האָבן גענומען באַשיסן די פּרעסניאַ מיט קאַנאָנען. אַ סך געביידעס פון דעם שטאָט־טייל זיינען פאַר־ברענט געוואָרן. דעם 18טן דעצעמבער, זעקס טעג נאָכן אָנהויב פון די העלדישע קאַמפן, האָט זיך פּרעסניאַ אונטערגעגעבן. אין די שלאַכטן זיינען אומגעקומען העכער טויזנט רעוואָלוציאָנערן.

מאָסקווע האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג. עס זיינען פאָרגעקומען באַוואָפנטע אויפשטאַנדן אין ראָסטאָוו, נאָוואָראָסיסק און אַנדערע שטעט. די אויפשטאַנדן זיינען באַלד אונטערדריקט געוואָרן.

עס הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון שטראָף־עקספּעדיציעס. די ערשטע און וויכטיקסטע שטראָף־עקספּעדיציע איז געווען אויף דער מאָסקווע־קאַזאַנער אייזנבאַן. פון סטאַנציע צו סטאַנציע איז געפאָרן אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ בעסטיאַלישן אָפיציר — און די אַלע אייזנבאַן־אַרבעטער און אַנדערע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די סטרייקס און אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, זיינען אָדער צעשאָסן געוואָרן, אָדער אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף סלופּעס. מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג זיינען די שטראָף־עקספּעדיציעס זיך באַגאַנגען ווי מיט אַ באַזיגטן לאַנד אין דער צייט פון מלחמה.

שטראָף־עקספּעדיציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אויך אין אַנדערע טיילן פון לאַנד: אין די לעטישע פּראָווינצן, וואו עס איז געווען אַ מעכטיקע פּויערים־באַוועגונג, אַפן קאַווקאַז און אין סיביר. דאָס לאַנד איז בוכשטעבלעך פאַר־נאָסן געוואָרן מיטן בלוט פון רעוואָלוציאָנערן. אַ סך זיינען צעשאָסן געוואָרן כמעט גאָר אָן משפּט. אַנדערע זיינען גע׳משפּט געוואָרן אין פעלד־געריכטן, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אומעטום. פעלד־געריכטן האָבן געווילדעוועט איבער דער לענג און ברייט פון דעם לאַנד. אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען אָן ערך זיבן טויזנט פאַר׳משפּט און הינגעריכטעט געוואָרן און אָן ערך זיבעציק טויזנט זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמעס.

אָט דאָס איז געווען דער ענטפער פונעם צאַר אויף דער פאָדערונג פון פרייהייט. אָט אַזוי האָט ניקאָלאַי דער צווייטער אויסגעפילט זיין מאַניפעסט פונעם 17טן אָקטאָבער, וואו ער האָט צוגעזאָגט איינפירן די אומבארירלעכקייט פון פּערזאָן און אַלערליי פרייהייטן.

עס האָט זיך באַקומען, אַז די טורמעס האָבן זיך קוים אָפּגעקילט נאָך דער אַמנעסטיע. צענדליקער טויזנטער זיינען באַפרייט געוואָרן אַ דאַנק דער רעוואָלוציע — און שוין זיינען די קאַמערן ווידער איבערגעפילט געוואָרן מיט נייע אַרבעטער און פּויערים, קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פונעם פאָלק. נאָר ווייניק האָט געדויערט די יונגע פרייהייט.

נאָר איך האָב דאָך אָבער גאָרניט דערציילט וועגן דער אַמנעסטיע, וועלכע האָט אויך אַ שייכות צו מיר פּערזענלעך.

## דריי־און־זעכציקסטער קאַפּיטל

# איך באַגעגן זיך צום לעצטן מאָל מיטן זשאַנדאַרם פּאַטאַראַקי

עטלעכע טעג נאָך דעם אָקטאָבער־סטרייק האָט דער צאַר זיך געפונען געצוואונגען צו דערקלערן אַן אַמנעסטיע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

עס איז ניט געווען קיין פולע אַמנעסטיע. ניט אַלע די, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין קאַטאָרגע, זיינען באַפרייט געוואָרן. אויך די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין טעראָריסטישע אַקטן, זיינען ניט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַמנעסטיע. דאָך האָט זי אַרומגעכאַפּט עטלעכע צענדליק טויזנט רעוואָ־לוציאָנערן.

דער צאַר האָט קיין זאַך ניט געטאָן מיטן גוטן ווילן. מיט דער אַמנעסטיע האָט ער ניט געהאַט קיין ברירה. אין אַ סך שטעט האָבן זיך מאַסן אַרבעטער אַ לאָז געטאָן צו די טורמעס און גענומען באַפרייען זייערע חברים. די וועכטער האָבן ניט אַלע מאָל געקענט ביישטיין קעגן די מאַסן, וואָס האָבן גע־בראָכן די גראַטעס. די רעגירונג האָט זיך געפונען אין אַ פּאַניק און האָט — אַף דערווייל — נאָכגעגעבן. צווישן די באַפרייטע האָבן זיך געפונען די „נאַראָדאָוואָלצעס״ — רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער פּעטראָפּאַוואָלסקער און שליסלבורגער פעסטונגען נאָך אין די אַכציקער יאָרן. אייניקע פון זיי זיינען אָפּגעזעסן צוואַנציק יאָר און מער. איצט זיינען זיי אַרויס אַף דער ליכטיקער וועלט. ווי אַזוי די רעוואָלוציאָנערע מאַסן האָבן זיי באַגעגנט, וואָס פאַר אָוואַציעס עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָט־די פּיאָנערן פון קאַמף קעגן צאַריזם, איז שווער צו באַשרייבן.

אונטער דער אַמנעסטיע בין איך אויך אַרונטערגעפאַלן. מיין „דיעלע״ (קעיס) איז אָפּגעווישט געוואָרן. איך האָב געקענט לעבן אַף מיין אייגענעם נאָמען. דער „זאַלאָג״ (בעיל) פון 500 רובל, וואָס איך האָב איינגעצאָלט צוריק מיט אַ יאָר, איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אָבער איך אַליין בין געווען פריי — דערווייל.

די גאַנצע צייט נאָך דעם גענעראַל־סטרייק און ביז דער אַמנעסטיע האָב

איך געלעבט אַף מײַן אײגענעם נאָמען, נאָר קײן פּאַס האָב איך ניט געהאַט. איך האָב זיך געדאַרפט פאַרשרײַבן אין פּאָליציי־צירקל — די דאָזיקע פּליכט צו רעגיסטרירן זיך בײַ דער פּאָליציי איז ניט אָפּגעשאַפט געװאָרן אַף קײן אײנציקן טאָג — אָבער איך האָב אָנגעגעבן, אַז מײַנע פּאַפּירן געפינען זיך „אין דער זשאַנדאַרמסקע פאַרװאַלטונג”. פאַרן דװאָרניק (דזשעניטאָר) און סענטיק אויך פאַר די באַאַמטע פונעם פּאָליציי־צירקל איז דאָס געװען גענוג. אַ מענטש, װעמעס פּאַפּירן געפינען זיך אין דער זשאַנדאַרמסקע פאַרװאַלטונג און אַלײן איז ער ניט אַרעסטירט, איז מסתמא כשר.

װען עס איז אָבער געקומען די אַמנעסטיע און איך האָב געזען, אַז די געװעזענע אַרעסטירטע גײען טאַקע אַרום פרײַ און קײנער טשעפּעט זײ ניט, האָב איך באַשלאָסן צוריקצוקריגן מײַנע פּאַפּירן.

איך האָב געקענט פאָרן אין דער שטאָט אין קיעװער גובערניע, װאו איך בין געװען צוגעשריבן, און אַרויסנעמען אַ נײַעם פּאַס, אַ שפּאָגל נײַעם, אַ כשר'ן, װעלכער װאָלט קײן זאַך ניט דערצײלט װעגן מײַן פאַרגאַנגענהײט. גוטע פרײַנט האָבן מיר טאַקע געראָטן דאָס צו טאָן. אין יענער צײַט, װען אַלע פונדאַמענטן האָבן אויסגעזען דערשיטערט, איז לײַכט געװען פאַר אַ געװעזענעם פּאָליטישן צו קריגן אַן אײגענעם „רײנעם” פּאַספּאָרט. אָבער איך האָב געװאוסט, אַז מײַנע פּאַפּירן געפינען זיך אין דער זשאַנדאַרמסקע פאַר־װאַלטונג — און איך האָב באַשלאָסן צו גײן אַהינצו און זײ פאָדערן.

איך קען ניט זאָגן, אַז מיך האָט ניט באַװעגט קײן נקמה־געפיל. איך האָב גוט געדענקט מײַן זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָװניק פּאַטאַראַקי מיט זײַן ברײטן פּנים און מיט זײַנע גלײַכע געװעקסלטע װאָנצעלעך. איך האָב גע־דענקט, װי אַזױ ער האָט זיך אויפגעפירט אין זײַן קאַבינעט, װען ער האָט מיך אַרויסגערופן אַף אַ דאָפּראָס. מיר האָט זיך געװאָלט איבערלעבן דעם מאָמענט, װען איך װעל זיך נאָכאַמאָל באַװײַזן פאַר אים און ער װעט מיר ניט קענען טאָן קײן זאַך. װאָלט עס געװען מיט אַ חודש אָדער זעקס װאָכן שפּעטער, װאָלט פּאַטאַראַקי װידער געהאַט די מאַכט מיך צו אַרעסטירן. דער פּעריאָד פון פרײַהײט איז געװען זײער אַ קורצער. אָבער גראָד אין יענע טעג האָבן מיר נאָך געפילט דעם זיג פון דעם אָקטאָבער־סטרײַק און די אַרבעטער האָבן גענומען פרײַהײטן „יאַװאָטשנים פּאָריאַדקאָם” (אַף דער אײגענער איניציאַטיװע, „אָן אַ פריערדיקער מעלדונג”).

בין איך אַװעקגעגאַנגען אײן מאָל אַ פרימאָרגן אין דער זשאַנדאַרמסקע פאַרװאַלטונג פון װילנע. זי האָט זיך געפונען ערגעץ אַף פּאָגוליאַנקאַ, אין אַ גרויסער דרײַ־שטאָקיקער געבײַדע. פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ זשאַנ־

דארט. ער פרעגט מיך, וואָס איך דאַרף האָבן. זאָג איך אים, אַז איך דאַרף זען דעם פּאָדפּאָלקאָווניק פּאַטאַראַסי. קלינגט ער אָן און עס גייט אַרויס פון אינעווייניק אַן אַנדער זשאַנדאַרם, און יענער פירט מיך אַריין אין צימער און הייסט מיר וואַרטן. אין דעם צימער זיצן לעבן אַ טיש נאָך צוויי זשאַנ־דאַרמען. איך טו אַ קוק און דערקען די יונגען, וואָס האָבן מיך געפירט פון דער טורמע צו פּאַטאַראַסי'ן אַפן פאַרהער. דער, וואָס האָט מיך אַריינ־געפירט, גייט אַוועק אין די אינעווייניקסטע צימערן און זאַמט זיך דאָרט אַ שטיקל צייט. נאָכדעם גייט אַרויס פּאַטאַראַסי'ס סעקרעטאַר, אַ יונגער זשאַנ־דאַרמסקע אָפיצירל, און פרעגט מיך, וואָס איך וויל האָבן. זאָג איך אים, אַז מיט אים וויל איך ניט ריידן. איך דאַרף זען דעם פּאָדפּאָלקאָווניק פּאַ־טאַראַסי.

עס גייט אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט און מ'פירט מיך אַריין אין פּאַטאַ־ראַסי'ס קאַבינעט. ער שטייט אַף יענער זייט שרייב־טיש, איך שטיי אַף דער זייט. ער שווייגט, איך שווייג דערווייל אויך. ער קוקט אַף מיר מיט זיינע בלייערנע רציחה־אויגן. איך זיך זע ניט, נאָר מיר שטעלט זיך פאָר, אַז בא מיר איז דאָ אַ שמייכל אַף די ליפּן. נאָכדעם הויבט זיך אָן דער פאָלגנדיקער שמועס.

ער: וואָס פאַרלאַנגט איר?

איך: איך פאַרלאַנג מיינע פּאַפּירן.

פּאַוזע.

ער: איר'ט זיך דערשלאָגן פרייהייט, הע? (אין זיין קול הערט זיך אַ ביטערער שפּאָט.)

איך: דאָס איז ערשט אַן אָנהויב. דערווייל האָבן מיר ווייניק פרייהייט. מיר וועלן זי שוין דעראָבערן איננאַנצן.

ער: איז וואָס־זשע ווילט איר?

איך (פעסט): אַזוי ווי איך בין אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַמניעסטיע, פאַרלאַנג איך, אַז איר זאָלט מיר אָפּגעבן מיינע פּאַפּירן.

ער (סאַרקאַסטיש): אפשר וועט איר פאַרלאַנגען אויך די ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן בא אייך קאָנפיסקירט?

איך ((מיט זיכערקייט): אַ דאַנק. יענע ליטעראַטור איז שוין צו־אַלט. מיר וועלן אָפּדרוקן נייע.

אין פינף מינוט אַרום האָב איך געהאַט מיינע פּאַפּירן. די רעוואָלוציע האָט מיך באַפרייט פון זשאַנדאַרמסקע הענט.

:: :: ::

אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום איז די רעוואָלוציע געווען באַזיגט. געבליבן איז אַ חוזק פון דעמאָקראַטישע פרייהייטן — אָן דער פרייהייט פון סטרייקס, אָן דער פרייהייט צו אָרגאַניזירן אמת'ע טרייד־יוניאָנס, אָן פאַרזאַמלונגס־פרייהייט און אָן פרעסע־פרייהייט פאַר די אַרבעטער — און געבליבן איז די גאָסודאַרסטווענע דומע, וואָס איז געווען דער רעאַקציאָנערסטער פאַרלאַמענט אין דער וועלט, אויב מ'האָט דאָס בכלל געקענט אָנרופן פאַרלאַמענט. געבליבן איז אָבער אויך אין דער טיפעניש פון די אַרבעטער־מאַסן די טראַדיציע פון העלדישע קאַמפן. געבליבן איז בײַ די אַרבעטער די פאַרבינדונג מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. געבליבן איז די טראַדיציע פון די סאָוועטן, וועלכע איז קיינמאָל ניט פאַרשוואונדן פונעם געדאַנק פון דעם פּראָלעטאַריאַט. געבליבן אין דאָרף איז די טראַציע פון רעוואָלטן קעגן די פּריצים. ס'איז אוועקגעגאַנגען אַ ביסל ווייניקער ווי צוועלף יאָר נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע — און ס'איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917, וואָס האָט איינגעשטעלט די מאַכט פון די סאָוועטן אונטער דער פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. איינגעשטעלט — אויף אייביק.